STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09273

# FRATERNALIZM UN INSHURENS

H. Plotkin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. פּלאָטקין

# פראַטערנאַליזם און אינשורענס

## פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג

פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס און אינשורענס קאָמפּאַניעס
אין אַמעריקע

דער אָפּצאָל פון פאַרשיידענע פאָרמען אינשורענס פּאָליסים

פאַרלאַג „ברודערשאַפט“, ניו-יאָרק
1938

געווידמעט מיין חבר'טע לאה'קע

Copyright, July, 1938
by H. PLOTKIN

# אינהאַלט פאַרצייכניש

## ערשטער קאַפּיטל


זייט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — 5

1. די עקאָנאָמישע באַזע פון דער פּראָטערנאַלער באַוועגונג — — — — — — — — — — — — — — 10
2. דער פּראָגרעסיווער און באַוואוסטזיניקער אַרבעטער אין דער פּראָטערנאַלער באַוועגונג — — — — 18
3. אינשורענס קאָמפּאַניעס און זייער פאַרבינדונג מיט דער פּראָטערנאַלער באַוועגונג — — — — — — 22


## צווייטער קאַפּיטל


4. קליינע צאָלונגען — אַ פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם — — — — — — — — — — — 30
5. צאָלונגען: וויסנשאַפטלעכע און נים־וויסנשאַפטלעכע — — — — — — — — — — — — — — 33
6. אומוויסנקייט אין אינשורענס — — — — — — — — — — 36
7. אינשורענס און געמבלעריי — — — — — — — — — — 37
8. וויסנשאַפטלעכע צאָלונגען — — — — — — — — — — 40
9. וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען פון די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס — — — — — — — — — — — 44
10. טאַבעלן בלויז פאַר אילוסטראַציע — — — — — — — — 47


## דריטער קאַפּיטל


11. לעוול רעיטס און סטעפּ רעיטס — — — — — — — — 48
12. טוירם אינשורענס — — — — — — — — — — — — — 65


## פערטער קאַפּיטל


13. אָרדינערי לאַיף אינשורענס — — — — — — — — — — 70
14. טווענטי פּעימענטס לאַיף — — — — — — — — — — 80

זייט

15. ענדאָומענט פּאָליסים — — — — — — — — — — 85
16. פּאַלשע באַרעכטיקונג — — — — — — — — — — 93
17 דיווידענדם — — — — — — — — — — — — — 100
18. אַנואיטיס — — — — — — — — — — — — — — — 103


## פינפטער קאַפּיטל

19. אינשורענס אין די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס — 108
20. צאָלונגען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן — — — — — — — — — — — — — — 113
21. דער פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם אין דער טעגלעכער פּראַקטיק — — — — — — — — 117
22. די צאָלונגען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן אין פאַרגלייך מיט רעגיועבל טוירם — — — 120
23. צאָלונגען אין דעם אַרבעטער רינג — — — — — — 122
24. צאָלונגען אין דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פּאַרבאַנד 135


## זעקסטער קאַפּיטל

25. אינדוסטריעלע אינשורענס — — — — — — — — — 149
26. די פּרוי און איר ראָל אין פאַרבינדונג מיט אינ־שורענס — — — — — — — — — — — — — — — 165
27. דערפאַרונגען מיט אינדוסטריעלן אינשורענס אין דער צייט פון אַ שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס — — 167
28. גרופּ־אישורענס — — — — — — — — — — — — 173


## זיבעטער קאַפּיטל

29. דער אינשורענס אַגענט — — — — — — — — — — 183
30. פּאָרזיכטיק ויסרעכענען די אינשורענס פּראָבלע־מען — — — — — — — — — — — — — — — — 187
31. דער פּראָלעטאַרישער פראַטערנאַליזם — דער וועג־ווייזער — — — — — — — — — — — — — — — 190

אַנמערקונגען און ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — 195

# פאָרוואָרט

מיר ברייגנען פאר דעם לייענער דאָס בוך „פּראָטערנאַליזם און אינשורענס", ווייל מיר גלויבן, אַז דער ענין איז זייער אַ וויכטיקער און רירט אָן כמעט יעדן איינציקן מענטשן.

מיליאָנען מענטשן באַלאַנגען צו פאַרשיידענע פּראַטערנאַלע אָרדנס, און צענדליקער מיליאָנען פאַרמאָגן פאַרשיידענע פאָרמען פון אינשורענס. ביידע פאָרמען — פּראַטערנאַלע און פּריוואַטע — פאַרזיכערונג באַצוועקן צו באַשיצן די היים און פאַמיליע.

דער ענין אינשורענס איז אָבער אַזאַ, וואָס אויב מען איז ניט מיט דעם געניט באַקאַנט, קען מען ניט פאַרזיכערן אַמבעסטן די ליבסטע און טייערסטע. מיר וועלן פּרואוון דורך אונזער אַנאַליז פעסטצושטעלן וועלכע פאָרמען פון אינשורענס זיינען די סאַמע צוגעפּאַסטע סיי אין די פּראַטערנאַלע אָרדנס, סיי אין די פּריוואַטע אינשורענס־קאָמפּאַניעס. מיר ווילן העלפן לייזן די פאַרזיכערונג־פּראָבלעם פאַר די ברייטע מאַסן, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט צו באַקומען די מעגלעכסט־העכסטע אינשורענס פאַר די סאַמע קלענסטע און סאַמע צוגענגלעכע צאָלונגען.

אונזער גאַנצער אַנאַליז וועגן אינשורענס איז ניט געצילט צו אַנטמוטיקן אינשורענס. פּונקט פאַרקערט, מיר ווילן, אַז דער לייענער זאָל באַקומען אַ בעסערע פאַרשטענדעניש וועגן אינשורענס, און דורכדעם זאָל ער קענען נאָך בעסער דערפילן די פליכט צו זיין פאַמיליע, אפילו אונטער די איצטיקע באַדינגונגען. עס איז אונזער הייסער וואונטש, אַז די פּראַטערנאַלע אָרדנס זאָלן קענען נאָך בעסער דינען די אינשורענס־נויטן פון זייערע מיטגלידער.

ס'איז דעריבער וויכטיק, אַז דאָס בוך זאָל געלייענט ווערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט פון יעדן איינעם, וואָס פאַרמאָגט וועלכע עס איז אינשורענס, ווי אויך פון יעדן איינעם, וואָס באַלאַנגט צו וועלכן עס איז אָרדן אָדער סאָסייעטי.

---

אין דער אידישער שפּראַך איז כמעט ווי ניט פאַראַן קיין אָפּהאַנדלונגען וועגן אינשורענס, פּריוואַטע אָדער פּראַטערנאַלע. אָבער אפילו אין דער ענגלישער ליטעראַטור, וואו עס פעלן ניט קיין ביכער

וועגן אינשורענס — פעלט אָבער אַן אָפּשאַצונג מיט אַ קלאַסן־צוגאַנג צו דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער באַדייטונג פון דער פראַגע.

„די געשיכטע פון דער ביז־איצטיקער מענטשלעכער געזעל־שאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף". אַזוי האָט אונדז גע־לערנט דער פאָטער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם קאַרל מאַרקס. פּראָטערנאַליזם און אינשורענס זיינען באַדייטנדיקע געזעלשאַפט־לעכע פאַקטאָרן. אויך זיי וואַקסן אַרויס פון דעם געבוי פון דער היינטיקער אָרדענונג.

ביז איצטער האָט נאָך אָבער כמעט קיינער ניט אָנגעוויזן אויף דעם אינטערעסן־געראַנגל פון די פאַרשיידענע קלאַסן אין דעם פּראָ־טערנאַלן און אינשורענס געביט. עס איז שוין דעריבער די העכסטע צייט, אַז דער קלאַסן־כאַראַקטער פון פּראָטערנאַליזם און אינשורענס זאָל קלאָר אויפגעדעקט ווערן.

מיר שטייען בײַ דעם שוועל פון אַ נייער עפּאָכע אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. יעדער נייער געזעלשאַפטלעכער פּע־ריאָד האָט געשאַפן אַזעלכע פאָרמען פון פּראָטערנאַליזם, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט די געגעבענע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. דער־פאַר איז נאַטירלעך, אַז עס זאָלן שוין אָנהויבן אויפקומען די נייע פּראָטערנאַלע פאָרמען פון דער אָנקומענדיקער עפּאָכע.

און מיר זעען טאַקע, אַז צוזאַמען מיט דעם אָנקומען פון דעם שאַרפסטן עקאָנאָמישן קריזיס אין דער געשיכטע פון קאַפּיטאַליזם, קומט אויך פאָר ניט צופעליק די גרינדונג פון דעם אינטערנאַציאָ־נאַלן אַרבעטער אָרדן, דער טרעגער פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַ־ליזם.

דער פּראָלעטאַרישער צוגאַנג צום פּראָטערנאַליזם מוז אויך אָנ־געווענדעט ווערן צו אינשורענס. אויך דאָרט מוז מען אַנאַליזירן דעם קלאַסן־אינהאַלט, קלאַסן־אינטערעסן און במילא — דעם קלאַסן קאַמף אויף דעם אינשורענס־געביט.

---

זאָל דאָ באַלד געזאָגט ווערן אַזוי שאַרף און קלאָר, ווי מעגלעך, אַז די גאַנצע אחריות פאַר דעם אינהאַלט פון בוך נעמט דער מחבר אויף זיך אַליין. די דערקלערונג איז נויטיק צוליב דעם, וואָס דער

מחבר איז יאָרן־לאַנג געווען אַן אַקטיווער טוער פון דעם אָרדן. ער איז געווען אַ מיטגליד 2 יאָר צייט אין דעם ניו־יאָרקער שטאַט קאָמיטעט ; 2 יאָר צייט אין דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער עקזעקו־טיוו קאָמיטע ; 5 יאָר אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער אידישער סעקציע ; און נאָענט פון 6 חדשים — דער דיסטריקט סעקרעטאַר פון דער אידישער סעקציע אין באָסטאָן.

איצט, ווען דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן, איז אָבער דער מחבר ניט מער ווי איינער פון די נאָענט צו 150 טויזנט מיטגלידער, וואָס דער אָרדן פאַרמאָגט. ער פאַרנעמט איצט ניט קיין אָנפירנדיקע פּאָ־זיציע, ניט נאַציאָנאַל און ניט לאָקאַל. דעריבער דאַרף אַלץ, וואָס דאָ ווערט געבראַכט, פאַר קיין פאַל ניט פאַרשטאַנען ווערן, ווי דער אויסדרוק פון אַן אָפיציעלן פאַרשטייער פון דעם אָרדן. אויסער דעם מחבר איז פאַר׳ן בוך קיינער ניט פאַראַנטוואָרטלעך.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער מחבר האָט אַ באַשטימטע באַצי־אונג צו דעם אָרדן, וועלכער איז אים ליב און וועמען ער איז איבער־געגעבן. ער באַטראַכט דעם אָרדן, ווי דעם אמת׳ן פאַרשטייער פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם. דאָס, דענקען מיר, שטערט ניט, נאָר פאַרקערט, עס העלפט אונז צו שטעלן אין דער גאַנצער שאַרפ־קייט די פּראָבלעם פון דער עקאָנאָמישער באַזע פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם אויך פאַר די אַנדערע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

מיר זיינען לחלוטין ניט אויסן צו פירן וועלכן עס איז קאַמף געגן דעם אַרבעטער רינג אָדער נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, וועמענס פאָרמען פון צאָלונגען מיר אַנאַליזירן אין׳ם בוך. פּונקט פאַרקערט : מיר ווילן דורך אונזער אַנאַליז בלויז העלפן די דער־מאָנטע אָרגאַניזאַציעס אַרויפגיין אָפּ׳ן ברייטן וועג פון פּראָלעטאַ־רישן פראַטערנאַליזם. דאָס בוך איז דעריבער וויכטיק ניט נאָר פאַר דעם אָרדן־אַקטיוו, נאָר, לויט אונזער מיינונג, איז עס פּונקט אַזוי וויכטיק פאַר דעם אַקטיוו פון אַרבעטער רינג און פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, ווי פון אַלע אַנדערע לאָדזשעס און סאָסייעטיס.

---

איך וויל באַ דער געלעגנהייט אויסדריקן אַ דאַנק צו אַלע חברים, וואָס האָבן מיר אָנפאַרטרויט מיט וויכטיקע פּאָזיציעס אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. אין דער טעגלעכער פּראַקטיק,

וואָס איך האָב דורכדעם באַקומען, וואָלט איך קיינמאָל ניט געקענט אַפילו טראַכטן וועגן אַזאַ אויספאָרשונג.

איך וויל אויך באַדאַנקען פאַר דעם כבוד, וואָס איז מיר צוגע־טיילט געוואָרן צו זיין לערער אין פאַרלויף פון 6 יאָר צייט אין די אידישע אַרבעטער אוניווערזיטעטן פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, נוארק און באָסטאָן, פון אַזוינע וויכטיקע קורסן, ווי „פּרינציפּן און סטרוק־טור פון אָרגאַניזאַציע" און „געשיכטע פון דער פּראָטערנאַלער באַ־וועגונג".

עס קומט אויך, אויסער צווייפל, אַ האַרציקן דאַנק די סטודענטן, וואָס האָבן באַזוכט די דערמאָנטע קורסן. זיי האָבן פיל בייגע־טראָגן, אַז איך זאָל זיך נעמען אָנשרייבן די אַרבעט וועגן אינשורענס און פראַטערנאַליזם. צענדליקער פון די סטודענטן האָבן עס פון מיר געפאָדערט און אָנגעבעטן זייער הילף אין פאַרשפּרייטן דאָס בוך.

אַ חבר'ישן דאַנק פ. טשערנער'ן, דעם אומדערמידלעכן סעקרע־טאַר פון דעם אידישן אַרבעטער אוניווערזיטעט אין ניו־יאָרק, וועל־כער האָט מיט זיין דערמוטיקונג בייגעטראָגן צו מיין דערפאָלג אַלס לערער און צו פאַרנעמען זיך מיט'ן שרייבן דאָס ווערק.

אַ באַזונדער דאַנק דעם חבר א. פאָמעראַנץ, וואָס האָט דורך זיינע אָנווייזונגען פיל געהאָלפן צו פאַרבעסערן דאָס בוך. אָבער וויכטיקער פון אַלץ איז די דערמוטיקונג, וואָס ער האָט מיר געגעבן צו שרייבן דאָס בוך דורך זיין אַרטיקל אין דער „טריבונע" פון דעם 27־טן מערץ, 1937, אונטער'ן נאָמען „יום טוב אין דערוואַכן". אין יענעם אַרטיקל האָט ער זייער חבר'יש קאָמענטירט מיין פאָר־טראַג פאַר מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע, ניו־יאָרקער שטאָט און דיסטריקט קאָמיטעטן. דער פאָרטראַג איז געווען אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל, וואָס איך האָב אריינגעגעבן אינ'ם בוך.

אַ האַרציקן דאַנק קומט זיכער די חברים: י. קרעמען, ס. גאָלדפאַרב און א. פיין, פאַר זייער דערמוטיקונג אין דער אַרבעט און זייערע פילע ווערטפולע אָנווייזונגען.

אונזער גאַנצע אַרבעט איז פּאַקטיש געווען פאַרטיק נאָך אין סעפּטעמבער, 1937. מיר האָבן איצט ניט געענדערט דעם סטאַטיס־טישן מאַטעריאַל, אַ חוץ אין עטלעכע פאַלן.

מיר ווילן האָפן, אַז דאָס בוך וועט זיין אַ וויכטיקער ביטראַג צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון דעם פּראָלעטאַרישן פּראַטערנאַ־ליזם. אין דער איצטיקער אַרבעט באַריר איך בלויז איין ווינקל פון דער ברייטער פראַגע. עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז אַ גענויע מאַרקסיסטישע אויספאָרשונג זאָל געמאַכט ווערן איבער דער געשיכטע פון דער פראַטערנאַלער באַוועגונג, וועלכע איז אַזוי רייך, וויכטיק און אינטערעסאַנט. דער שרייבער פון די שורות האָפט נאָך בייצוטראָגן אויך זיין חלק צו דער גרויסער און שווערער אַרבעט. כדי צו דערגרייכן דעם ציל, וועט אפשר נויטיק זיין אַ קאָלעקטיווע אַרבעט, די אָנשטרענגונגען פון אַ גאַנצער ריי שרייבער.

מיר ווילן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לייענער, אַז דער מחבר וועט זיין זייער דאַנקבאַר פאַר אַלע חבר׳ישע און קאָנסטרוקטיווע אָנווייזונגען אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע, וועל־כע ער באַהאַנדלט. ער וועט אויך חבר׳יש אָפּשאַצן אַלע מעגלעכע מאַטעריאַלן וועגן דעם ענין און אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ ווערט פאַר דער אויספאָרשונג פון דער געשיכטע פון דער פראַטערנאַלער באַווע־גונג. אַלע מאַטעריאַלן וועלן זאָרגפעלטיק אומגעקערט ווערן.

ה. פלאָטקין

ניו־יאָרק, 5־טער יולי, 1938.

# ערשטער קאַפּיטל

1) די עקאָנאָמישע באַזע פון דער פראַטערנאַלער באַוועגונג

2) דער פּראָגרעסיווער און קלאַסן-באַוואוסטזיניקער אַרבע־טער אין דער פראַטערנאַלער באַוועגונג.

3) אינשורענס קאָמפּאַניעס און זייער פאַרבינדונג מיט דער פראַטערנאַלער באַוועגונג.

---

## 1. די עקאָנאָמישע באַזע פון דער פראַטערנאַלער באַוועגונג

אין אַמעריקע זיינען אַרום 25 מיליאָן מענטשן אַנגעשלאָסן אין אַ גרויסער צאָל פאַרשיידענע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. איין זאַך איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע פראַטערנאַלע אָרדנס: זיי גיבן זיך אָפּ מיט קעגנזייטיקער הילף צו די מיטגלידער אין צייט פון קראַנקהייט און נויט, אָדער אין דעם פאַל, ווען ס'שטאַרבט דער שפּייזער פון דער פאַמיליע.

וועלכע אורזאַכן האָבן זיי אַרויסגערופן צום לעבן? נאָך אַ גרינדלעכער אונטערזוכונג מוז מען קומען צום שלוס, אַז די אור־זאַכן וואַקסן אַרויס פון דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. וועלכע פאַרזיכערט ניט קיין באַפרידיקונג פון די עקאָנאָמישע נויטן פון דער באַפעלקערונג. אַ שטענדיקע זאָרג פאַר'ן מאָרגנדיקן טאָג פאַרפאָלגט יעדן אַרבעטער און האָרעפּאַשנעם מענטשן פון דער פריסטער יוגנט ביז דעם טיפסטן עלטער.

דער איינציקער וועג, ווי אַזוי די אַרבעטער קענען באַזאָרגן דאָס לעבנס-מיטל פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס, איז דורך דזשאָבס. די מעגלעכקייט צו אַרבעטן איז אָבער צו דעם אַרבעטער ניט גאַראַנ־טירט. אין דער היינטיקער עקאָנאָמישער אָרדנונג זיינען פאַראַן איבערגענוג פאַלן, ווען דעם אַרבעטגעבער לוינט זיך ניט צו באַשעפ־טיקן זיינע אַרבעטער. אין צייט פון עקאָנאָמישן קריזיס ווערן אַרבעטער אין די מיליאָנען אַרויסגעוואָרפן פון זייער באַשעפטיקונג. און אַפילו אין דעם יאָר פון דער העכסטער „פּראָספּעריטי“, אין

1929, זיינען בּאַ אונז אין לאַנד געווען אַרום דריי מיליאָן אַרבּעט־לאָזע.

דער „דזשאָבּ" פון דעם אַרבּעטער איז שטענדיק אויך אונטער־וואָרפן צו די פאַרשיידענע קאַפּריזן פון דעם באַלעבּאָס און דעם פאָרמאַן. דאָס איז נאָך אַ צוגאָב צו די שטענדיקע עקאָנאָמישע קריזיסן און אויפקום פון נייע מאַשינען, וואָס שטויסן אַרויס די מענטשן און מאַכן זיי אַרבּעטלאָז. ניט אומזיסט איז געוואָרן אַ געוואוינהייט, אַז ווען צוויי פריינט בּאַגעגענען זיך, זאָל איינע פון די ערשטע פראַגן זיין: „ס'אַרבּעט זיך?" אַן אַרבּעט איז מען אַ מיטלען צום לעבּן.

ווען דער אַרבּעטער ווערט אַלט, ווערט ער אויסגעשלאָסן פון דער מעגלעכקייט צו אַרבּעטן. ס'איז שטענדיק פאַראַן אַן אַרמיי פון אַרבּעטלאָזע, אינגערע מענטשן מיט שטאַרקערע מוסקולן, נאָכ־צוקומען די יאָגעניש פון דער מאָדערנער פּראָדוקציע. ווינציקסטנס איין פערטל פון דער צאָל מענטשן אין עלטער פון 65 יאָר איז אָפּ־הייניק פון געזעלשאַפטלעכער און פּריוואַטער צדקה אין אַמעריקע.

איינער פון יעדע 18 לוין־אַרבּעטער געפינט זיך אין אַ נויט, ווען ער דערגרייכט דעם עלטער פון 65 יאָר. 1)

דער אַרבּעטער האָט אָבּער ווינציק מעגלעכקייט צו אַרבּעטן אַפילו נאָך פיל פריער, איידער ער גרייכט דעם עלטער פון 65 יאָר. די מאָדערנע אינדוסטריע זויגט אַזויפיל אויס די כוחות פון דעם אַרבּעטער, אַז אַרום דעם עלטער פון 45 — 50 יאָר ווערט ער שוין בּאַטראַכט פאַר אַן אַלטן אָפּגענוצטן מענטשן.

מר. ל. ק. פריינקל, דריטער וויס־פּרעזידענט פון דער מעטראָ־פּאָליטן לאַיף אינשורענס קאָמפּאַניע, מוז אַליין צוגעבן דאָס פאָלגנ־דיקע:

> „די געוויינלעכע געפאַרן פון לעבן, די ניט־גלייכהייט אין די געלעגנהייטן פאַר אַלע מענטשן, די אָפּוועזנקייט פון אַ געגוגנדיקן לוין, גיבּן ניט קיין מעגלעכקייט צו בּאַזאָרגן זיך אויף דער עלטער".

> „וויפיל ס'זאָל ניט געטאָן ווערן צו פאַרמיידן פּריצייטיקן עלטער . . . בּלייבּט אַלץ די פּראָבּלעם פון אַלטקייט. זי וועט

> אַלעמאָל בלייבן (?) . . . דער אַרבעטער ווערט זייער פרי אַלט צוליב צו גרויסער פיזישער אָנשטריינגונג. קראַנקהייט און צעשעדיקונג וועט אַלעמאָל זיין די פּראָבלעם פון די וואָס קענען ניט אַרבעטן צוליב אַלטקייט". 2)

דער אַרבעטער איז אַזוי אַרום אין שטענדיקן שרעק צו פאַרלירן זיין אַרבעט. די „גליקלעכע", די וואָס אַרבעטן „סטעדי", זיינען שטענדיק פאַרזאָרגט וועגן זייער לאַגע אויף די עלטערע יאָרן.

ווען דער אַרבעטער ווערט קראַנק, ווערט זיין לאַגע נאָך ערגער. ס'איז אָפט שווער צו באַשטימען, וועלכע זאָרג עס איז גרעסער: די זאָרג פון דער קראַנקהייט אַליין, אָדער די זאָרג, וואָס צוליב דער קראַנקהייט, באַזונדערס, ווען זי פאַרציט זיך, ווערט געשטעלט אין געפאַר דער „דזשאָב".

אין זיין בוך: „די סאָציאָלאָגיע פון לעבנס-פאַרזיכערונג" דערקלערט עדוואַרד וואודס:

> „ס'ווערט געשאַצט, אַז דאָס ניט אַרבעטן צוליב קראַנקהייטן, ברייננגט אַ יאָרלעכן פאַרלוסט פון אַ ביליאָן דאָלער. די יאָרלעכע קאָסטן פון רפואות און האָספּיטאַליזאַציע באַטרעפן ווינציקסטנס נאָך אַ ביליאָן . . . פאַראַן אפילו אַזוינע, וואָס שאַצן, אַז די מעדיצינישע אויסגאַבן און פאַרלוסט פון אַרבעט צוליב קראַנקהייט ברייננגט אַ פאַרלוסט פון אַרום 3 ביליאָן". 3)

מר. סאָליוואַן, אינשורענס קאָמישאָנער פון וואַשינגטאָן סטייט און פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון אינשורענס קאָמישאָנערס, האָט דעם 22-טן מאַי, 1936, געהאַלטן אַ רעדע פאַר דעם וואַשינגטאָנער פּראַטערנאַלן קאָנגרעס. ער האָט געזאָגט:

> „פיזישע פייאיקייט אָנצוהאַלטן אַ דזשאָב איז דעם מענטשענס הויפּט פאַרמעגן. פון דעם ווערן געשאַפן אַלע ווערטן. דאָס איז גילטיק פאַר אַלעמען, סיי פאַר דעם הויכבאַצאָלטן באַאַמטן, ווי פאַר דעם טאָג-אַרבעטער. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס פאַר דעם טאָג-אַרבעטער איז דאָס זיין איינציקער פאַרמעגן. ווערט דער פאַרמעגן צעשטערט, ווערט ער אָנגעוויזן אויף דער געזעלשאַפט". 4)

פון די געבראַכטע אויסצוגן ווערט קלאָר, אַז דעם אַרבעטער׳ס שרעק פאַר קראַנקהייט איז ניט קיין אומזיסטע. די פּראָבלעם פון פאַרלוסט, וואָס קראַנקהייט ברענגט, שטייט פאַר דעם אַרבעטער אין דער גאַנצער שאַרפקייט. אַף דעם אַרבעטער׳ס פּלייצעס פאַלט אויס יעדן יאָר צו טראָגן דעם שווערן פאַרלוסט פון די ביליאָנען דאָלער, וואָס ער פאַרלירט אין לוין און דורך די אויסגאַבן פאַר מעדיצינישער באַהאַנדלונג. אויסער דעם קומט דער פאַרלוסט, וואָס צוליב די אָפּגעשוואַכטע כּוחות נאָך דער קראַנקהייט קען ער ניט פּראָדוצירן אַזויפיל, ווי פריער, און במילא ניט פאַרדינען אַזוי פיל, ווי בײַ זיין נאָרמאַלן געזונט־צושטאַנד. די שרעק פון דעם אַרבעטער איז נאָך שאַרפער אין פאַל, ווען דעם אַרבעטער זאָל אויסקומען צו ליידן פון אַ ניטהיילבאַרער קראַנקהייט, ווען ער זאָל דאַרפן בלייבן הילפלאָז פאַר אַ לאַנגער צייט.

ל. ק. פרענקל שרייבט אַזוי וועגן דעם פאַרלוסט פון דעם אַר־בעטער דורך קראַנקהייט:

„אַרבעטזאַמקייט און געזונט זיינען אומצעטיילבאַר. פונ־דעסטוועגן ווייזט אונז די סטאַטיסטיק אַז אונטערגעגראָבע־נעם געזונט־צושטאַנד פון דער אַרבעטער־באַפעלקערונג. ניט לאַנג צוריק האָט אַן אונטערזוכונג פון העלט דעפּאַרטמענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פעסטגעשטעלט, אַז 6 פּראָצענט זיינען ניט אַרבעטפעיאיק. לייכטע קראַנקהייטען אַנטוויקלען זיך אין ערנסטע. דער רעזולטאַט איז, אַז יעדן יאָר ווערן פאַרלאָרן נאָענט פון 300 מיליאָן טעג (גענוי: — 284,750,000) בײַ די 33 און אַ האַלב מיליאָן אַרבעטער אין לאַנד. יעדער אַרבעטער פאַרלירט דורכשניטלעך 8½ טעג אַרבעט דורכן יאָר“. 6)

זיכער איז ניט קלענער די זאָרג פון דעם אַרבעטער, וואָס פאַר־מאָגט אַ פאַמיליע. ער האָט מורא אפילו צו טראַכטן וועגן דעם, מיט וואָס זיין פאַמיליע וועט זיך דורכלעבן אין פאַל פון זיין פריצייטיקן טויט.

דער דערמאָנטער מר. פריינקל שטעלט פעסט אַזוינע פאַקטן:

„דער טויט פון ברויטגעבער מיינט אַ פאַרלוסט פאַר דער פאַמיליע. ספּעציעל אין פאַל פון אַ פריצייטיקן טויט . . .

> באַ די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן שטאַרבן 50 פּראָצענט איִנגער פון 45 יאָר, 60 פּראָצענט שטאַרבט אין אַזאַ פריען עלטער צווישן באַשעפטיקטע פון פּערזענלעכער באַדינונג. צווישן די וואָס אַרבעטן אין מאַנופאַקטור און מעכאַנישע אינדוסטריען שטאַרבן 55 פּראָצענט איִנגער פון 45 יאָר. און גאַנצע 68 פּראָצענט שטאַרבן צווישן אַרבעטער און הויז באַדינער אין אַזאַ פריען עלטער". 5)

דער אַרבעטער און האַרעפּאַשנער מענטש ווייסן, אַז זיי קענען זיך אויף זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער ניט פאַרלאָזן. שוין דער־פאַר אַליין, וואָס אין פאַל פון אַ פּריצייטיקן טויט איז פּשוט ניטאָ וו ע ן צו שפּאָרן. אָבער הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס דער אַרבע־טער קען בכלל ניט שפּאָרן פון זיינע מאָגערע פאַרדינסטן.

אַלבערט ה. מאָובריי, פּראָפעסאָר פון אינשורענס אין דעם אוניווערזיטעט פון קאַליפאָרניאַ, קומט צו אַזאַ שלום:

> „ס'איז אַלעמאָל געווען אַ געוואוינהייט אַרויפצוואַרפן די שולד פון אָרימקייט אַף די אָרימעלייט אַליין. מען האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי קענען ניט זיין שפּאָרזאַם און פאַר־זיכטיק. אויבנאויף האָט דאָס אויסגעקוקט ריכטיק: גרויסע פאַמיליעס, שכרות, צייטנווייז ניט נויטיגע אויסגאַבן. ס'איז אויך נאַטירלעך צו ציען אַזוינע שלוסן, ווייל דאָס שמייכלט און איז צום האַרצן יענע גליקלעכע, וועלכע האָבן אויסגע־מידן אָרימקייט. דער קאָנטראַסט צווישן טיפער אָרעמקייט און גרעסטער רייכקייט איז אויסער דעם געווען אַזאַ אָפּטע דערשיינונג, אַז דאָס האָט געפירט צו דעם גלויבן, אַז יעדער איינער קען זיך אַרויפאַרבעטן . . . אָבער מאָדערנע וויסנ־שאַפט און פאָרשונג האָט באַוויזן די נאַרישקייט פון אַזאַ קליינקעפּלדיקן בליק". 7)

ווען מיר אונטערזוכן דעם פאַקטישן פאַרמעגן, וואָס יעדער איינער פון די, וואָס שטאַרבן, לאָזט איבער, ווערט קלאָר, ווי הילפ־לאָז אַ פאַמיליע פילט זיך, ווען דער שפּייזער שטאַרבט פּריצייטיק, ספּעציעל, ווען ער לאָזט איבער אַ צאָל קליינע קינדער.

עדוואַרד וואודס גיט איבער די רעזולטאַטן פון אַן אונטער־זוכונג, וואָס אַ פעדעראַלע טרעיד קאָמיסיע האָט געמאַכט וועגן

ירושה'ס אין 24 קאָונטיס. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז פון 184,945 געשטאָרבענע האָבן בלויז 43,512 איבערגעלאָזן פאַרמעגן. די איבע־ריקע 141,446 האָבן אָדער גאָרניט איבערגעלאָזן, אָדער העכסטנס 285 דאָלאַר. איבער 76 פּראָצענט האָבן, הייסט עס, גאָרניט איבער־געלאָזן צו באַזאָרגן זייערע פאַמיליעס, אויסער זייער „לאַיף אינ־שורענס". פון די, וואָס האָבן שוין יע איבערגעלאָזן פאַרמעגן, איז פאַראַן אַ פערט חלק, וואָס האָבן איבערגעלאָזן ווינציקער פון 1,000 דאָלאַר.

עדוואַרד וואודס קומט דערפאַר צום פאָלגנדיקן שלוס:

„מיט זיכערקייט קען מען זאָגן, אַז 90 פּראָצענט לאָזן איבער פאַרמעגן ווינציקער, ווי 5,000 דאָלאַר . . . פון די אַלע 184,958 זיינען געווען בלויז 4,286, וואָס האָבן געלאָזט אַ פאַרמעגן פון 25,000 דאָלאַר און העכער. צו זיי קען מען פּיליכט צורעכענען נאָך 5,518, וואָס האָבן איבערגעלאָזן צווישן 10 און 25 טויזנט דאָלאַר". 8)

פון די געבראַכטע פאַקטן דערוויסן מיר זיך, אַז בלויז אַרום 5 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג לאָזן איבער ירושה'ס, וואָס זיינען גענוג כאָטש טיילווייז צו באַזאָרגן די פאַמיליעס פון די פאַרשטאָר־בענע. די 5 פּראָצענט זיינען זיכער ניט קיין טייל פון דער אַרבע־טער באַפעלקערונג. אפילו ניט פון דער גרויסער מאַסע אָרימע קליינבירגער.

פון די פאַקטן וועגן די איבערגעבליבענע ירושה'ס ווערט פאַר אונז אויך קלאָר, אַז די פּראָבלעם פון ניט זיכערקייט איז ניט בלויז אַ פראַגע פאַר דעם אַרבעטער קלאַס. די ניט־זיכערקייט פאַרפאָלגט גלייכצייטיג דעם אָרימען און מיטעלן קליינבירגער. זייער מאָרגן איז פונקט אַזוי ניט זיכער. זיי זיינען אונטערוואָרפן די זעלביקע איבלען פון עקאָנאָמישער ניט־זיכערקייט.

די קאָנצענטרירונג פון דער פּראָדוקציע, די הערשאַפט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל פאַרוואַנדלט דעם קליינבירגער אין אַ שפּילצייג פון די עקאָנאָמישע קאָנוואולסיעס. צוליב זיין געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע גייט דער קליינבירגער אַרום נאָכמער פאַרזאָרגט. ער איז אין שטענדיקן שרעק פאַר זיין מאָרגנדיקן טאָג.

די שוצלאָזיקייט פון די אַרבעטער און פון די אָרימע קליינ־בירגער איז אַלעמאָל פאַר זיי געשטאַנען אין איר גאַנצער שאַרפּ־קייט. די שוצלאָזיקייט נעמט זיך פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע. די עקאָנאָמישע ניט־זיכערקייט האָט זיי געצוואונגען צו זוכן מיט־לען פאַר זייער באַשיצונג. אזא באַשיצונג האָבן זיי געזוכט צו געפינען אין קעגנזייטיקער הילף אָרגאַניזאַציעס. דערפון ווערט קלאָר, אז די באַזע פאַר דעם אויפקום פון די פראַטערנאַלע אָרגאַ־ניזאַציעס איז פריער פון אַלץ אַן עקאָנאָמישע. די צענדליקער מיליאָ־נען אַרבעטער און אָרימע קליינבירגער באַלאַנגען צו אַזוינע אָרגאַ־ניזאַציעס הויפּטזעכטליך דערפאַר, וואָס זיי באַטראַכטן די אָרגאַניזאַציעס, ווי אַ מיטל פון עקאָנאָמישער שוץ, ווי אַ מיטל פאַר זייער סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

זייער אָפט ווערן געמאַכט פאַרזוכן צו פאַרטושן די עקאָנאָמישע אורזאַכן פאַר דער אַנגעהעריקייט צו אַזוינע אָרגאַניזאַציעס. אָפט־מאָל פּאַסירט, אז גאַנץ באַוואוסטזיניקע אַרבעטער נעמען אויך אָן אַזא פאַלשן באַגריף. עס וועט דעריבער זיין כדאי צו הערן פון צוויי קעגנזעצלעכע קוואַלן וועגן די אורזאַכן פאַר דער גרינדונג און אָנגעהעריקייט צו אַזוינע אָרגאַניזאַציעס.

אין דער סואווענירגעשיכטע, אַרויסגעגעבן אין 1918 צו דעם 30־יאָריקן יובילײ פון דעם „לאָיאַל אָרדער אָוו מוז", דערציילט מר. גאַרלאַנד, דער געוועזענער „סופרים דיקטאַטאָר":

> „איך קום פון עלטערן אַרבעטער אין דער אייזן און שטאָל אינדוסטריע. איך האָב געליטן אַ היבש ביסל פון זאָרגן און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, וואָס רינגלען אַרום דאָס לעבן פון דעם יונגען אַרבעטער, ווען ער גייט אַרויס אין דער וועלט צו קעמפן פאַר אַ לעבן. די אַרבעטער יוניאָן אין די פאַבריקן איז דאַן געווען: די אַמאַלגאַמייטעד אַסאָסיאיישאָן פון אייזן, שטאָל און בלעך אַרבעטער. איך האָב געלייענט די ליטעראַטור, וואָס האָט צו מיר אַפּעלירט, געפירט דיסקוסיעס צו העלפן פאַרבעסערן די באַדינגונגען פון מיר און פון אַנ־דערע אַרבעטער . . . ס'הערשט אַ וואונדערלעכער וואוילטע־טיקער גייסט צווישן מענטשן, וואָס אַרבעטן צוזאַמען. ווען אַ מיטגליד אָדער זיין פרוי פלעגט שטאַרבן און אין הויז

איז געווען אומבאַהאָלפנקייט אין פינאַנצן, דאַן פלעגט אַ קאָ־מיטע שטיין בײַ דעם אָפיס־פענצטער אין דעם טאָג, ווען מען האָט אויסגעצאָלט די לוינען, און פלעגט מאַכן זאַמלונגען".

„אַזאַ דינסט, אויפמערקזאַמקייט און פאַרבינדונג, דער טרויער און הילפלאָזיקייט פון די עלטערן און פריינט, איבער־הויפּט די הילפלאָזיקייט אין דעם רחמנות'דיקן געוויין פון די קינדער, זייער האָפענונגסלאָזע צוקונפט, פאַרכאַפּט די נשמה. און טרערן צושמעלצן דעם מענטש'ס האַרץ צו טאָן זאַכן פון גוטסקייט און הילף . . . דייוויס (דער איצטיקער גרענד מייסטער און סענאַטאָר פון פּענסילוויניע) האָט מיר גע־זאָגט, אַז זייענדיק אַ מיל־אַרבעטער, האָט זיין דערפאַרונג, אויפמערקזאַמקייט און קאָנטאַקט מיט די הילפלאָזע קינדער פון אַזאַ אומגליקלעכער פאַמיליע פון אַ יוניאָן מיטגליד האָט אים געגעבן מוט און אינספּיראַציע אויסצואַרבעטן פּלענער פאַר דער „מוזהאַרט" (יתומים־הויז).

דערפון איז געדרונגען, אַז די עקאָנאָמישע הילפלאָזיקייט און אומזיכערקייט טרייבט די אָרימע מאַסן צו זוכן שוץ אין די פּראָ־טערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. די עקאָנאָמישע נויט פון דעם אַרבעטער איז די באַזע פאַר דער פּראָטערנאַלער באַוועגונג. זי איז די באַזע אַפילו פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווי דער „לאָיאַל אָרדער אָוו מוז", וואָס מיר באַצייכענען אַלס אַ „בורזשואַזע" פּראָטערנאַלע אָרגאַ־ניזאַציע.

ווענן די זעלביקע עקאָנאָמישע נויטן ווערט דערציילט אין דער שילדערונג פון דער גרינדונג פון דעם אַרבעטער רינג. א. ש. זאַקס שרייבט אַזוי:

„די נאַקעטע אַמעריקאַנישע ווירקלעכקייט און דער ספּע־ציעלער כאַראַקטער פון דער היגער אינדוסטריע האָבן גע־שאַפן אַ פּרוכטבאַרן באָדן פאַר אָרדנס בכלל און פאַר אַ אי־דישן אַרבעטער אָרדן בפרט.

„די אַמעריקאַנער אינדוסטריע איז אַ מאַשינען אינדוסט־ריע . . . זיין (דעם אַרבעטער'ס) געזונט איז הפקר . . . מען קויפט אַרבעט־קראַפט . . . כל זמן מען קען דערביי מאַכן פּראָ־פיטן . . . מען קוועטשט אַרויס די חיות פון די אַרבעטער, ווי די זאַפט פון אַ ציטראָן . . . מענטשן ווערן קאַליעטשעט,

> פאַרקריפּלט, געה׳רג׳עט . . . עס האָט געפעלט אַ סאָציאַלע געזעצגעבונג, וואָס זאָל באַשיצן דעם אַרבעטער, ווען ער איז נאָך געזונט און אַרבעטספייאיק, און וואָס זאָל באַזאָרגן און באַלוינען דעם פאַראומגליקטן אַליין אין צייט פון קראַנקהייט און זיין פאַמיליע אין אַ טויטן פאַל״. 9)

פון דעם אַלעמען מוז פאַר אונז ווערן קלאָר, אַז פּראָטערנאַליזם האָט זיין הויפּט־באַזע אין דעם געבוי פון דער היינטיקער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט. ניטאָ קיין אַנדער באַזע פאַר׳ן פּראָטערנאַליזם, ווי די עקאָנאָמישע באַזע. אַלע אַנדערע פּראָבלעמען וואַקסן ארויס פון דער עקאָנאָמישער באַזע.

## 2. דער פּראָגרעסיווער און קלאַסן־באַוואוסטזיניקער אַרבעטער אין דער פּראָטערנאַלער באַוועגונג

די פּראָטערנאַלע באַוועגונג איז אויפגעקומען צוליב דער עקאָנאָמישער ניט־זיכערקייט פון די ברייטע מאַסן. עס וואָלט געווען נאַטירלעך, אַז די באַוועגונג זאָל ווערן דער אינסטרומענט פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער ניט־זיכערקייט, פון וועלכער ס׳ליידן די מיטגלידער.

די פּראָטערנאַלע באַוועגונג האָט געדאַרפט ווערן דער פאַרקעמפער פאַר דער אָפּשאַפונג פון די עקאָנאָמישע נויטן פון אירע מיטגלידער. דאָס וואָלט זיך אויסגעדריקט אין אַ קאַמף פאַר פולשטענדיקער סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס וואָלט באַפרייט די מאַסן פון דעם קאָשמאַר פון דער מורא פאַר׳ן מאָרגנדיקן טאָג.

אָבער נאָך באַ די ערשטע טריט האָבן זיך אין דער פּראָטערנאַלער באַוועגונג אָנגעהויבן אַרויסווייזן די קעגנזעצלעכע אינטערעסן פון די קעגנזעצלעכע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט.

שוין אין די גאָר ערשטע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע, אין די „גילדס״, ווערט שוין אַנטוויקלט אַ טעאָריע, אַז „יעדער איינער, וואָס איז שולדיק אין זיין אייגענעם אומגליק, זאָל ניט באַקומען קיין שטיצע״. וואָס מיינט אַזאַ

טעאָריע? זי מיינט, אַז דעם מענטשנס אומגליק איז ניט קיין רע־זולטאַט פון באַשטימטע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. דאָס איז אָדער אַ גאָט זאַך, און דעמלט דאַרף מען אים העלפן. אויב אָבער ער איז אַליין שולדיק, אויב ער איז אַ שלימאַזל, דאַן דאַרף מען אים ניט העלפן. האָבן מיר שוין פריער באַוויזן, אַז אַפילו דער פּראָפעסאָר אַלבערט מאָובריי 10) האַלט דאָס פאַר נאַרישער קליינ־קעפּלדיקייט. אַזאַ באַגריף דינט אָבער די אינטערעסן פון דעם קלאַס, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער עקאָנאָמישער הילפ־לאָזיקייט פון די מאַסן.

ווען די נויט פון די מאַסן ווערט שאַרף דורך דער אָנקומענדי־קער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, געפינט דער נייער הערשנדיקער קלאַס זיין אידעאָלאָג אין דאַניעל דעפאָ 11). דעפאָ אַנטוויקלט די טעאָריע, ווי אַזוי די העכערע און מיטעלע קלאַסן זאָלן אַרויפ־לייגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אַרבעטער'ס שווערער לאַגע אויף זיינע אייגענע פּלייצעס. ער רוקט אַרויס דעם „פּרינציפּ": „גיב ניט קיין הילף צו די אָרימע, ניט באַקומענדיק עטוואָס פריער פון זיי אַליין!" ער פּרובירט איינריידן דעם נויטליידנדיקן: „אַ מענטשלעך באַשעפעניש זאָל זיך ניט פילן אָרים און הילפלאָז, אַז ער זאָל בעטן הילף אין דער־פאָרם פון צדקה און ניט ווי עטוואָס, וואָס אים קומט".

דעפאָ נעמט דאָ דעם געזונטן מענטשלעכן אינסטינקט פון זעלבסטווירדע און זעלבסט־אויפהאַלטונג און פּרואווט אים פאַר־וואַנדלען אין אַ „פּרינציפּ", אַז דער אַרבעטער זאָל אַליין טראָגן די שווערע לאַסט פון די עקאָנאָמישע נויטן, אַז דער אַרבעטער זאָל ניט האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך די הערשער פון דעם עקאָנאָמישן לעבן פאַר די ליידן פון דעם אַרבעטער, ווי אַ קלאַס.

דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער פראַטערנאַלער באַוועג־גונג געפינען מיר אָט־די אידעאָלאָגיע, אַז דער אַרבעטער אַליין דאַרף דורכטראָגן די נויטן, וואָס קומען, ווי אַ רעזולטאַט פון די עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען אין דער היינטיקער געזעלשאַפט.

דער עקאָנאָמישער הערשער פון דער געזעלשאַפט זוכט אויך איינצורייִדן די מיטגלידער אין די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אַז דורך דעם פראַטערנאַליזם קענען געלייזט ווערן די נויטן פון די

אַרבעטער, ווי אַ קלאַס; אַז די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציע אַליין איז אַ פאָרמע פון גענייגנדיקער סאָציאַלער פאַרזיכערונג; אַז די אָנגעהעריקייט צו דער אָרגאַניזאַציע לייזט שוין זיין פּראָבלעם פון עקאָנאָמישער ניט־זיכערקייט.

כדי צו באַווירקן די מאַסן, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין די אָרגאַניזאַציעס, זיינען די פאָרשטייער פון דעם הערשנדיקן קלאַס אַריין אינווייניק אין די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. זיי אַליין ליידן ניט קיין עקאָנאָמישע נויט. זיי אַליין דאַרפן ניט האָבן די דירעקטע בענעפיטן פון די אָרגאַניזאַציעס. זיי זוכן בלויז צו פאַר־וואַנדלען די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין אַן אינסטרומענט, וואָס זאָל דינען די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די הערשער פון דעם היינטיקן לעבן.

אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז די פּראָטערנאַלע באַוועגונג, וואָס שטיצט זיך אין עצם אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע און די אינ־טערעסן פון דער ברייטער מאַסע אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס, האָט גאָר באַקומען דעם אָנזען פון אַ „בורזשואַזער" באַוועגונג, וועל־כע האָט כלומר'שט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם אַרבעטער, ווי אַ קלאַס.

דער פּראָגרעסיווער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער און האַרעפּאַש־ניק דאַרף צעשטערן דעם פאַלשן באַגריף. ער דאַרף אַרויסברענגען אין דער פולער מאָס די עקאָנאָמישע באַדייטונג פון פּראָטערנאַ־ליזם; אַז די פּראָטערנאַלע באַוועגונג אַליין איז אַ רעזולטאַט פון דעם עקאָנאָמישן געבוי פון דער געזעלשאַפט; אַז צו העלפן די עקאָנאָמישע נויטן פון דעם אַרבעטער און האַרעפּאַשנעם מענטשן דאַרף זיין די אויפגאַבע פון פּראָטערנאַליזם. פאַר אים מוז אויך זיין קלאָר, אַז די לעזונג פון אַזוינע נויטן איז אין קעגנזאַץ צו די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די הערשער פון דעם היינטיקן לעבן. ער מוז דערפאַר זיך נעמען צו באַפרייען די פּראָטערנאַלע אָרגאַני־זאַציעס פון דער אידעאָלאָגישער העגעמאָניע פון די בורזשואַזע פירער.

אין דער געשיכטע פון דער פּראָטערנאַלער באַוועגונג געפינען מיר, אַז עס זיינען אויפגעקומען געוויסע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זייער קלאָר פאַרשטאַנען דעם קלאַסן־געבוי פון דער געזעלשאַפט.

אזוינע ארגאניזאציעס האבן זיך געשטעלט אף דער זייט פון דעם ארבעטער קלאס און געקעמפט פאר זיינע אינטערעסן. אפטמאל זיינען זיי געווען וויכטיקע פאקטארן אין די קאמפן און אין די זיגן פון דעם ארבעטער, ווי א קלאס. ס'איז גענוג צו דערמאנען אזוינע קאמפן, ווי ס'האבן געפירט די מאללי מעגווייערס, אין עצם א לאקאלע ארגאניזאציע פון דעם „ענשיענט ארדער או היבערניאנס", וועלכע זיינען געווען טעטיק אין די אנטראציט־פעלדער פון פענסילווייניע. 12) אדער אזוינע ארגאניזאציעס, ווי די „דייטשישע קראנקן־קאסע" און דער ארבעטער רינג, וועלכע האבן זיך זייער אקטיוו באטייליקט אין קאמפן פאר די אינטערעסן פון די ארבעטער מאסן.

אט־די ארגאניזאציעס האבן אבער זיך אליין באצייכנט, ווי „פראטערנאלע ארבעטער ארגאניזאציעס". זיי האבן זיך אפגעגרענעצט אפטמאל זייער שארף, און, אפילו ביז היינט צו טאג, פון די אזוי גערופענע „בורזשואזע פראטערנאלע ארגאניזאציעס". פון וואנען האט זיך צו זיי גענומען אזא באגריף? זיי האבן ניט פארשטאנען, אז די גאנצע פראטערנאלע באוועגונג איז געבויט אף דער באזע פון די, וואס ליידן עקאנאמישע נויט און געהערן צו דעם אונטערדריקטן ארבעטנדיקן קלאס. ווייל וואלטן זיי דאס פארשטאנען, וואלט פאר זיי דאן געווען קלאר, אז ווען מען רעדט וועגן פראטערנאלע ארגאניזאציעס, מיינט דאס געוויינטלעך ארגאניזאציעס פון ארבעטער און הארעפאשניקעס. אנשטאט צו שרעקן זיך פאר דער בורזשואזיע, וואס האט פארכאפט די מאכט אין די ארגאניזאציעס, וואלטן זיי בעסער געקעמפט פאר דער דעמאקראטיזירונג פון די ארגאניזאציעס, פאר די עקאנאמישע אינטערעסן פון די הארעפאשנע מיטגלידער פון די כלומר'שטע „בורזשואזע" ארגאניזאציעס.

מיט דעם אויפקום פון דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן ווערט צום ערשטן מאל ארויסגעבראכט דער קלאסן־כאראקטער פון דער פראטערנאלער באוועגונג. ער צייכנט אן צום ערשטן מאל, אז קלאסן־קעגנזאץ און קלאסן־געראנגל ליגט אויך א י נ ו ו י י נ י ק אין דער פראטערנאלער באוועגונג און ניט בלויז אויסער איר. דער ארדן דעקט אויף, אז די אויפגאבע פון די מיטגלידער פון דעם הערשנדיקן קלאס אין דער פראטערנאלער באוועגונג איז זי אויס־

צונוצן אין דעם קאַמף געגן דער איינפירונג פון פולער סאָציאַלער פאַרזיכערונג. די אויפגאַבע פון די מיטגלידער איז אָבער פונקט אַ פאַרקערטע — די דורכפירונג פון געזעצן פאַר זייער עקאָנאָמישער זיכערקייט: דאָס איז אַ קלאַסן־קענגזאַץ.

דער קעגנזאַץ נעמט זיך דערפון, וואָס סאָציאַלע פאַרזיכערונג קען קומען בלויז אויף דעם חשבון פון דעם הערשנדיקן קלאַס. און דאָס איז קעגן זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן.

אַז די מיטגלידער זאָלן זיין אונטער דער פאַלשער אילוזיע, אַז זיי זיינען שוין עקאָנאָמיש פאַרזיכערט דורך דער אָנגעהעריקייט צו אַ פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע, איז אין די אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאַס. די קלאַסן־אינטערעסן פאָדערן אָבער פון דעם מיטגליד צו צעשטערן אַזוינע פאַלשע אילוזיעס, ווייל זיי שטערן אים צו לייזן אויף אַן אמת אַלע זיינע עקאָנאָמישע נויטן.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן קריסטאַליזירט אויס די באַגריפן און צילן פון דעם פּראָלעטאַרישן אינטערעס אין פּראַטערנאַליזם.

מיט דעם אויפקום פון דעם אָרדן קומט אויף די קלאַסן־אָריענטאַציע, דער פּראָלעטאַרישער צוגאַנג צו פראַטערנאַליזם, די פאַרשטענדעניש פון דער עקאָנאָמישער באַזע פון דער פראַטערנאַלער באַוועגונג.

## 3. אינשורענס קאָמפּאַניעס און זייער פאַרבינדונג מיט דער פראַטערנאַלער באַוועגונג

די עקאָנאָמישע באַזע פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם צייכנט שוין אָן די שייכות פון דער פראַטערנאַלער באַוועגונג צו די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס (פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן). די פראַטערנאַלע באַוועגונג האָט באַטראַכט די עקזיסטענץ פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס, ווי אַ דערשיינונג, וואָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט די אינטערעסן פון אירע מיטגלידער. די אָרדנס האָבן זיך אַליין באַטראַכט, ווי אָרגאַניזאַציעס פאַר „ליבע“ און „ברודערשאַפט“, וועלכע גיבן זייערע מיטגלידער אויך אינשורענס. די אינשורענס־קאָמפּאַניעס האָבן זיי באַטראַכט, ווי ריינע געשעפט־אונטערנעמונגען אָן „ליבע און ברודערשאַפט“.

ס'איז אָבער ניט קיין צופאַל, וואָס די אנטשטייאונג פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס פאַלט צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָטערנאַלער באַוועגונג. די „פּרודענשל לאַיף אינשורענס קאָמפּאַני" פון ענגלאַנד האָט זיך פּאַקטיש געגרינדעט אין יאָר 1848. אין דעם זעלביקן פּעריאָד צעבליט זיך די „פרענדלי סאָסייטי" באַוועגונג. אין יענער צייט הויבן זיך אָן זיכערע עקאָנאָמישע פירונגען אין זייערע געשעפטן. די וויסנשאַפטלעכע טאַבעלן פון די „אָדפעלאָוס" קומען שטאַרק צונוץ די אינשורענס קאָמפּאַניעס פאַר דער אויסרעכענונג פון צאָלונגען.

אין אַמעריקע גייט האַנט אין האַנט דער אויפקום פון די ערשטע לאָקאַלע קעגנזייטיקע הילף אָרגאַניזאַציעס מיט דער עטאַבלירונג פון די ערשטע אינשורענס קאָמפּאַניעס. די גרינדונג פון דעם ערשטן אָפיציעלן אַמעריקאַנער אָרדן „ענשיענט אָרדער אָוו יונייטעד וואָרקמען" פאַלט צוזאַמען מיט דער אָפיציעלער גרינדונג פון דער „מעטראָפּאָליטן לאַיף אינשורענס קאָמפּאַניע" אין דעם יאָר 1868.

דאָס איז ניט קיין צופאַל.ביידע פאָרמען פון פאַרזיכערונג וואַקסן אַרויס פון די זעלביקע עקאָנאָמישע אורזאַכן. די קעגנזייטיקע הילף אָרגאַניזאַציעס האָבן געזוכט צו העלפן לייזן זייערע נויטן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן. די וואַקסדיקע ניט־זיכערקייט איז באַלד אויסגענוצט געוואָרן פון קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער, כדי צו מאַכן פּראָפיטן.

דער קאַפּיטאַליזם האָט דאָ גענומען אַ לאַגע פון עקאָנאָמישער ניט־זיכערקייט, וואָס ער אַליין האָט באַשאַפן, און זי אויסגענוצט פאַר אַ נייעם קוואַל פון פּראָפיטן. די באַזע פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס איז אַזוי אַרום די זעלביקע, ווי פון פּראָטערנאַליזם. און זיי זיינען דערפאַר פונקט אַזאַ קלאַסן־פאַקטאָר.

די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט בלויז געווען די פאַרלויפער פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס. וואָלטער בייסי שרייבט צו זייער פּאָפּולאַריטעט צו דער „דערציאונג" און „אויפקלערונג", וואָס די אָרגאַניזאַציעס האָבן געגעבן צו זייערע מיטגלידער. ער איז מיט דער מיינונג, אַז די אינשורענס־אַגענטן זיינען שולדיק אַ דאַנק צו די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. מעגלעך, אַז טאַקע

צוליב אָט־דער „דאַנקבאַרקייט" טרעפט מען אַזוי אָפט דעם אינ־שורענס־אַגענט, ווי אַ מיטגליד אין די פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. דורך דער „אויפקלערונג", וואָס די מיטגלידער באַקומען, ווערט די פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע אַ רייפער באָדן צו שרייבן אינשורענס פאַר פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס.

דורכ'ן אויסנוצן די נויט פון עקאָנאָמישער ניט־זיכערקייט פון די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, זיינען אויפגעבויט געוואָרן די ריזיגסטע אונטערנעמונגען. זיי פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין הינזיכט פון באַזיצן דעם פונדאַמענטאַלן אייגנטום פון לאַנד. אין דעם ביליאָן דאָלאַר קלוב פון אַמעריקע (דאָס הייסט אַזוינע אונטערנעמונגען, וואָס פאַרמאָגן אַ ביליאָן דאָלאַר אָדער מער) פאַרנעמט דעם אויבן־אָן די „מעטראָפּאָליטן לאַיף אינשורענס קאָ." מיט אַ פאַרמעגן פון $4,234,802,511, דעם צווייטן אָרט פאַר־נעמט „די פּרודענשל לאַיף אינשורענס קאָ." מיט אַ פאַרמעגן פון $3,129,475,267. ווען מיר רעכענען נאָך צו די „ניו־יאָרק לאַיף אינ־שורענס קאָ.", די „מיוטשועל לאַיף אינשורענס קאָ." און די „דזשאָן הענקאָק", וואָס זיינען אויך מיטגלידער אין דעם קלוב, באַקומט זיך, אַז די אינשורענס קאָמפּאַניס קאָנטראָלירן אַ פולן פערט חלק פון דעם פונדאַמענטאַלן אייגנטום אין אַמעריקע.

אין די הענט פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס איז פאַרזיגלט די האָפנונג און צוקונפט פון מיליאָנען אַרבעטער, פאַרמער, קליינ־בירגער און זייערע פאַמיליעס. ס'ווערט געשאַצט, אַז אַרום 68 מיליאָן מענטשן אין אַמעריקע פאַרמאָגן אינשורענס־פּאָליסים. אַ סך פאַרמאָגן מער, ווי איין פּאָליסי. צום 1־טן יולי, 1936, זיינען געווען אין קראַפט העכער פון 117 מיליאָן פּאָליסים (117,369,853), וואָס האָבן פאַרמאָגט אינשורענס אַף איבער הונדערט ביליאָן דאָלאַר ($100,730,445,016) 14). די „האָפענונג" פון די אינשורטע ליגט ניט בלויז אין דער „פאַרזיכערונג". זיי האָבן נאָך אַ וויכטיגערע באַדייטונג: זיי קאָנטראָלירן דאָס לעבן און באַדינגונגען פון די, צו וועמען זיי זיינען „קרעדיטאָרס". זיי הערשן אויך איבער'ן לעבן פון די באַשעפטיקטע אין די אונטערנעמונגען, וואָס ווערן קאָנטראָ־לירט דורך זייער ריזיקן פאַרמעגן.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער קריזיס אין 1929, האָט זיך די

הואווער אדמיניסטראציע באלד צוגעאיילט צו שטיצן די אייזנבאנען מיט 2 ביליאן דאלאר. דאס איז געטאן געווארן אנצוהאלטן דעם ווערט פון זייערע אקציעס (שערס), וואס ווערן מערסטנס קאנטראלירט פון די אינשורענס קאמפאניעס. וואלט דערלאזן געווארן א שארפער אראפפאל פון די אייזנבאן־שערס, וואלט פארניכטעט געווארן דער צוטרוי צו די אינשורענס־קאמפאניעס. ווען אזויפיל מיליאנען אינשורטע וואלטן קלאר דערזען דעם אפגרונט פון זייער ניט־זיכערקייט, ווען זיי וואלטן דערזען די עקאנאמישעווירקלעכקייט, וואלט דאס געפירט צו ערנסטע פאסירונגען און ענדערונגען אין דעם לעבן פון לאנד.

ווען מיר באטראכטן די הויפט־אינוועסטירונגען פון די אינשורענס קאמפאניעס, באקומען מיר א קלאר בילד פון דעם איינפלוס, וואס זיי האבן אף דעם עקאנאמישן לעבן פון לאנד. לויט די אויסרעכענונגען פון דעם 1936 — 1937 אינשורענס יאר בוך, פארמאגן די אינשורענס קאמפאניעס ארום 7½ ביליאן דאלאר ($7,325,993,093) אינוועסטמענטס אין ריעל עסטייט און מארטגעדזשעס און ארום 10½ ביליאן דאלאר ($10,495,323,888) אין פארשיידענע סטאקס און באנדס. צוזאמען האט דאן זייער פארמעגן באטראפן נאענט פון 24 ביליאן דאלאר ($23,646,790,933) 15).

דער אנגעזאמלטער ריזיקער פארמעגן פון די אינשורענס קאמפאניעס שאפט בא די מאסן אן אילוזיע פון דער פולשטענדיקער זיכערקייט פון די אינשורענס קאמפאניעס. זיי גלויבן, אז אזא פארמעגן איז די גאראנטיע פאר דער זיכערקייט פון זייערע אינשורענס פאליסים. דער הערשנדיקער קלאס טוט אלעס צו פארשטארקן אזא גלויבן. ס'ווערט גערעדט וועגן דער גרויסער געזעלשאפטלעכער ראל, וואס די אינשורענס קאמפאניעס שפילן אין דער באשיצונג פון דער היים און פאמיליע; וועגן די אנגעזאמלטע ריזיקע פאנדן, וואס באוועגן דאס עקאנאמישע לעבן פון לאנד. ביידע זאכן שטעלן זיי ארויס צו באווייזן, אז אינשורענס קאמפאניעס זיינען אן אינסטרומענט פאר דעם וואוילזיין פון די ברייטע שיכטן פון דער באפעלקערונג.

דזשיי. פ. דייוויס אין זיין בוך „א פארזיכערטער אינוועסטמענט“ פרואווט אזוי פארשטעלן די סאציאלע באדייטונג פון די

אינשורענס קאָמפּאַניעס:

„אַ פּאָליסי־איינגנטימער, וואָס געפינט זיך אין בירמינג־טאָן, אַלאַבאַמאַ, צאָלט איין טויזנט דאָלאַר צו אַן אינשורענס קאָמפּאַניע . . . ווען ער וואָלט געמאַכט אַן אונטערזוכונג, וואָס ס׳ווערט פון זיין געלט, וואָלט ער אויסגעפונען מיט צופרידנ־קייט, אַז זיינע טויזנט דאָלאַר זיינען געווען אינסטרומענטאַל צו העלפן דער אינשורענס־קאָמפּאַניע צו קויפן הונדערט טויזנט דאָלאַר באָנדס, וואָס די שטאָט בירמינגטאָן האָט אַרויסגעלאָזן צו באַזאָרגן דער באַפעלקערונג מיט אַ גוטער קאַנאַליזאַציע. דאָס וועט קודם כל העלפן פאַרבעסערן די סאַניטאַרע באַדינגונגען אין זיין שטאָט. דאָס האָט אויך געהאָלפן שאַפן אַרבעט פאַר אַ סך מיטגלידער.

„ער וואָלט אויך אויסגעפונען, וויפיל געלט ס׳ווערט אויס־געגעבן פאַר די אייזנבאַנען, וואו זיינע געלט פון דעם פּאָליסי־אָפּצאָל, העלפט אויסצוגעבן די נויטיקע סומע פאַר שטאָל און אויסשטאַטונג. דאָס העלפט ווידער געבן אַרבעט דער באַ־פעלקערונג פון זיין שטאָט.

„ער וואָלט זיך דערוואוסט, אַז די אינשורענס קאָמפּאַניע האָט געליען געלט צו אַ פאַרמער פון מאָנטאַנאַ. דאָס געלט וועט אָנקומען צו אַ פּראָדוצירער פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען אין וויסקאָנסין, וועלכער וועט נוצן שטאָל פון ביר־מינגטאָן. דער שטאָל־אַרבעטער אין בירמינגטאָן וועט קויפן עסנוואַרג. זיין ברויט וועט קומען פון די פעלדער פון מאָנ־טאַנאַ. די וואָס פאַרדינען פון דער גאַנצער טראַנסאַקציע, וועלן אַ טייל דערפון ווידער אינוועסטן אין לאַיף אינשורענס, וועלכע וועט ווידעראַמאָל העלפן דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע“.

נאָך קלאָרער ווערט אַרויסגעשטעלט דער כלומר׳שטער כאַראַק־טער פון געזעלשאַפטלעכן וואוילזיין, וואָס די אינשורענס קאָמפּאַ־ניעס ווילן באַשאַפן, דורך פּראָפעסאָר געפּהאַרד 16). ער ווייזט אָן, א) אַז אינשורענס איז ניט מער, ווי אַ קאָאָפּעראַטיווע זאַך. ב) דער פאַרלוסט פון אַ לעבן מיינט אַ פאַרלוסט פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. ג) אַזאַ פאַרלוסט איז אויך קראַנקהייט אָדער פאַר־

קריפּלונג. דער הויפּט פּרינציפּ פון אינשורענס איז לויט זיין מיינונג: „קענגזייטלעכקייט“. ער רופט דאָס אַפילו אַן, ווי אַ פּרינציפּ פון „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם“. דערפאַר קומט ער צום אויספיר, אז אפילו דער געדאַנק פון פּראָפיט איז אויסגעשלאָסן אין דעם גאַנצן אינשורענס־געשעפט. ס׳קומט אויס, אַז די אינשורענס קאָמפּאַניעס ווערן אויפגעהאַלטן בלויז צוליב דעם געזעלשאַפטלעכן וואוילזיין.

דורך אזוינע „פיינע“ רייד וויל מען איינשמועסן דעם עולם, אַז די אַנזאַמלונג פון די ריזיגע פאָנדן איז ניט קיין אַנזאַמלונג פון פּראָפיטן; אַז די אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען ניט קיין ריזיגער קאַפּיטאַליסטישער אינסטרומענט, וואָס נוצט אויס די באַזע פון עקאָנאָמישער ניט־זיכערקייט פון די מאַסן.

נאָך דעמאַגאָגישער פּרובירט דאָס צו מאַכן מר. ה. ה. וואָלפּערן אין זיין בוך „דער אמת׳ער מיין פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג“. דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אויף דער באַשטעלונג פון די קאַנאַדישע אינשורענס קאָמפּאַניעס. וואָלפּערן שרייבט:

„סאָציאַלע פאַרזיכערונג מיינט אַ מעטאָד צו גאַראַנטירן דעם איינקונפט פאַר די אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס אין פאַל פון אַן אומגליק, קראַנקהייט, הילפלאָזיקייט, עלטער, טויט און אַרבעטלאָזיקייט . . . דער געשעפט פון פאַרזיכערונג איז געבויט גאַנץ איינפאַך: אויף דער קאָאָפּעראַטיווער פאַר־בינדונג פון אַ גרויסער צאָל מענטשן, וועלכע שטימען איין צו טיילן צווישן זיך די שוועריקייט, וואָס קומט פון אַ געוויסער נויט . . . דורך ביישטייערונגען צו אַ געמיינזאַמען פאָנד, פון וואַנען בענעפיטן ווערן געצאָלט פּראָפּאָרציאָנעל, לויט די איינצאָלונגען פאַר דעם פאַל, וואָס די אינשורענס רירט אָן. צוליב דעם איז נויטיק, אַז באַלד פון אָנהויב זאָל געשאַפן ווערן אַ פאָנד, וועלכער זאָל צוזעשט דורכפירן די אָרגאַני־זירונג פון אַזאַ פאַראייניקונג, און מען זאָל האָבן אַ רעזערוו, וואָס זאָל גאַראַנטירן די פּינקטלעכע צאָלונגען“.

„ביז אהער קוקט אויס צו זיין אין דער ציטאַטע אַלץ „אין אָרדנונג“. סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז נויטיק. דאָס קען געטאָן ווערן אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן. מען דאַרף בלויז געלט צו אָרגאַ־

ניזירן און צו פאַרזיכערן פּינקטלעכע צאָלונגען. שפּעטער פאַר־נעמט ער זיך שוין צו דערקלערן, ווי אַזוי אינשורענס קאָמפּאַניעס ווערן אָרגאַניזירט; אַז די אָריגינעלע סטאָקהאָלדערס שפּילן ניט קיין וויכטיקע ראָל; אַז די אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען פאַר קעגנזייטיקער הילף און בלויז פאַר דעם בענעפיט פון די אינשורטע און צום סוף מאַכט ער דערפון אַזאַ מין אויספיר:

„דער געשעפט פון פאַרזיכערונג איז אַ קאָאָפּעראַ־טיווער. דערמיט אונטערשיידן זיך אינשורענס קאָמפּאַ־ניעס פון אַלע אַנדערע קאָמערציעלע אונטערנעמונגען . . . רעגירונגס־אַנפירונג פון אינשורענס, די סאָציאַליזירונג פון אינשורענס־געשעפטן קען פאַר קיין פאַל ניט פאַרגליכן ווערן מיט דער פראַגע פון סאָציאַליזירן אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. אין דעם פאַל קען ניט זיין קיין עקאָנאָ־מישע אישו, ווי אין פאָרשלאָגן פאַר רעגירונגס־אייגנטום פון אַנדערע אונטערנעמונגען . . . די איינציקע זאַך, צוליב וואָס מען דאַרף זיך שטעלן קעגן דעם, אַז די רעגירונג זאָל איבער־נעמען די פונקציעס פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס איז, וואָס דערמיט וואָלט מען גענומען אַ פרייוויליקע פאָרמע פון סאָ־ציאַלער פאַרזיכערונג (?) און מען וואָלט דערפון געשאַפן אַ געצוואונגענע (?) פאָרמע. (אין דעם נאָמען פון „פרייהייט“, הייסט עס, טאָר מען אַזאַ זאַך ניט טאָן! — ה. פּ.) קיין אונטערשייד אין דער עצם פאַרזיכערונג איז ניטאָ. די פאַר־זיכערונג איז סאָציאַל, סיי ווען דאָס איז אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג, סיי ווען דאָס זאָל זיין אַ רעגירונגס־אונטערנעמונג.

ניט אומזיסט קלאָגן די רעאַקציאָנערן, אַז די נייע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע איז ניט פרייהייטלעך און דעמאָקראַטיש. ס׳מוז זיין צוליב דעם, וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד „צווינגען“ זיי, נעבעך, אַרויף אַזאַ זאַך, ווי סאָציאַלע פאַרזיכערונג דורך דער רעגירונג. אַזאַ „צוואַנג“ וועט דאָך ניט געבן קיין געלעגנהייט איינצופירן „פריי־ווילינע“ סאָציאַלע פאַרזיכערונג דורך די אינשורענס קאָמפּאַניעס.

מיר זיינען איינשטימיג וועגן דער ריזיגער און וויכטיקער ראָל, וואָס די אינשורענס קאָמפּאַניעס, און זייער אַנגעזאַמעלטער פאַר־

מעגן, פאַרנעמען אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. דורך דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר שפּילן זיי אַ וויכטיקע ראָל אויך אין דעם פּאָליטישן לעבן. מיר זעען נאָך שאַרפער זייער ראָל, וועלכע זיי אַליין זוכן צו פאַרדעקן. מיר מוזן דעריבער קומען צום אויספיר, אַז:

1) די אינשורענס קאָמפּאַניעס האָבן זייער עקאָנאָמישע באַזע אין דער נויט פון די ברייטע מאַסן.

2) די נויט פון די מאַסן נוצן זיי אויס, ווי אַ קוואַל פון ריזיגע פּראָפיטן.

3) זיי העלפן נאַרן די מאַסן מיט דער אילוזיע, אַז די מאַסן קענען זיך באמת פאַרזיכערן קעגן דער אומזיכערקייט פון דער היינטיקער עקאָנאָמישער אָרדענונג.

4) די אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען אַליין געוואָרן אַ וויכטיקער אינסטרומענט, וואָס העלפט פאַרשאַרפן די אומזיכערקייט פון די מאַסן.

5) די עקאָנאָמישע באַזע פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס איז דיזעלביקע, ווי די באַזע פון די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ביידע שטאַמען אָפּ פון דיזעלביקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

6) דער קלאַסן כאַראַקטער פון דעם פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם צוליב זיין עקאָנאָמישער באַזע איז נאָך שאַרפער אין דער באַזע פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס.

7) ווערט צוליב דעם דער פּראָלעטאַרישער פראַטערנאַליזם דער אָנפירער פון דעם קלאַסן־געראַנגל אויך אַפן אינשורענס געביט.

8) זיין שטיצפּונקט איז די עקאָנאָמישע באַזע פון די צענדליקער מיליאָנען אינשורטע.

9) אינשורענס קאָמפּאַניעס, פּונקט ווי די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, מוזן דערפאַר באַטראַכט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם עקאָנאָמישן געבוי און די קלאַסן־פאַרהעלטענישן אין דער געזעלשאַפט. זיי דאַרפן באַטראַכט ווערן, ווי אַ פאַקטאָר פון קלאַסן־אינטערעסן און במילא — פון קלאַסן־געראַנגל.

## צווייטער קאַפּיטל

4) קליינע צאָלונגען — אַ פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פּראַ־טערנאַליזם.

5) וויסנשאַפטלעכע און ניט־וויסנשאַפטלעכע צאָלונגען.

6) אומוויסנהייט אין אינשורענס.

7) איז אינשורענס אַ געמבלעריי?

8) וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען.

9) וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען פון די פראַטערמאַלע אָרגאַניזאַציעס.

10) טאַבעלן — בלויז פאַר אילוסטראַציע.

### 4. קליינע צאָלונגען — אַ פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פּראַטערנאַליזם

די קלאַסן־באַזע פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם איז דער עקאָנאָמיש ניט־פאַרזיכערטער עלעמענט. די עקאָנאָמישע אינטע־רעסן פון דעם עלעמענט מוזן פאַרטיידיקט ווערן. וואָס אָרימער דער מענטש איז — אַלץ מער נויטיקט ער זיך אין פאַרזיכערונג. וואָס ווייניקער איינער פאַרדינט — אַלץ ווייניקער קען ער עטוואָס אָפּשפּאָרן פאַר אַ פאַל פון נויט. וואָס אָרימער איינער איז — אַלץ מער איז ער אונטערוואָרפן צו קראַנקהייט, נויט און עלנט. מוזן דערפאַר געשאַפן ווערן די באַדינגונגען, וואָס זאָלן קענען אָפּן בעסטן אופן באַשיצן און באַזאָרגן די יעניקע, וואָס נויטיקן זיך אַמ־שטאַרקסטן אין פאַרזיכערונג.

דער באַוואוסטזיניקער מענטש גלויבט ניט, אַז דורך די אינ־שורענס־קאָמפּאַניעס אָדער פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס קען אָפּ־געשאַפט ווערן די ניט־זיכערקייט פון די ברייטע מאַסן. דערפאַר איז ער גרייט צו פירן דעם קאַמף פאַר פולשטענדיקער סאָציאַלער פאַרזיכערונג. דער קאַמף איז נאָך אָבער ווייט ניט קיין געוואו־נענער. דער אָרימער מענטש נויטיקט זיך שוין היינט צו טאָג אין

באַלדיקער הילף. זיינע נויטן קענען דערווייל ניט וואַרטן. די צענדליקער מיליאָנען מיטגלידער אין די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי די אינשורטע אין פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס, זוכן מיט עטוואָס זיך צו פאַרזיכערן שוין היינט. דאַרף דעריבער פאַר דעם פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם שטיין די פראַגע, צי די מיטגלידער באַקומען גענוג באַשיצונג פאַר די שווער־פאַרהאַרעוועטע געלטער, וואָס זיי צאָלן אוים פאַר אינשורענס.

סענאַטאָר דייוויס איז מיט דער מיינונג, אַז יעדן יאָר ווערט אין אַמעריקע אויסגעגעבן איבער 500 מיליאָן דאָלאַר אויף צאָלונגען צו די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. פאַר אינשורענס איז אין יאָר 1935 איינגעצאָלט געוואָרן העכער פון 3 און אַ האַלב ביליאָן דאָלאַר ($3,692,127,637). מוז דעריבער אויך שטיין די פראַגע, צי די אינשורטע האָבן באַקומען דעם מאַקסימום באַשיצונג פאַר אַזאַ ריזיגער איינגעצאָלטער סומע. מיר מוזן באַטראַכטן, צי איז ניט געווען מעגלעך צו באַקומען פאַר דער זעלביקער סומע פיל מער באַשיצונג, ווי מען האָט ווירקלעך באַקומען.

די אַלגעמיינע סומע פון אַלערליי אינשורענס אין אַמעריקע האָט דעם 1־טן יאַנואַר, 1937, באַטראָפן $113,375,663,513 (עטוואָס מער פון 113 ביליאָן דאָלאַר 1). לויט דער אויסרעכענונג פון עדווארד וואודס, האָט אין 1926 דער מינימום אינשורענס אין אַמעריקע געדאַרפט באַטרעפן 1,650 ביליאָן דאָלאַר. אָבער צו יענער צייט האָבן אַלערליי אינשורענס אָנגעטראָפן בלויז 95 ביליאָן דאָלאַר. אָדער אין דורכשניט האָט מען געדאַרפט זיין אינשורט כמעט 18 מאָל אַזויפיל. 2)

ווען מיר רעכענען אוים, אַז דער רייכער מענטש איז געווען מער ווי גענוג אינשורט, וועט זיך באַקומען, אַז דער אָרימער מענטש האָט געדאַרפט זיין אינשורט ווינציקסטנס 30 מאָל אַזוי פיל. די לאַגע היינט צו טאָג איז אין דעם הינזיכט ניט־קיין בעסערע. ניט געקוקט דערויף, וואָס היינט באַטרעפט די אינשורענס מיט 18 ביליאָן מער, האָט זיך פונדעסטוועגן די פּראָפּאָרציע ניט פיל געענדערט. די באַפעלקערונג האָט זיך אין משך פון דער צייט פיל פאַרגרעסערט, איז זייער אינשורענס־ווערט אַ גרעסערער. לעבנס־מיטלען זיינען אויך געוואָרן טייערער. די פאַרגרעסערונג פון די

אינשורענס איז געקומען הויפּטזעכלעך פון דעם רייכערן קלאַס און ניט פון דעם אָרימען.

וואָס זיינען די אורזאַכן? מר. וואודס גיט אף דעם זייער אַ קלאָרן ענטפער:

„דאָס איז ניט מעגלעך באַ דעם איצטיקן קאָסט פון אינשורענס". 3)

דער אַרבעטער, דער האָרעפּאַשניק קען ניט טראָגן אף זיינע פּלייצעס די הויכע אויסגאַבן פון אינשורענס. דער אָרימער מענטש איז פאַראינטערעסירט צו באַקומען פאַרזיכערונג פאַר די מעגלעכסט־נידעריקע צאָלונגען. ער איז פאַראינטערעסירט אין דער מעגלעכסט־גרעסטער סומע אינשורענס, איבערהויפּט אין דעם עלטער, ווען אַז אים זיינען אָפּהייגניק אַ פאַמיליע מיט קליינע קינדער. צוליב די הויכע צאָלונגען געפינען זיך מיליאָנען, וואָס פאַר זיי איז אינשורענס ניט מער, ווי אַ לוקסוס־זאַך.

נאָך אין דעם יאָר 1879 האָט דער ניו־יאָרקער אינשורענס קאָמי־שאָנער אין זיין באַריכט געזאָגט:

„צו די, וועמען די אומשטענדן דערלויבן ניט נאָכ־צוקומען אַזוינע צאָלונגען, איז לאַיף אינשורענס פּונקט אַזוי ניט דערגרייכבאַר, ווי יעדע אַנדערע באַקוועמלעכ־קייט אָדער לוקסוס־זאַך".

געפינען מיר טאַקע מיליאָנען, וואָס פאַרמאָגן גאָרניט קיין אינ־שורענס אָדער זייער אינשורענס־סומע איז זייער אַ נישטיקע. די וואָס פאַרמאָגן שוין יע עטוואָס אינשורענס, קענען ניט נאָכקומען די שווערע צאָלונגען, וואָס מיינט פאַר זיי אומגעהויערע פאַרלוסטן אָדער ניט־שטאַנדהאַפטיקע פאַרזיכערונג. צוליב די הויכע צאָלונ־גען קענען פיל מיליאָנען ניט געהערן אפילו צו די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

לויט דער אויסרעכענונג פון ה. א. מילס, פּראָפעסאָר פון עקאָ־נאָמיקס אין שיקאַגער אוניווערזיטעט (אין זיין בוך „קראַנקהייט און אינשורענס", 1936, זייט 27), שטאַרבן 40 פּראָצענט פון לוין־אַרבעטער אין אַמעריקע, ניט איבערלאָזנדיק קיינע אינשורענס. ער מאַכט אויך אויפמערקזאַם, אַז די גרעסטע צאָל פאַמיליעס אַז אינ־

שורענס אָדער מיט ווינציק אינשורענס געפינט מען צווישן די מאַסן מיט די קלענסטע פאַרדינסטן.

די אויפגאַבן פון פראַלעטאַרישן פראַטערנאַליזם זיינען דעריבער צו מאַכן מעגלעך, אַז די עקאָנאָמיש ניט־זיכערע מאַסן זאָלן קענען באַקומען דעם מאַקסימום פאַרזיכערונג פאַר די מינימאַלסטע צאָלונגען. דורכ'ן פראַלעטאַרישן פראַטערנאַליזם דאַרפן דערגרייכט ווערן די אָרימסטע, די נידעריקסט־באַצאָלטע האָרעפּאַשניקעס. ער דאַרף מאַכן פאַר זיי מעגלעך כאָטש וועלכע ניט איז באַשיצונג. דאָס אַליין איז דער וויכטיקסטער מאָמענט. דער פראַלעטאַרישער פראַטערנאַליזם האָט ניט קיין אַנדערע אינטערעסן, ווי די עקאָנאָמישע באַשיצונג פון די סאַמע ניט־פאַרזיכערטע עלעמענטן. ער אַליין איז אַ קינד פון דער עקאָנאָמישער ניט־זיכערקייט.

דער פראַלעטאַרישער פראַטערנאַליזם, מיט זיין שטיצפּונקט אויף דער באַזע פון עקאָנאָמישער ניטזיכערקייט, וועט דאַרפן מאָביליזירן די אַלע עלעמענטן אין דעם קאַמף פאַר עקאָנאָמישער זיכערקייט.

פאַר דעם פראַלעטאַרישן פראַטערנאַליזם איז די פראַגע פון הויכע צאָלונגען דערפאַר אַ **פּרינציפּ**, וואָס איז דער רעזולטאַט פון זיין עקאָנאָמישער באַזע און אָריענטאַציע. דער פּרינציפּ וואַקסט אַרויס פון דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון די, וואָס נויטיקן זיך אין פאַרזיכערונג אַמשטאַרקסטן.

## 5. צאָלונגען: וויסנשאַפטלעכע און ניט וויסנשאַפטלעכע

ווען מיר ריידן וועגן אַ פּרינציפּ פון צאָלונגען, וואָס וואַקסט אַרויס פון די נויטן און אויפגאַבן פון פראַלעטאַרישן פראַטערנאַליזם, דאַרף אָבער זיין קלאָר, אַז די צאָלונגען מוזן זיין **פאַראַנטוואָרטלעכע**. אָן זיכערע צאָלונגען איז ניט מעגלעך דער פראַלעטאַרישער פּרינציפּ. זיכערע צאָלונגען מוזן זיין געבויט אויף אַ וויסנשאַפטלעכער סיסטעם און ניט אויף קיין צופאַל.

אין דעם פאַרגלייך פון צאָלונגען, וואָס מיר גרייטן זיך דורכצופירן, וועלן מיר ניט רעדן אַבסטראַקט. מיר וועלן פאַרגלייכן אייז וויסנשאַפטלעכע סיסטעם מיט אַ צווייטער אין דעם ליכט פון דעם פּרינציפּ פון פראַלעטאַרישן פראַטערנאַליזם.

די געשיכטע פון דער פראַטערנאַלער באַוועגונג אין אַמעריקע איז פול מיט אונטערגעגאַנגענע איינצעלנע סאָסייעטיס און גאַנץ היפּשע לאָדזשען און אָרדנס. אונזער אידישע גאַס אַליין האָט גע־קענט אָנשרייבן אַ לאַנגע געשיכטע פון טויזנטער אונטערגעגאַנגענע פאַראיינען און גרויסע אידישע אָרדנס. זייער אונטערגאַנג איז געקומען הויפּטזעכטלעך צוליב די ניט־וויסנשאַפטלעכע צאָלונגען, אַף וועלכע זיי האָבן זיך געשטיצט. ערשט ניט לאַנג האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען די שווערע לאַגע פון דעם „אינדע־פּענדענט אָרדן ברית אברהם", ווי אַ רעזולטאַט פון אַ ניט־וויסנ־שאַפטלעכן מעטאָד פון צאָלונגען. דער אָרדן איז טאַקע אַרונטער־געפאַלן פון אַרום נאָענט צו 230 טויזנט מיטגלידער מיט 12 — 13 יאָר צוריק צו קאַרגע 43 טויזנט (42,925) היינט צו טאָג. 4)

מיר גלויבן, אַז נאָך די אַלע דערפאַרונגען, ספּעציעל אין די יאָרן פון קריזיס, דאַרף דער אַרבעטער רינג זיין צופרידן, וואָס ער האָט איינגעפירט וויסנשאַפטלעכע צאָלונגען. אָן אַזוינע צאָלונגען וואָלט דער אַרבעטער רינג ניט געווען אין זיין איצטיקן פינאַנציעלן צושטאַנד.

ווען מיר ריידן וועגן נידעריקע צאָלונגען, טאָר מען ניט פאַר־פירט ווערן בלויז פון דעם קליינעם אָפּצאָל. מען דאַרף זיי אַלעמאָל פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס מען באַקומט פאַר די צאָלונגען. ס'קען זיך אָפטמאָל באַקומען, אַז צאָלונגען, וואָס קוקן אויס צו זיין ביליג, זיינען גאָר אין עצם זייער טייער. איר קויפט, צום ביישפּיל, אַ פּאָר שיך און באַצאָלט 4 דאָלאַר. איז אויב איר האָט דאָס באַצאָלט פאַר אַ 3־דאָלאַרדיקער פּאָר שיך, האָט איר איבערגעצאָלט. אויב איר האָט אָבער באַקומען אַ 5־דאָלאַרדיקע פּאָר שיך, האָט איר געכאַפּט אַ מציאה.

מיר איז באַוואוסט אַ סאָסייעטי, וואו דער גאַנצער אָפּצאָל איז אַ דאָלאַר מיט אַ פערטל אַ קוואַרטאַל (3 חדשים). איז דאָס ביליג? גראָדע ניט. פאַר דער סומע ווערט דאָרטן דער מיטגליד פאַרזאָרגט ניט מער, ווי מיט באַערדיקונג בענעפיטן. איז דאָס שוין טייער.

מען פאַרגלייכט אָפטמאָל 2 סאָסייעטיס. אין איין סאָסייעטי איז דער אָפּצאָל $2.50 אַ קוואַרטאַל; אין דער צווייטער — $3.50.

מען דאַרף אָבער אויסגעפינען פריער די בענעפיטן, וואָס זיי קריגן צו באַשטימטען וועלכע פון די צוויי איז ווירקלעך ביליגער.ביידע סאָסייעטיס פאַרמאָגן ניט קיין וויסנשאַפטלעכע צאָלונגען. קען דעריבער זיין, אַז אפילו די, וואָס גיט פּראָפּאָרציאָנעל גרעסערע בענעפיטן, וועט מוזן צוזאַמענברעכן. זיינען שוין דאָרטן די צאָלונגען אויף אַזאַ אופן טייער.

די מערסטע סאָסייעטיס פאַרמאָגן אינשורענס. איז די אינשורענס געבויט אויף וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען? ניין! די אינשורענס־געלט קומט פון אַ קאָפּ־שטייער. אַזוינע סאָסייעטיס ווערן מערסטנס געגרינדעט פון יונגע און מיטליאַריקע מענטשן. דאָס זיינען די אַלע „יאַנג מענס", „יאַנג פרענדס" א. אַז. וו. ווען אַזאַ סאָסייעטי פאַרמאָגט 500 מיטגלידער, דיינקט דער מיטגליד, אַז ער איז פאַרזיכערט אויף 500 דאָלאַר. אין די ערשטע יאָרן, ווען דער דורכשניטלעכער עלטער איז ניט הויך און עס זיינען פאַראַן ניט צופיל טויטן־פאַלן, זיינען די צאָלונגען פאַרהעלטניסמעסיק קליין. גייען דורך אַ 15 — 20 יאָר — ווערט גרעסער די שטערבלעכקייט, ווערן גרעסער די צאָלונגען. קיין יונגע מיטגלידער קומען ניט אריין און די עלטערע שטאַרבן ביסלעכווייז אויס אָדער פאַלן ארויס צוליב די הויכע צאָלונגען. דער, וואָס האַלט זיך נאָך איין, איז שוין דאַן פאַקטיש אינשורט בלויז אויף העלפט אָדער נאָך ווינציקער. די צאָלונגען זיינען אומגעהויערע. אַזאַ צושטאַנד מוז פירן צו דער אונטערגאַנג פון אַזוינע סאָסייעטיס.

ס'איז בכלל ניט מעגלעך דורכצופירן וועלכן עס איז פאַרגלייך צווישן די ניט־וויסנשאַפטלעכע סאָסייעטיס אָדער אָרדנס און די וויסנשאַפטלעכע סיסטעמען פון אינשורענס אין די פריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס, אָדער אין די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אָבער איין פאַרגלייך איז כדאַי צו מאַכן, כדי אויסצוגעפינען, אויב ס'לוינט זיך אויפצוהאַלטן די סאָסייעטיס, וואָס קענען ניט זיין געבויט אויף וויסנשאַפטלעכע צאָלונגען. אַזאַ פאַרגלייך וואָלט געצוואונגען דער פירערשאַפט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער געפאַר, אין וועלכער זיי שטעלן אַוועק זיך אַליין און זייערע מיטגלידער.

דער פּראָלעטאַרישער פּראָטערנאַליזם קען ניט ריזיקירן מיט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דעם מיטגליד דורך ניט־פאַראַנט־

וואָרטלעכע און ניט־וויסנשאַפטלעכע צאָלונגען. ער וואָלט זיך אָפּגע־ריסן פון זיין עקאָנאָמישער באַזע, פון דעם עקאָנאָמיש ניט־זיכערן עלעמענט. דער פּראָלעטאַרישער פּראָטערנאַליזם טראָגט די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די אינטערעסן פון די מיטגלידער אין די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

## 6. אומוויסנקייט אין אינשורענס

צענדליקער מיליאָנען מענטשן פאַרמאָגן פאַרשיידענע פאָרמען פון אינשורענס. יעדן יאָר ווערן אויף דעם אויסגעגעבן ביליאָנען דאָלאַר. זיי בויען די גאַנצע זיכערקייט פון זייער מאָרגן פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס אויף אינשורענס. פונדעסטוועגן איז שווער צו געפינען אַזוינע, וואָס זאָלן באמת פאַרשטיין וואָס אינשורענס איז.

בוכהאַלטערס, סטאַטיסטיקער און באַנקירן זיינען אָפּטמאָל כמעט אַזוי אומוויסנד אין דער פראַגע, ווי מענטשן, וואָס קענען קוים צוזאַמענרעכענען די איינפאַכסטע ציפערן.

פּראָפעסאָר געפּהאַרט שרייבט וועגן דעם ווי פאָלגט:

„די קאָמפּאַניע פון אויפקלערונג, כדי די באַ־פעלקערונג זאָל פאַרשטיין די פונדאַמענטן פון אינשורענס, מוז אָנגעפירט ווערן זייער ערנסט . . . ס׳איז זעלטן פאַראַן נאָך אַזאַ געשעפט, וועגן וועלכן דער מענטש זאָל זיין אַזוי אומוויסנד . . . די פאַרוואַלטער פון די קאָמפּאַניעס, וועלכע זיינען געווען מערסטנס אויף דעם „מיוטשועל“ פּלאַן, האָבן ניט פאַרשטאַנען קיין אינשורענס“. 5)

אַן ענלעכע מיינונג האָט אויך אויסגעדריקט פּראָפעסאָר מאָוב־ריי, וועלכער שרייבט:

„„פאַר די מערסטע מענטשן אין דער היינטיקער צייט זיינען אינשורענס פּאָליסים אַ טעגלעכע זאַך. זיי ווערן אָנגע־נומען, ווי אַ געוויינטלעכע פּאַסירונג. ווייניק געשעפטסלייט לייענען זיי, נאָך ווייניקער פאַרשטייען די פּאָלי־סים.

„ווען זיי געפינען אויס, אַז די פּאָליסי פאַרמאָגט ניט

די פאַרזיכערונג, וואָס זיי האָבן דערוואַרט, ווערט דאָס באַ־טראַכט, ווי באַוואוסטזיניקער שווינדל. אָפּט לויפט מען צו די געזעצגעבער נאָך הילף". 6)

ס'איז אַזאַ קראַנקהייט, וואָס מען דאַרף ניט פרעגן באַ פּראַ־פעסאָרן. יעדער לייענער פאַרמאָגט וואַרשיינלעך אַ פאָליסי. זאָל ער זיך אַליין פרעגן, וואָס ער ווייסט וועגן דעם. אויב ער דיינקט, אַז ער ווייסט עפּעס, איז דאָס ניט מער, ווי דאָס, וואָס דער אינ־שורענס אַגענט האָט אים געזאָגט. וועל איך אייך דאָ שוין אויס־זאָגן אַ סוד: ס'איז אַ שטאַרקער צווייפל, אויב דער אַגענט אַליין ווייסט דעם עצם פון אינשורענס. יעדנפאַלס, קען מען אַזוינע ווייִ־סער זייער זעלטן געפינען.

אָפּטמאָל דוכט זיך איינעם אויס, אַז ער ווייסט וועגן אינשו־רענס. ס'איז אָבער געוויינטלעך ניט מער, ווי אַן איינריידעניש.

אינשורענס איז אַ וויסנשאַפט. מען דאַרף זי שטודירן. דער שטודירן איז אָבער שווער, ווייל די אַלע שרייבער און פּראָפעסאָרן פון אינשורענס זיינען אַ טייל פון דער גאַנצער אינשורענס־סיסטעם. זיי ווערן קאָנטראָלירט פון די אינשורענס־קאָמפּאַניעס, און וואָס עס לוינט זיך ניט פאַר די קאָמפּאַניעס, איז גאָרניט לייכט אויס־צוגעפינען.

## 7. אינשורענס און געמבלעריי

צוליב דעם, וואָס עס הערשט אַזאַ אומוויסנהייט וועגן אינ־שורענס, באַטראַכטן דאָס מענטשן, ווי אַ געוויסע פאָרמע פון געמב־לעריי. ס'איז לייכט אָנצואווייזן אויף גענוג פאַלן, ווען איינער איז געוועזן אינשורט בלויז אַ קורצע צייט. און אַז ער איז געשטאָרבן, האָט זיין פאַמיליע פונדעסטוועגן באַקומען אַ היפּשע סומע אינשו־רענס, מיינט מען דעריבער, אַז די אינשורענס קאָמפּאַניע „געמבלט" יעדן מאָל, ווען זי גיט אַרויס אַ פאָליסי. דער אינשורטער, הייסט עס, צאָלט איין אַ געוויסע סומע, פאַר וועלכער די אינשורענס קאָמ־פּאַניע איז גרייט צו געמבלען אויף זיין לעבן. אַזוי ווערט דער ענין פאַרשטאַנען.

צוליב אַזאַ באַגריף דיינקען מענטשן, אַז וואָס אַ גרעסערן פּרייז

מען באַצאָלט, און וואָס מער געלט די אינשורענס קאָמפּאַניע פאַר־מאָגט, אַלץ זיכערער איז צו געמבלען. אויב מען לייגט אייך דעריבער פאַר א פּאָליסי פאַר א ביליגערן אָפּצאָל, באַצוט איר זיך צו איר מיט אומצוטרוי.

דער אמת איז, אַז אינשורענס איז ניט קיין געמבלעריי. בלויז אין די גאָר ערשטע פּעריאָדן פון אינשורענס איז דאָס אַזוי געוועז. דאַן האָט מען געמוזט צאָלן א גרויסע פּרעמיע. גראַד יענער פּע־ריאָד איז באַוואוסט מיט דער גרויסער צאָל באַנקראָטן פון אינ־שורענס קאָמפּאַניעס. מאָדערנע אינשורענס איז אָבער געבויט אויף ווייסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען, וואו אַלעס איז אין פאָראויס זייער קלאָר באַשטימט.

פּראָפעסאָר געפּהאַרד שרייבט אַזוי וועגן דעם:

„די טעאָריע פון אינשורענס איז געבויט אויף דער מעג־לעכקייט גענוי פאָראויסצוזאָגן די שטערבלעכקייט. דורכדעם ווערן באַשטימט די צאָלונגען. יעדע ריזיקע איז פאַרזיכערט דורך די מעגלעכע אַנדערע ריזיקעס און ניט דורך דער אינ־שורענס קאָמפּאַניע. די קאָמפּאַניע איז בלויז די אַגענ־טור, דורך וועלכער די סיסטעם איז אָרגאַניזירט. די אינשורענס קאָמפּאַניע קען ניט פאַרגרעסערן אָדער פאַרקלע־נערן די ריזיקע. זי עקזיסטירט סיי ווי, צי איר פאַראייניקט אייך מיט אַנדערע קעגנזייטיק זיך צו העלפן, אָדער ניט.

דערין ליגט דער הויפּט אונטערשייד צווישן אינשורענס און געמבלעריי. אין געמבלעריי ווערט דער איינצעלנער אויסגעזעצט צו דער ריזיקע פון א ניט נויטיקן פאַרלוסט. אין אינשורענס איז די ריזיקע אָבער אַלעמאָל פאַראַן. בלויז דורך פאַראייניקונג מיט אַנדערע ווערן אין אינשורענס אָפּגע־שאָפט די קאָנסעקווענצן פון געפאַר . . . דער ציל פון געמב־לעריי איז צו געווינען. דער ציל פון אינשורענס איז צו פאַרזיכערן קעגן א מעגלעכן פאַרלוסט. קיין אויס־רעכענונג קען ניט פאָראויסזאָגן דעם רעזולטאַט פון געמב־לעריי . . . אין געמבלעריי זוכט מען אויפרעגונג, אין אינ־שורענס זוכט מען זיכערקייט. פון דעם ווערט קלאָר, מוז ווערן קלאָר, אַז אַן אינשורענס קאָמפּאַניע ווייס ניט

בלויז די סומע, וואָס זי דאַרף איינזאַמלען. זי ווייסט אויך זייער גענוי, וועלכער טייל פון דער איינגעזאַמל־טער סומע וועט ווערן אויסגעצאָלט יעדן יאָר". 7)

נאָך קלאָרער ברייננט דאָס ארויס מאָובריי:

„אַ געוועט וועגן דעם, ווי אַ מטבעה וועט פאַלן אָדער וועגן דעם אויסגאַנג פון אַ פערד־געלויף, ווערט זיכער פאַר־שטאַנען, ווי געמבלעריי. איידער דער געוועט איז געמאַכט געוואָרן, קען דער פאַרמעגן פוןביידן ניט אָנגערירט ווערן. ווען דער געוועט איז שוין געמאַכט געוואָרן, האָט יעדער איי־נער דעם זעלביקן שאַנס צו געווינען אָדער צו פאַרלירן . . . דער אמת'ער אינשורענס־קאָנטראַקט דערגרייכט פונקט דעם קעגנזאַץ פון געמבלעריי. נאָך פריער פון די פאַרהאַנדלונגען איז דער איינצעלנער שוין אונטערוואָרפן צו דער געפאַר. נאָכדעם ווי ער שליסט דעם קאָנטראַקט, איז ער גראַד אויסער געפאַר . . . דערמיט, וואָס ער פאַראייניקט זיין אייגענער ריזיקע מיט די ריזיקעס פון פיל אַנדערע, שאַפט ער אָפּ די ריזיקע. ס'באַקומט זיך אַ באַשטימטקייט". 8)

ס'איז פאַראַן וועגן צאָלונגען נאָך אַ האַלב־וויסנשאַפטלעכער באַגריף, וואָס גרעניצט זיך מיט'ן באַגריף פון געמבלעריי. אייניקע דיינקען, אַז וויסנשאַפטלעך ווערט אויסגערעכנט וויפיל ס'איז דער דורכשניט פון מענטשלעכן לעבן. אָפּן גרונט פון דעם ווערט אויסגע־רעכנט, וויפיל מען דאַרף איינצאָלן יעדן יאָר, כדי דורך דער מענ־לעכער צייט פון לעבן זאָל זיך קענען אָנזאַמלען אַ סומע, גרויס גענוג צו דעקן די סומע פון די אינשורענס.

אַזאַ באַגריף איז ניט ריכטיק. דאָ וואָלט אויך געלעגן אַ מאָמענט פון געמבלעריי. לויט אַזאַ רעכענונג, וואָלט אויסגעקומען, אַז פאַר יעדן פריצייטיקן טויט מוז קומען אַ פאַרשפעטיקטער טויט, וואָס זאָל גוטמאַכן דעם פאַרלוסט. אויב ניט — פאַרלירט די אינשורענס קאָמפּאַניע. הייסט דאָס ווידער, אַז די אינשורענס קאָמ־פּאַניע געמבלט יעדעס מאָל, ווען זי אינשורט אַ מענטשן.

מיר ציען אייער אויפמערקזאַמקייט נאָכאַמאָל צום פּאַראַגראַף אין דער ציטאַטע פון פּראָפעסאָר געפּהאַרט, וואו ער זאָגט זייער קלאָר. „די אינשורענס קאָמפּאַניע ווייס ניט בלויז די סומע, וואָס

זי דאַרף איינזאַמלען, זי ווייס זייער גענוי, וועלכן טייל פון דער איינגעזאַמלטער סומע זי וועט אויסצאָלן יעדן יאָר". 9)

פון די געבראַכטע פאַקטן מוזן מיר דעריבער קומען צום שלוס, אַז אינשורענס איז ניט נאָר ניט קיין געמבלעריי, נאָר איז דער קעגנזאַץ דערפון.

## 8. וויסנשאַפטלעכע צאָלונגען

די צאָלונגען פאַר אינשורענס זיינען געבויט אויף אָנגעזאַמלטע דערפאַרונגען און סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן. די געזאַמלטע סטאַטיסטישע ציפערן זיינען וועגן דער שטערבלעכקייט פון דער באַפעלקערונג אין יעדן עלטער. זיי זיינען באַשטעטיקט געוואָרן דורך די דערפאַרונגען אין פאַרלויף פון אַרום 20 יאָר.

די ערשטע טאַבעלן פאַר די אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון מר. האָמאַנס אין יאָר 1868. די טאַבעלע איז באַוואוסט אַלס די „אַמעריקען עקספּיריענס טייבל אָוו מאָרטאַליטי" (אַמעריקאַנער דערפאַרונג־טאַבעלע פון שטערבלעכקייט).

טאַבעלע 1.

| באַפעל־קערונג | עלטער | צאַל טויטן־פאַלן דערוואַרט | סומע פון אינשורנס | די נויטיגע סומע | צאַל אינ־שורטע | קאַסט פאַר יעדן באַזונדער |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1,000 | 25 | 8.07 | $1,000 | $ 8,070 | 1,000 | $ 8.07 |
| 1,000 | 35 | 8.95 | 1,000 | 8,950 | 1,000 | 8.95 |
| 1,000 | 45 | 11.16 | 1,000 | 11,160 | 1,000 | 11.60 |
| 1,000 | 55 | 18.57 | 1,000 | 18,570 | 1,000 | 18.57 |
| 1,000 | 65 | 40.13 | 1,000 | 40,130 | 1,000 | 40.13 |
| קאָלום 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 |

ווען מיר עקזאַמינירן די געבראַכטע טאַבעלע 1 (10), געפינען מיר אויס דאָס פאָלגנדיקע: פון יעדע 1,000 מענטשן אין עלטער פון 25 יאָר וועלן אין פאַרלויף פון יאָר שטאַרבן עטוואָס מער פון 8 (גענוי: אַכט מיט 7 הונדערטלען — 8.07). די שטערבלעכקייט פאַרגרעסערט זיך כסדר מיט דעם עלטער, ווי די טאַבעלע 1 אין די קאָלומס 1, 2 און 3 ווייזן דאָס אָן.

קיינער פון די טויזנט מענטשן ווייס ניט אין פאָראויס, ווער ס'וועט זיין איינער פון די 8, וואָס וועלן שטאַרבן אין פאַרלויף פון דעם יאָר. יעדער איינער האָט אַ גלייכן שאַנס, ווי די אַנדערע. באַשליסט דערפאַר יעדער איינער פון זיי צו פאַרזיכערן זיך מיט 1,000 דאָלאַר פאַר דעם פאַל, ווען ס'זאָל פּאַסירן, אַז ער, דער איינצעלנער, זאָל דאָס זיין איינער פון די 8 (קאָלום 4). וויפיל געלט דאַרפן די טויזנט מענטשן צוגרייטן, אַז צום ענדע פון יאָר, ווען די 8 וועלן אויסשטאַרבן, זאָלן זייערע פאַמיליעס באַקומען צו $1,000? זיי דאַרפן צוגרייטן אַ סומע פון $8,070 (זע קאָלום 5). די נויטיקע סומע ווערט צעטיילט אויף גלייך צווישן יעדן איינעם פון די טויזנט, ווייל אַלע זיינען דאָך אין אַ גלייכער געפאַר צו שטאַרבן (זע קאָלום 6). באַקומט זיך, אַז יעדער איינער דאַרף איינצאָלן $8.07 (זע קאָלום 7).

אַזוי שנעל, ווי די גאַנצע געלט סומע איז איינגעזאַמלט געוואָרן, איז פאַר דער אינשורענס אַגענטור שוין ניט קיין אונטערשייד, ווער פון די טויזנט מענטשן עס וועט שטאַרבן. פאַר דער אַגענטור איז ניט קיין אונטערשייד וועמען אויסצוצאָלן דאָס געלט. דאָס געלט ליגט צוגעגרייט. דערין איז ניטאָ קיין געמבלעריי.

אַלע אינשורענס קאָמפּאַניעס אין אַמעריקע מאַכן זייערע אויסרעכענונגען אויפ'ן שטייגער, ווי אין דער טאַבעלע. די אויסרעכענונגען ווערען געמאַכט לויט די פאַרשיידענע סומעס פון איינקונפט. די פּרעמיעס (אָפּצאָלן) ווערן געמאַכט אָנהויב יאָר. די צאָל דערוואַרטע טויטן־פאַלן קומען ניט אַלע אָנהויב יאָר. ווען אַ סומע געלט געפינט זיך אין די הענט פון אַ געשעפט־אינסטיטוציע, ברייננגט דאָס פּראָפיטן. באַלאַנגט דאָס געלט אייגנטלעך ביז דער אויסצאָלונג צו די אינשורטע, קומט זיי דערפאַר אויך די פּראָפיטן פונ'ם געלט. ווערן

דערפאַר די אויסרעכענונגען געמאַכט לויט די נויטיקע אויסגאַבן, אָבער אַרונטעררעכענענדיק דעם איינקונפט פון די פּראָצענטן. די אינשורענס קאָמישאָנערס דערלויבן אַזוינע אַרונטעררעכענונגען אַף 3, 3½ און 4 פּראָצענט. וואָס קלענער דער פּראָצענט פון אַרונטער־רעכענונג — אַלץ בעסער איז דאָס פאַר דער אַגענטור. אַ גרעסערער פּראָצענט איז בעסער פאַר דעם אינשורטן.

די אויסרעכענונג, וואָס מיר האָבן געבראַכט, איז שוין אַ פאַר־עלטערטע. צוערשט מוז מען געדיינקען, אַז די טאַבעלע 1 איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לויט דער רעכענונג פון יעדע טויזנט מענטשן, בכלל גענומען. ווען אַן אינשורענס קאָמפּאַניע גיט אָבער אַרויס עמיצן אינשורענס, אונטערזוכט זי פריער זיין געזונט־צו־שטאַנד. די טויזנט זיינען שוין דערמיט ניט סתם מענטשן, נאָר אָפּגעקליבענע. אויסער דעם איז די שטערבלעכקייט פון דער באַ־פעלקערונג אַ סך פאַרקלענערט געוואָרן פון יענער צייט אָן.

דזשאָזעף ב. מעקליין, דער געהילף עקטשוערי פון דער מיוטשועל לאַיף אינשורענס קאָ., ברענגט אַזאַ פאַרגלייך. 12)

## טאַבעלע 2.

| עלטער | אַמעריקען עקספּיריענס טאַבעלע | יו. עס. לייף | אַמעריקען מען אַלגעמיינע 1900—1915 | אַמעריקען מען אויסגעקליבענע 1900—1915 |
|---|---|---|---|---|
| 20 | 7.8 | 4.7 | 3.9 | 2.7 |
| 30 | 8.4 | 6.5 | 4.5 | 3.0 |
| 40 | 9.8 | 9.4 | 5.8 | 3.7 |
| 50 | 13.8 | 14.4 | 11.6 | 6.8 |
| 60 | 26.7 | 28.6 | 26.7 | 14.9 |
| 70 | 62.0 | 59.5 | 61.5 | |
| 80 | 144.0 | 130.3 | | |
| קאָלום 8 | 9 | 10 | 11 | 12 |

וואָס די „אַמעריקען עקספּיריענס טייבל“ איז — ווייסט איר שוין. די טאַבעלע (דעם קאָלום 9 אין טאַבעלע 2) פאַרגלייכן מיר מיט דעם קאָלום 10, וואָס מיר רופן „יו־עס לאַיף“. דער קאָלום

איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון דער רעגירונג, לויט די דערפאַ־רונגען פון טויטן־פאַלן אין די יאָרן 1909, 1910 און 1911. די דער־פאַרונגען זיינען אויך פון דער אַלגעמיינער און ניט פון קיין געזונט־אויסגעקליבענער באַפעלקערונג. ווען איר פאַרגלייכט די ביידע קאָלומס (9 מיט 10), באַווייזט דאָס אייך אַף וויפיל די שטערב־לעכקייט האָט זיך פאַרקלענערט.

די פאַרקלענערונג זעט זיך נאָך שטאַרקער אָן, ווען איר פאַר־גלייכט דאָס מיט קאָלום 11. דער קאָלום איז אויסגערעכנט לויט די דערפאַרונגען מיט אַלע אינשורטע אין די אינשורענס קאָמפּאַניעס אין משך פון דעם פּעריאָד 1900 — 1915. די דערפאַרונגען זיינען באַוואוסט אונטער'ן נאָמען: „אַמעריקען מען, אַלגעמיינע 1900 — 1915“. פון דעם קאָלום געפינען מיר אויס, אַז אין עלטער פון 20 יאָר (זע קאָלום 8) דערוואַרט די אַמעריקען עקספּיריענס זיבן מיט 8 צענטל (7.8) טויטן־פאַלן פאַר יעדע טויזנט מענטשן. די דערפאַרונגען פון דער „יו־עס לאַיף“ אין דער זעלביקער צייט זיינען בלויז פיר מיט 7 צענטל (4.7). די דערפאַרונגען פון דער „אַמע־ריקען מען, אַלגעמיינע“ (קאָלום 11) זיינען דאָ בלויז דריי מיט 9 צענטל (3.9).

צווישן די וואָס זיינען אינשורט דעם ערשטן יאָר, דאָס הייסט, באַלד נאָך אַ דאָקטאָר־אונטערזוכונג, איז די שטערבלעכקייט נאָך אַ קלענערע. דער קאָלום 12 האָט אין אויג אַזעלכע מענטשן אין דער אויסרעכענונג. דאָס איז אויך באַוואוסט אַלס „אַמעריקען מען אויסגעקליבענע פאַר די יאָרן 1900 — 1915“. לויט דער אויס־רעכענונג, איז די שטערבלעכקייט אין דעם עלטער פון 20 יאָר בלויז 2 מיט 7 צענטל (2.7) פון יעדן טויזנט.

נאָך שטאַרקער זעט זיך אָן די פאַרעלטערקייט פון דעם „אַמע־ריקען עקספּיריענס טייבל“, ווען מען פאַרגלייכט אים מיט דער פאַקטישער צאָל טויטן־פאַלן אין די לעצטע יאָרן. לויט דער אויס־רעכענונג פון עדוואָרד בערמאַן 13), האָט די דערפאַרונג פאַר די יאָרן 1923 — 1934 באַוויזן, אַז אַנשטאָט יעדע 100 טויטן־פאַלן, לויט דער אויסרעכענונג פון דער „אַמעריקען עקספּיריענס“ טאַבעלע, זיינען פאַקטיש געשטאָרבן:

## טאַבעלע 3.

| | |
|---|---|
| מאַסס. סייווינגס ביינק — — — — — | 42.62 |
| פּראָווידענט לאַיף אינשורענס — — | 51.43 |
| מעטראָפּאָליטן לאַיף — — — — — — | 57.75 |
| פּרודענשל לאַיף — — — — — — — | 57.93 |
| ניו־יאָרק לאַיף — — — — — — — | 57.99 |
| עקוויטייבל לאַיף — — — — — — — — | 59.03 |
| טרעוולערס — — — — — — — — — — | 59.30 |

די געבראַכטע טאַבעלע 3 איבערציינט אונז, אַז פון יעדן 100 טויטן־פאַלן, וואָס מען האָט דערוואַרט, לויט דער אויסרעכענונג פון דעם „אַמעריקען עקספּיריענס טייבל", זיינען אין דער ווירקלעכקייט געשטאָרבן ניט מער, ווי אַרום 60 דורכשניטלעך אין אַ פּעריאָד פון 11 יאָר. און לויט דער דערפאַרונג פון דער מאַסאַטשוזעטס סייווינג ביינק אינשורענס, זיינען געשטאָרבן קאַרגע 43 (42.62 — 42 מיט 62 הונדערטלעך).

די אַלע געבראַכטע ציפערן פון די פאַרשיידענע אויסרעכענונגען זיינען וויכטיק צוליב אַ גאַנצער רייע אורזאַכן. זיי באַווייזן אָבער קודם כּל:

א) אַז די אויסרעכענונגען זיינען אָן ספק וויסנשאַפטלעכע און פאַרמאָגן ניט קיין סימן פון געמבלעריי;

ב) אַז די אינשורענס קאָמפּאַניעס באַנוצן בכיון אַ פאַרעל־טערטע אויסרעכענונג, כדי צו באַרעכטיקן די איינזאַמלונג פון אַ גרעסערן אָפּצאָל; און

ג) אַז די מערסטע אינשורענס קאָמפּאַניעס רעכענען אַ 3־פּראָ־צענטיקן איינקונפט מיט דעם זעלביקן ציל פון אָנהאַלטן העכערע צאָלונגען, ווי עס איז נויטיק.

## 9. וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען פון די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס

די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע האָבן באַזונ־דערס אין די ערשטע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ געהאַט אַ היפּשע

ביסל שווערקייטן צוליב זייערע ניט־וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן פון אינשורענס. דער דראַנג נאָך וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען איז געוואָרן שטאַרקער. פילע אָרגאַניזאַציעס האָבן דאַן אָנגענומען די אויסרעכענונגען פון דער „אַמעריקען עקספּיריענס" טאַבעלע.

ס'איז אָבער ביסלעכווייז אויפגעקומען אַ פאַרלאַנג צו ענדערן די צאָלונגען. די צאָלונגען זיינען געווען צו גרויס: כמעט דיזעלבע, ווי אין די אינשורענס קאָמפּאַניעס. די מיטגלידער האָבן ניט געקאָנט טראָגן דעם שווערן יאָך — זיינען זיי אַריין און אַרויס.

די נייע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געגרינדעט, האָבן קאָנקורירט מיט די אַלטע. די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען אַלס כלל געווען נעענטער צו די אינטערעסן פון די מיטגלידער, ווי די אינשורענס קאָמפּאַניעס. דעריבער האָבן פילע פון זיי געזוכט אַ לייזונג צו דער פּראָבלעם פון די גרויסע צאָלונגען.

ס'האָבן זיך אַנטוויקלט אַ גאַנצע רייע קאַמפן, וואָס זיינען געווען, כאָטש אומבאַוואוסטזיניק, אַן אויסדרוק פון קאָנפליקטן צווישן פאַרשיידענע קלאַסן־אינטערעסן, אָפטמאָל זיינען די קאַמפן אָנגעפירט געוואָרן פון די פאַרטרעטער פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס, וועלכע האָבן דערפילט די געפאַר פון קאָנקורענץ. די אינטערעסן פון די מיטגלידער האָבן אָבער געפאָדערט אַ לייזונג. אַ גאַנצע רייע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך דערפאַר פאַראייניקט אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז איצט באַוואוסט, ווי דער „נעשאָנאַל פראַטערנאַל קאָנגרעס".

לויט אַ גאַנצער רייע אונטערזוכונגען, האָבן זיי אין יאָר 1899 אָנגענומען אַ טאַבעלע פון שטערבלעכקייט, וועלכע איז פון זיי באַשטעטיקט געוואָרן שפּעטער אין 1906. אין דעם זעלביקן יאָר האָט דער קאָנגרעס פון אינשורענס קאָמישאָנערס אויך באַשטעטיקט, אַז די נייע אָנגענומענע אויסרעכענונגען זיינען פולשטענדיק גענוג צו פאַרזיכערן די אויסצאָלונגען צו די אינשורטע אין די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. די נייע טאַבעלע איז דערפאַר באַוואוסט, אַלס „נעשאָנאַל פראַטווירנאַל קאָנגרעס טייבל אָוו מאָרטאַליטי" (טאַבעלע פון שטערבלעכקייט פון דעם אַמעריקאַנער פראַטערנאַלן קאָנגרעס).

די דערפאַרונגען פון די לעצטע 30 יאָר האָבן פולשטענדיק באַ-

וויזן די זיכערקייט פון די אויסרעכענונגען. די אלע אינשורענס־סומעס אין טויטן־פאלן זיינען ניט נאר אויסגעצאלט געווארן, נאר ס'האט זיך נאך אנגעקליבן א גרויסער רעזערוו פאר אן אויסנאם־פאל.

מיר ברייגנען דא א פארגלייך צווישן די אויסרעכענונגען פון צוויי באזונדערע טאבעלן:

## טאבעלע 4.

| עלטער | אמעריקן עקספיריענס | נעשאנאל פראטערנאל קאנגרעס | 43 סאסייעטיס מיט־גלידער פון נעש. פראט. קאנג. |
|---|---|---|---|
| 20 | $ 7.81 | $ 5.00 | $ 4.71 |
| 30 | 8.43 | 5.55 | 4.60 |
| 40 | 9.79 | 7.17 | 6.07 |
| 50 | 13.78 | 10.67 | 11.44 |
| 60 | 26.69 | 26.21 | 22.75 |
| 70 | 61.99 | 60.85 | 53.65 |
| קאלום 13 | 14 | 15 | 16 |

מיר האבן זיך איבערצייגט פון דער טאבעלע 1 אף זייטן 40 און 42, אז ווען די שטערבלעכקייט איז 8.07, דארף דער קאסט פון אינשורענס פאר א יאר זיין $8.07 פאר טויזנט דאלאר. ווען מיר האבן דאס אין זינען, קענען מיר מאכן פון דער טאבעלע 4 די פאלגנדיקע אויספירן: אין עלטער פון 20 יאר (זע קאלום 13) איז נויטיק, לויט דער „אמעריקען עקספיריענס" (קאלום 14), צו צאלן $7.81 א יאר פאר טויזנט דאלאר אינשורענס. אבער לויט דער אויסרעכענונג פון „נעשאנאל פראטוירנאל קאנגרעס" (קאלום 15), דארף מען צאלן בלויז $5.00 פאר די זעלביקע אינשורענס. אזא אונטערשייד געפינען מיר בנוגע יעדן עלטער באם עקזאמינירן די קאלומס 13, 14 און 15.

די זיכערקייט פון די אויסרעכענונגען ווערן נאך מער באשטעטיקט דורך דער געמיינזאמער דערפארונג פון 43 פראטערנאלע ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען אנגעשלאסן אן דעם „נעשאנאל פראטוירנאל קאנגרעס". לויט זייער דערפארונג (טאבעלע 4, קאלום 16), דארף מען כמעט אין יעדן עלטער צאלן נאך ווייניקער.

פון שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם מוז זיין פאַר יעדן קלאָר, אַז מיר קענען זיך ניט דערלויבן אַנצוהאַלטן פאַר־עלטערטע פאָרמען פון צאָלונגען אין אונזערע אָרגאַניזאַציעס. די אַלטע אויסרעכענונגען באַרויבן בלויז דעם מיטגליד פון דער מעג־לעכקייט זיך בעסער צו באַשיצן קעגן אַ נויט־פאַל.

## 10. טאַבעלן — בלויז פאַר אילוסטראַציע

איידער מיר גייען איבער צו דעם ווייטערדיקן אַנאַליז פון די צאָלונגען, איז אפשר ראַטזאַם צו דערקלערן די נויטיקייט פון באַ־קאַנען זיך מיט די פאַרשיידענע טאַבעלן.

דער גאַנצער עניין אינשורענס איז אַזאַ, וועלכן עס איז ניט מעגלעך צו דערקלערן אַז דער באַנוצונג פון די אויסרעכענונגען אָן צו אילוסטרירן דעם געדאַנק. ווייסן מיר אָבער, אַז דער דורכשניט־לעכער לייענער איז ניט איינגעוואוינט זיך צו גריבלען אין ציפערן. אָפּטמאָל איז פאַר אים שווער איבערצולייענען און פאַרשטיין די טערמינאָלאָגיע פון געוויסע ציפערן. צוליב דעם האָב איך זיך באַ־מיט, לויט מיינע פייאיקייטן, צו פאַראייפאַכן די ציפערן, טער־מינאָלאָגיע און די טאַבעלן, ווי ווייט מעגלעך.

איך וועל אָבער בעטן דעם לייענער מיר ארויסצוהעלפן אין דער אויפגאַבע. דער לייענער דאַרף וויסן, אַז די ציפערן זיינען בלויז פאַר אילוסטראַציע, און ניט מער. פּאַסירט אָבער, אַז דער לייענער וויל די ציפערן פאַרגעדיינקען, ווייל זיי זיינען פאַר אים אינטערעסאַנט, — צוליב דעם פאַרזעט ער אָפּט דעם געדאַנק, וועלכן די ציפערן אילוסטרירן. ווען מען וויל געדיינקען די ציפערן, ווערן זיי אין קאָפּ צעפּלאָנטערט, און דאָס שטערט ווידער צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון דער טעמע.

ווען דער לייענער וועט זיך פריער גענוי באַקאַנען מיט'ן גע־דאַנק, קען ער זיך שפּעטער דערלויבן איינצו'חזר'ן געוויסע ציפערן, אָבער ס'איז ניט נויטיק. איך אַליין געדיינק אויך ניט אַלע ציפערן, כאָטש די מערסטע האָב איך אַליין אויסגערעכנט און צוזאַמענגע־שטעלט.

איצט, ווען מיר ווייסן שוין, אַז די טאַבעלן זיינען בלויז פאַר אילוסטראַציע ווענן, קענען מיר פאָרטזעצן די ווייטערדיקע אַנאַליזן פון די פאַרשיידענע פאָרמען פון אינשורענס.

# דריטער קאַפּיטל

11) לעוול רעיטס און סטעפּ רעיטס.
12) טוירם אינשורענס.

---

## 11. לעוול רעיטס און סטעפּ רעיטס

### א. וואָס איז סטעפּ רעיט?

פון די געבראַכטע טאַבעלן 1, 2 און 4 1), געפינען מיר אויס, אַז מיט דער העכערונג אין מענטשלעכן עלטער, העכערט זיך גלייכצייטיק די שטערבלעכקייט. מיר האָבן זיך שוין אויך דערוואוסט, אַז די אויסרעכענונגען פאַר אינשורענס-צאָלונגען זיינען געבויט אַף דער שטערבלעכקייט אין אַ געוויסן עלטער. דערפון איז געדרונגען, אַז יעדעס יאָר אינשורענס איז אַ באַזונדער געשעפט פאַר זיך אליין: אַזויפיל מענטשן פון איין באַשטימטן עלטער צאָלן איין אַ באַשטימטע סומע. די איינגעצאָלטע געהעריקע סומע מאַכט מעגלעך אויסצוצאָלן די באַשטימטע סומע אינשורענס.

אויך פאַרשטייען מיר, אַז אויב די שטערבלעכקייט וואַקסט פון יאָר צו יאָר, מוזן וואַקסן צוליב דעם אויך די גרויס פון די צאָלונגען. זיי דאַרפן נאָכגיין איינע די אַנדערע ט ר אָ ט נ אָ ך ט ר אָ ט. דערפון נעמט זיך דאָס, וואָס מען רופט „סטעפּ רעיט“.

דזשאָזעף ב. מעקליין דערקלערט עס אַפן פאָלגנדיקן אופן:

„דאָס (סטעפּ רעיט) באַגרינדעט דעם פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ פון זיכערער לאַיף אינשורענס, אַז דער קאָסט פון אינשורענס מוז זיין אָפּהייניגיק אַן דעם עלטער . . . יעדעם יאָר אינשורענס איז אַ באַזונדער געשעפט. דער פאַקט, וואָס איינער איז איצטער אַלט 90 יאָר, און ער האָט פאַר 50 יאָר נאָכאַנאַנד געצאָלט, — ענדערט ניט דעם פאַקט,

וואָס איצטער מוז ער איבעראַנייס באַצאָלן, ווייל דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט איינגעצאָלט ביז איצט, איז פאַרנוצט געוואָרן פאַר די טויטן־פאַלן פון יענע באַשטימטע יאָרן. קיין שום געלט איז ניט איבערגעבליבן (טעאָרעטיש) צו באַצאָלן פאַר די איצטיקע אינשורענס". 2)

פון די געבראַכטע פאַקטן מוזן מיר דעריבער איינזען, אז דער נאַטירלעכער וועג פון אינשורענס איז דער „סטעפּ רעיט". ס'איז ניטאָ קיין אַנדערער בעסערער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד. אַלע אַנדערע מעטאָדן זיינען ניט מער, ווי קאָמבינאַציעס און מאַניפּולירונגען פון דעם „סטעפּ רעיט".

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע אורזאַכן, פאַרוואָס דער „סטעפּ רעיט" ווערט איבערגעפורעמט אין אַנדערע פאָרמען. די אַלגעמיין־אָנגענומענע פאָרמע איז די אַזוי־גערופענע „לעוול רעיט". ס'זיינען אויך פאַראַן אַנדערע פאָרמען, ווי 5־יאָריקע, 10־יאָריקע און אַזוי ווייטער.

ב. וואָס איז „לעוול רעיט" ?

„לעוול רעיט" איז אַ מעטאָד פון צאָלונגען, וועלכע זיינען אַלע מאָל דיזעלבע. פון דעם ערשטן יאָר, וואָס מען אינשורט זיך, ביז דעם טיפסטן עלטער, צאָלט מען יעדן יאָר דעמזעלביקן אָפּצאָל. קיינמאָל העכערט זיך דאָס ניט. דער אונטערשייד אין צאָלונגען איז בלויז אָפּהייניגיק אין דעם עלטער ווען מען אינשורט זיך. אָבער ניט נאָכדעם, ווי מען האָט זיך שוין אינשורט. אויב איר וועט זיך אינשורן אין עלטער פון 25 יאָר, וועט איר דאַן דעם גאַנצן לעבן דאַרפן צאָלן, לאָמיר זאָגן, 20 דאָלאַר פאַר טויזנט דאָלאַר אינשורענס. אויב איר וועט זיך אינשורן אין עלטער פון 40 יאָר, וועט איר דעם גאַנצן לעבן דאַרפן צאָלן, צום ביישפּיל, 30 דאָלאַר אַ יאָר.

אָבער ווי אַזוי ווערן אויסגערעכנט די צאָלונגען פון דעם לעוול רעיט ? ס'איז ניט קיין אָריגינעלע אויסרעכענונג. די אויסרעכע־נונג קומט אָפּן באַזיס פון דעם „סטעפּ רעיט". ווען איר נעמט ארויס, צ. ב., אַ פּאָליסי אין עלטער פון 25 יאָר, ווערן צוערשט אויסגערעכנט די צאָלונגען, וועלכע איר וואָלט, לויט דעם „סטעפּ רעיט", געדאַרפט מאַכן יעדן יאָר ביז דעם עלטער פון 93 יאָר. די

אַלע מעגלעכע צאָלונגען ווערן צוזאַמענגערעכנט און די באַקומענע סומע ווערט פאַנאַנדערגעטיילט אויף דער סומע יאָרן, וואָס עס מאַכט אויס דער פעריאָד צווישן 25 און 93, דאָס הייסט, 68 יאָר. לויט די אויסרעכענונגען פון דעם „נעשאַנאַל פראַטוירנאַל קאָנגרעס", אויף אַן איינקונפט פון 4 פּראָצענט, טרעפט דאָס אַן אין עלטער פון 25 יאָר — $11.92 פאַר טויזנט דאָלאַר אינשורענס (אויסער די אָרגאַניזאַציאָנעלע הוצאות) 3). דאָס איז די ביליקסטע אויסרעכענונג פאַר דעם לעוועל רעיט. ווייל לויט דעם אויסרעכענונג פון דער אַמעריקען עקספּיריענס" טאַבעלע, אויף 4 פּראָצענט, וועט דאָס אויסמאַכן $14.21, און לויט דער זעלביקער טאַבעלע, נאָר אויף 3 פּראָצענט, וועט דאָס אויסמאַכן $16.11 .4)

אין דעם זעלביקן עלטער צאָלט איר אָבער לויט דעם „סטעפּ רעיט" בלויז $5.20 (5 פאַר טויזנט דאָלאַר אינשורענס. איר קענט אַזוי אַרום, לויט דעם „סטעפּ רעיט", באַקומען אין דעם עלטער פון 25 יאָר אַרום 2½ מאָל אַזויפיל פאַרזיכערונג, ווי דורך דעם „לעוועל רעיט". ערשט אין דעם עלטער פון איבער 50 יאָר וועט לויט דעם „סטעפּ רעיט" דערגרייכט ווערן די זעלביקע גרויס פון דער איינצאָלונג, וואָס איר האָט געצאָלט לויט דעם ביליקסטן „לעוועל רעיט".

וואָס מיינט אייגנטלעך אַזאַ אויסרעכענונג אויף לעוועל רעיט? וואָס מיינען אַזוינע צאָלונגען?

אָט וואָס מעקליין שרייבט וועגן דעם:

„אין די אינגערע יאָרן פון דעם אינשורענס־אָפּמאַך זאָל מען צאָלן אַ גרעסערע סומע, איידער ס'איז נויטיק פאַר די געוויינלעכע צאָלונגען פון יענעם עלטער. די איבערגעצאָלטע סומע, צוזאַמען מיט די אָנגעזאַמלטע פּראָצענטן, זאָל מען קענען נעמען צו העלפן מאַכן די צאָלונגען אויף די עלטערע יאָרן, ווען די צאָלונגען ווערן צו גרויס". 6)

אין פּאָשעטע ווערטער מיינט דאָס אַזוי: ווען איר מאַכט אייער איינצאָלונג אין די אינגערע יאָרן, גיט איר אייער אינשורענס־אַגענטור צווייערליי צאָלונגען. איין סומע וויפיל איר דאַרפט ווירקלעך צאָלן פאַר אייער פּאָליסי אין דעם געגעבענעם עלטער.

פאַר דער ערשטער סומע ווערט איר אינשורט. דערצו גיט איר זיי אַ צווייטע סומע, אַ באַזונדערע. פאַר דער סומע קויפט איר ניט קיין אינשורענס. די עקסטרע סומע גיט איר צו זיי, כדי זיי זאָלן דאָס פאַר אייך אָנזאַמלען. פון דער אָנגעזאַמלטער סומע, מיט די אָנגעזאַמלטע פּראָצענטן, וועלן זיי נעמען יעדן יאָר אַ געוויסן טייל, און דאַן, ווען איר וועט ווערן אַלט, עס צו־לייגן צו אייער צאָלונג, וועלכע וועט שוין ניט זיין גענוג, ווייל לויט דער שטערבלעכקייט, וועט איר דאַרפן צאָלן מער.

איידער איר האָט דערגרייכט דעם באַשטימטן עלטער, ווען אייער „לעוול רעיט" צאָלונג איז נאָך אַלץ געווען גענוג צו דעקן אייער אינשורענס, איז קיין סענט פון די אָנגעזאַמלטע געלט ניט באַנוצט געוואָרן. אפילו דאַן, ווען מען דאַרף שוין דערלייגן אַ פּאָר דאָלאַר אַ יאָר צו אייערע צאָלונגען, ליגט נאָך אַלץ דאָס איבעריקע געלט פאַר אייער קרעדיט ווען, וואָס זיי וועלן ערשט שפּעטער באַנוצן.

ווילן מיר, אַז דאָ זאָלט איר זיך אָפּשטעלן און דאָס איבער־טראַכטן. מיר וועלן דאָס פאַר אייך אילוסטרירן מיט לעבעדיקע פאַקטן:

די טאַבעלע 5 איז אַ פאַרגלייך צווישן אַ פּאָליסי פון „סטעפּ רעיט" און פון „לעוול רעיט". ביידע לויט די אויסרעכענונגען פון דעם „נעשאָנאַל פּראָטווירנאַל קאָנגרעס" אויף 4 פּראָצענט. די פּאָליסי איז אויפן חשבון פון מאָנאַטלעכע צאָלונגען פאַר 1,000 דאָלאַר אינ־שורענס. מיר וועלן אייך בעטן זיין זייער אויפמערקזאַם, ווייל דאָ ליגט דער שליסל צו אַלע אַנדערע פאָרמען פון אינשורענס.

וואָס באַווייזט אונז די טאַבעלע?

צוליב קלאָרקייט וועלן מיר זיך פאָרשטעלן, אַז 2 פריינט, יעקב און זרח, ביידע זיינען אַלט צו 30 יאָר (זע קאָלום 17), ווילן זיך אינשורן אויף טויזנט דאָלאַר. זיי ווייסן ניט וועלכער „רעיט" איז בעסער: „לעוול" אָדער „סטעפּ". באַשליסן זיי אַזוי: יעקב וועט נעמען אַ „לעוול" פּאָליסי, און זרח וועט נעמען אַ „סטעפּ רעיט" פּאָליסי. זרח וועט יעדן מאָל אַראָפּנעמען פון זיינע שכירות די זעלביקע סומע, וואָס יעקב. אָבער אַנשטאָט וואָס יעקב וועט

## פאַרגלייך פון סטעפ רעיט און לעוול רעיט

| עלטער | אין קראפט | לעוול רייט | סטעפ רייט | געשפארט | 4 פראצענט | פאקטישער געצאלט | פאקטישע פארזי־כערונג | פאקטישער קאסט | פאקטישער פארמעגן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 30 | 1 | $14.64 | $ 5.64 | $ 9.00 | $ .36 | $15.00 | $ 991.00 | $15.00 | $1,009.00 |
| 39 | 10 | 14.64 | 6.96 | 101.85 | 4.07 | 18.71 | 898.15 | 21.00 | 1,101.85 |
| 49 | 20 | 14.64 | 10.92 | 221.76 | 8.87 | 23.51 | 778.24 | 30.00 | 1,221.76 |
| 55 | 26 | 14.64 | 14.74 | 278.94 | 11.16 | 25.80 | 721.02 | 33.00 | 1,278.92 |
| 65 | 36 | 14.64 | 34.92 | 300.40 | 12.01 | 26.65 | 699.60 | 33.50 | 1,300.40 |
| 75 | 46 | 14.64 | 85.48 | | | 14.64 | 1,000.00 | 14.64 | 1,000.00 |
| קאלום 17 | 18 | 19 | 20 | 21 | 22 | 23 | 24 | 25 | 26 |

טאַבעלע 5.

די גאַנצע סומע איבערגעבן דער אינשורענס־אַגענטור, וועט זרח באַצאָלן יעדן יאָר זיינע אינשורענס, לויט דעם „סטעפּ רעיט״. דאָס איבערגעבליבענע געלט וועט ער אַריינטראָגן אין אַ באַנק, וואו מען האָט אים צוגעזאָגט צו צאָלן 4 פּראָצענט קאָמפּאַונד (פּראָצענט פאַר פּראָצענט).

## ג. וואו קומט אַהין די אָנגעזאַמלטע סומע ?

באַלד דעם ערשטן יאָר (זע קאָלום 18, אויבערשטע שורה) צאָלט יעקב איין $14.64 (קאָלום 19), און זרח צאָלט איין $5.64 (זע קאָלום 20). זרח האָט אָפּגעשפּאָרט $9.00 (זע קאָלום 21).

צום סוף יאָר פּאַסירט, אַזביידע פריינט פאָרן אין אַן אויטאָ־מאָביל און ווערן ביידע דער׳הרג׳עט. ווילן די פאַמיליעס פון ביידע פריינט באַקומען צו טויזנט דאָלאַר אינשורענס. זרח׳ס פאַמיליע וועט אויך אַרויסבאַקומען פון באַנק $9.00. יעקב׳ס פאַמיליע וועט קיין $9.00 ניט באַקומען. פרעגט זיך: וואו איז אַהינגעקומען די $9.00, וואָס יעקב האָט איינגעצאָלט ? אינשורענס האָט דאָך זיין פאַמיליע באַקומען ניט מער, ווי זרח׳ס ?

אַזוי ווי די 2 פריינט העלפן אונז דאָ אַרויס, ווינטשן מיר זיי ניט קיין שלעכטס, און מיר לאָזן זיי לעבן נאָך 26 יאָר (זע קאָלום 18, שורה 4). זיי זיינען שוין אַלט צו 55 יאָר (קאָלום 17). זרח צאָלט שוין דעם יאָר פאַר זיינע אינשורענס $14.74 (קאָלום 19 און 20), מיט 10 סענט מער, איידער יעקב. פאַר דער צייט האָט זרח אָנ־געזאַמלט אין באַנק אַ סומע פון $278.94 (זע קאָלום 21). פּאַסירט דאָן, אַז ביידע שטאַרבן. ביידנס פאַמיליעס ווילן באַקומען אַ גלייכע סומע אינשורענס. זרח׳ס פאַמיליע וועט אויסער דעם באַ־קומען אין באַנק $278.94, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פון דעם אונטערשייד אין די צוויייערליי צאָלונגען. יעקב׳ס פאַמיליע וועט דאָס געלט ניט באַקומען. פאַרוואָס ניט ? די אינשורענס אַגענטור האָט דאָך דאָס געלט גענומען בא יעקב׳ן בלויז צוליב דעם, כדי ווען ער וועט אַלט ווערן, זאָל זי דערפון גוטמאַכן די פאַרגרעסערטע צאָלונגען. יעקב איז דאָך שוין געשטאָרבן. זי וועט שוין מער פאַר אים ניט דאַרפן צאָלן. זי האָט בלויז דערלייגט 10 סענט. טאָ פאַרוואָס זאָל די אינשורענס אַגענטור ניט אומקערן צוריק דאָס געלט ? פאַר די אינשורענס האָט זי דאָך גענומען באַזונדער. אַט

האָט דאָך זרח'ס פאַמיליע באַקומען די זעלביקע טויזנט דאָלאַר אינשורענס, אויסער דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט.

עס איז גאָר ניט נויטיק, אַז בײדע פּרײַנט זאָלן שטאַרבן, כּדי איר זאָלט זיך אַרומזען, אַז עפּעס איז דאָ ניט כּשר. שטעלט אײַך פאָר: אין דעם זעלביקן עלטער פון 55 יאָר האָבן בײדע פּרײַנט באַשלאָסן, אַז זײ װילן מער ניט קײן אינשורענס. גיבן זײ אויף די פּאָליסיס. זרח האָט דאָן אין באַנק די $278.94, װאָס מיר האָבן דערמאָנט. אָבער װאו איז אַהינגעקומען יעקב'ס געלט? ער װיל דאָך שוין מער ניט קײן אינשורענס. טאָ װאו איז אַהינגעקומען זײַן געלט, װאָס מען האָט פאַר אים געזאַמלט אויף דער עלטער?

געדײַנקט, אַז זרח איז, פּונקט אַזוי װי יעקב, געװען אינשורט די גאַנצע צײַט. און פונדעסטװעגן האָט ער אַן אָפּגעשפּאָרטע סומע געלט אין קעשענע. דאָס געלט האָט זיך אָנגעזאַמלט פון דער גלײַכמעסיקער סומע, װאָס בײדע האָבן אַרונטערגענומען פון זײערע שכירות.

פּראָפעסאָר הובנער באַשטעטיקט די ריכטיקײט פון אונזער פּראָגנאָזע. ער שרײַבט:

„װאָס זאָל געטאָן װערן מיט דעם פאָנד אין דעם פאַל, װען דער אינשורטער װיל אויפגעבן זײַן פּאָליסי, אָדער ער קען ניט נאָכקומען זײַן אָפּצאָל? אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז קלאָר, אַז צוליב דעם, װאָס די צוקונפטיקע פאַראַנטװאָרטלעכקײט הערט אויף, איז ניט נויטיק קײן רעזערװ . . . די דערפאַרונג האָט באַװיזן, אַז ס'איז ניט נויטיק פאַר דער באַשיצונג פון דער קאָמפּאַניע אָדער פון די אַנדערע אינשורטע צו באַשטײן, אַז װען דער אינשורטער האַלט ניט אָן זײַן פּאָליסי, זאָל ער זיך אָפּזאָגן פון דעם גאַנצן רעזערװ". (11

פּראָפעסאָר מאָוברײ ברענגט אויך אַרויס דעם ענלעכן געדאַנק:

„די אויפגעזאַמלטע איבעריקע אָנצאָלונג, װאָס װערט אָנגעהאַלטן קעגן יעדער פּאָליסי צו האַלטן די פּאָליסי לעבן, דאַרף מען פאַרשטענדלעך ניט האָבן, װען די פּאָליסי װערט אויפגעגעבן". (12

און לאָמיר זיך אַפילו פאָרשטעלן, אַז בײדע װערן שוין אַלט

צו 65 יאָר (זע קאָלום 17, שורה 5). עס איז 36 יאָר נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אינשורט (זע קאָלום 18). זרח צאָלט שוין פאַר די טויזנט דאָלאַר אינשורנס, לויט דעם „סטעפּ רעיט", אַזוי פיל ווי $34.92 (זע קאָלום 20), און יעקב צאָלט בלויז „לעוול" די זעלביקע $14.64 (קאָלום 19). זרח איז שוין דאַן געצוואונגען צו נעמען יעדן יאָר עטלעכע דאָלאַר פון די אָפּגעשפּאָרטע געלט און דערלייגן צום אינשורענס אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס יעקב צאָלט. פונדעסט־וועגן פאַרמאָגט זרח אין באַנק שוין אַ פּיל גרעסערע סומע, איידער אין עלטער פון 55 יאָר. ער פאַרמאָגט $300.40 (קאָלום 21). אין פאַל פון ביידנס טויט אין דעם עלטער, פאַרלירט יעקב'ס פאַמיליע $300 אַלץ צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געשראָקן פאַר די גרעסערע צאָלונגען אויף די עלטערע יאָרן.

ביז צו דער ענדע פון 75 יאָר האָט יעקב פאַקטיש פאַרלאָרן אַ געוויסע סומע אין פאַרגלייך מיט זרח'ן. און יעדער „יעקב", וואָס האָט גענומען אַ „לעוול רעיט" פּאָליסי, האָט פאַרלאָרן, — צי ער איז דורך דער צייט געשטאָרבן, אָדער אויב ער האָט אויפגעגעבן די אינשורענס, — אין פאַרגלייך מיט יעדן „זרח", וואָס האָט גענומען אַ „סטעפּ רעיט" פּאָליסי.

ווען מען וועט יעקב'ן פּרואוון דערקלערן אַזוי דעם ענין, איידער ער באַשליסט צו נעמען די „לעוול רעיט" פּאָליסי, וועט ער קענען אַרויסקומען צו אייך מיט אַ סך פראַגן, וועלכע קוקן אָפּטמאָל אויס צו זיין גערעכט. וועלן מיר זיך דורכשמועסן וועגן אַלע זיינע מעגלעכע טענות.

### ד. פאַרוואָס 4 פּראָצענט?

ערשטנס, וועט ער פרעגן, פאַרוואָס איך רעכן זרח'ס אָנגעקלי־בענע געלט אויף גאַנצע 4 פּראָצענט איינקופט. וואו נעמט מען דאָס היינט אין 1937 אַזאַ באַנק, וואָס זאָל זיין זיכער און צאָלן 4 פּראָ־צענט? איז כדאי, אַז יעקב זאָל פאַרשטיין, אַז ער האָט געצאָלט $14.64 פאַר זיין אינשורענס טאַקע דערפאַר, וואָס דער גאַנצער חשבון איז אויף 4 פּראָצענט. אויב יעקב וועט זאָגן, אַז מער ווי 3 פּראָצענט צאָלט ניט קיין באַנק, וועלן מיר מאַכן דעם גאַנצן חשבון אויף 3 פּראָצענט. ס'וועט זיך אָבער באַקומען די זעל־ביקע סומע, ווייל פאַר אַ „לעוול רעיט" אויף אַ 3 פּראָצענט אויס־

רעכענונג, וואָלט ער געצאָלט ניט $14.94, ווי מיר האָבן גערעכנט, נאָר אַרום $16.75. און זרח וואָלט אַלנפאַלס געשפּאָרט די זעלביקע סומע, וואָס מיר גיבן אָן.

יעקב דאַרף אָבער גערדיינקען נאָך עטוואָס: צי זרח וועט טאַקע באַקומען אין אַ באַנק די 4 פּראָצענט אָדער ניט — איז ניט וויכטיק. איינס איז אָבער זיכער, אַז די אינשורענס־אַגענטור, וועמען ער האָט אָנגעטרויט דאָס געלט, וועט זיכער פאַרדינען אויף דעם געשפּאָרטן געלט ניט ווייניקער, ווי 4 פּראָצענט. דאָס געלט מיט די פּראָצענטן באַלאַנגט צו אים.

אָט וואָס פּראָפעסאָר הובנער זאָגט וועגן דעם „לעוול רעיט":

„מיט אַנדערע ווערטער: דורך די פריערדיקע יאָרן זאַמלט די קאָמפּאַניע אויף אַ פאָנד פון די איבערגעצאָלטע פּרעמיעס, פון וועלכע מען וועט נעמען צו דעקן די אויסגאַבן אויף די עלטערע יאָרן. די איבערגעצאָלטע סומע באַלאַנגט ניט צו דער קאָמפּאַניע, נאָר זי ווערט געהאַלטן אין „טראָסט" פאַר דעם אינשורטן, לויט אַן אָנגענומענער סומע פון פּראָצענטן". 10)

הייסט דאָס, אַז דאָס געלט באַלאַנגט ניט צו דער אינשורענס־אַגענטור, נאָר צו דעם אינשורטן. ער האַנדלט דאָך מיט אַ פּאַראַנט־וואָרטלעכער אינסטיטוציע. טאָ וואו קומט פאַרט אַהין דאָס געלט? און אויף אַ 3־פּראָצענטיקן חשבון גיבן זיי אים יאָ דאָס געלט? זיי גיבן דאָך אפילו דעם קרן אָן די פּראָצענטן אים אויך ניט אַוועק! איז וואָס שלאָגט זיך יעקב, צי ס'איז 4 פּראָצענט אָדער ווייניקער?

## ה. וועט דער אינשורטער לויט דעם סטעפּ רעיט טאַקע שפּאָרן?

צווייטנס, קען זיך יעקב אַ זאָג טאָן: איך קען מיין זרח'ן! ער וועט דאָס געלט סיי ווי ניט אַוועקטראָגן אין באַנק אַריין, וועט ער יעדנפאַלס גאָרניט אָפּשפּאָרן. מעגלעך, אַז איר זייט גערעכט. אַזאַ איז דער זרח! וועט זרח פון דעם געלט דאָך עטוואָס געניסן. אָבער וואָס ווערט פון יעקב'ס געלט? ווער געניסט דערפון? יעקב

איז ניט אַלעמאָל גרייט צו זאָגן, אַז ווייל ער וועט דאָס געלט ניט שפּאָרן, וועט ער דאָס אָפּגעבן אַבי וועמען. יעקב ווייסט דאָך, אַז ווען ער גייט אַריין קויפן, צום ביישפּיל, אַ פּאָר שיך פאַר דעם פּרייז פון $4.49, און ער וועט דערלאַנגען אַ 5-דאָלאַרדיקן ביל, וועט ער טאַקע זייער פיין אויסוואַרטן צו באַקומען די 51 סענט רעשטע. ער וועט ניט זאָגן: איך וועל דאָך דאָס אין באַנק ניט אַריינטראָגן, טאָ צו וואָס דאַרף איך די 51 סענט. איך בין זיכער, אַז ווען מען זאָל אים וועלן דאָס קליינגעלט פאַרלייקענען, וועט ער ניט דער־לאָזן. איז פאַרוואָס ווערט ער אַזאַ גוטער, ווען ס׳קומט איבער־צוצאָלן פאַר אינשורענס?

מיר ווייסן, אַז יעקב איז גאָרניט קיין צו גרויסער פאַרדינער. ער איז אַ דורכשניטלעכער אַרבעטער, מיט אַ קאַרגן, אויסגערעכנטן בודזשעט, ווי בײַ אַלע אַרבעטער. צוליב דעם קען ער זיך ניט דער־לויבן צו וואַרפן זיך מיט געלט.

איין זאַך מעג יעקב וויסן: מעגלעך, אַז זרח וועט טאַקע ניט שפּאָרן, אָבער ער, יעקב, האָט דאָך יאָ פון זיך אָפּגעריסן און גע־שפּאָרט. דאָס געלט איז פּינקטלעך אַריינגעקומען צו דער אינשו־רענס־אַגענטור. זיי האָבן אים צוגעזאָגט צו שפּאָרן, און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט. נאָר ווען ס׳קומט צו אָפּגעבן דאָס געלט צוריק, איז — אַ נעכטיקער טאָג.

## ו. רעיטס בײַם פאַרזיכערן די פאַמיליע אין דעם גינסטיקסטן עלטער

אויב ער איז גרייט אויסצוגעבן אַזאַ סומע געלט פאַר אינשו־רענס, וואָלט יעקב פיליכט אַ טראַכט געטאָן אַזוי: איך בין איצטער 30 יאָר אַלט. איך האָב אַ פרוי מיט אַ קליין קינד. מעג־לעך, אַז ס׳וועט אונטערקומען נאָך איינס. צוליב וואָס נעם איך איינגאַנצן אינשורענס? צוליב דעם, טאָמער, זאָל די בייזע שעה ניט קומען, שטאַרב איך, איידער איך האָב געקענט די קינדער ברייענגען צו אַ תכלית. קיין געלט קיין אָפּגעשפּאָרטן האָב איך ניט, מען מאַכט קוים אַ לעבן. וואָס מען שפּאָרט אָפּ אין דער צייט פון „ביזי“, סטייעט קוים פאַר׳ן „סלעק“. אויב אַזוי, איז אַף וויפיל צייט וועט מיין פרוי קלעקן די 1,000 דאָלאַר אינשורענס? איז אפשר אַ פּלאַן, אויב איך רייס שוין יאָ אָפּ אַרום $15.00 יעדן

יאָר, איך זאָל פאַר דעם זעלביקן געצאָלט נעמען אַ פּאָליסי, ווי זרח'ס, לויט דעם „סטעפּ רעיט". און דאַן וואָלט איך געקענט באַזאָרגן מיין פרוי און קינדער אין פאַרלויף פון די נעקסטע 25 יאָר מיט $2,000, אַנשטאָט די איצטיקע טויזנט דאָלאַר אינשורענס.

אויב יעקב וואָלט אַזוי געטראַכט, וואָלט ער געטאָן זייער ריכטיק, ווי אַ טרייער פאַמיליע מאַן, אמת טאַקע, אַז אַפילו נאָך טויזנט דאָלאַר אינשורענס וועט נאָך פאַר זיין פאַמיליע די גאַנצע פּראָבלעם ניט לייזן אין פאַל פון זיין פריצייטיקן טויט. אָבער ס'איז דאָך בעסער ווי גאָרניט. נאָך טויזנט דאָלאַר פאַר אַן אָרימער אַלמנה און יתומים מיינט גאָר, גאָר אַ סך.

פאַרגעסט ניט, אַז פון יעדע טויזנט „יעקב'ס" אין עלטער פון 30 יאָר וועלן אויסשטאַרבן אַרום 250 ביז זיי אַלע וועלן דערגרייכן 55 יאָר. אָט־די יעקב'ס האָבן זיכער געדאַרפט באַזאָרגן זייערע פאַמיליעס מיט דער גרעסערער אינשורענס.

## ז. סטעפּ רעיטס און עלטער

פונדעסטוועגן וועט יעקב נאָך אַלץ זיך ניט בארואיקן. ער איז איינשטימיק מיט אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט וועגן זיין פּראָבלעם פון אינשורענס. אָבער וואָס זאָל טאַקע טאָן דער עלטערער אַרבעטער, וואָס איז אינשורט לויט דעם „סטעפּ רעיט"? ס'איז דאָך שלעכט מיט אַזאַ סאָרט צאָלונגען, אַז וואָס עלטער איך ווער, און די מעגלעכקייטן צו אַרבעטן און פאַרדינען ווערן אַלץ קלענער, איז גראָדע דאַן וואַקסט מייַן ביל פאַר אינשורענס. יעדן יאָר צאָל וואָס מער. עפּעס מוז זיין „פויל" מיט'ן „סטעפּ רעיט"!

זיינען מיר איינשטימיק, אַז יעקב'ס טענה קען מען אַזוי זיך מיט דער האַנט ניט אַוועקמאַכן. מען טאָר דאָס ניט איגנאָרירן.

ווען מיר טראַכטן זיך אָבער גוט אַריין און באַגרייפן גענוי דעם אַרבעטער לעבן, מוזן מיר ווידער קומען צום שלוס, אַז די הויפּט פּראָבלעם איז פאַרט ניט די פראַגע פון „סטעפּ רעיט". פריער פון אַלץ איז דאָ די פּראָבלעם וועגן דעם אַרבעטער'ס לאַגע אויף די עלטערע יאָרן.

נאָכאַמאָל, געדיינקט! ביז 55 — 60 יאָר איז דאָך קיין פּראָב־

לעם פון „סטעפ רעיט" בכלל ניט געווען. פאַרקערט, עס האָט נאָך געקאָסט ביליגער. ערשט אַרום דעם עלטער פון 60 יאָר ווערן די צאָלונגען אַ סך העכער. אָבער אין דעם עלטער פון 60 — 65 און ווייטער איז ניט די הויפט פראַגע: וואו מען נעמט דעם אונטער־שייד צווישן דעם „סטעפ" און דעם „לעוול רעיט". נאָר די הויפט פראַגע איז דעמלט, וואו מען נעמט אַפילו דעם „לעוול רעיט" ביל צו באַצאָלן. די הויפט פראַגע איז, וואו נעמט מען בכלל אויף צום לעבן. איז פאַרוואָס זאָלן מיר די גאַנצע פראַגע רעדוצירן צו אַ קלייניקייט?

די, וועלכע גלויבן, אַז דורך אינשורענס און פראַטערנאַליזם קען מען לייזן אַלע עקאָנאָמישע נויטן, און אויך די נויט פון על־טער, — זיי איז גוט. זיי פאַרמאַכן אַף אַלץ די אויגן און זעען בלויז די פּראָבלעם פון דעם „סטעפ רעיט". אָבער דער פּראָלעטאַ־רישער פראַטערנאַליזם פאַרמאַכט ניט די אויגן אַפן „סטעפ רעיט". נאָר פריער פון אַלץ זעט ער די עקאָנאָמישע נויטן, זיין עקאָנאָמישע באַזע. זיכער ווייסט ער פון די נויטן פון דעם עלטערן מענטשן. צוליב דעם טאַקע איז דאָך דער פּראָלעטאַרישער פראַטערנאַליזם דער פאַרקעמפער פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, ווי דער פאַרקעמפער פאַר גענוגנדיקע עלטער־פענסיעס.

די נויטיקע עלטער־פענסיעס זיינען נאָך ניטאָ. שטייט דער־ווייל די פראַגע אין אַזאַ ליכט: פאַר יעקב'ן איז די פּראָבלעם, וואָס איז אַ קלענערער איבל — צאָלן אַ „לעוול רעיט" און דערמיט פאַרזאָרגן זיך מיט פונקט אַזוי פיל אינשורענס אויף די עלטערע, ווי אין די אינגערע יאָרן, אָדער צאָלן לויט דעם „סטעפ רעיט", און דערמיט באַזאָרגן זיין פאַמיליע אין די אינגערע יאָרן אַף 2 מאָל אַזוי פיל, ווען ער זאָל אין די עלטערע יאָרן דאַרפן אַפילו אויפגעבן 9 צענטל פון די אינשורענס.

די וואָס זאָרגן זיך וועגן אינשורענס אַף דער עלטער, לעבן דאָך מיט אַ רעכענונג. זיי זיינען גרייט צו צאָלן העכערע צאָלונגען דעם גאַנצן אינגערן לעבן בלויז מיט דעם ציל, כדי צו האָבן אינ־שורענס אויך אויף די עלטערע יאָרן. דיינקט איר ניט, אַז אינשו־רענס אין די אינגערע יאָרן איז וויכטיקער? אויב איר זייט שוין יאָ געצוואונגען אויסצוקלייבן — דורכ'ן „לעוול רעיט" קלייבט

איר דאָך אויך אוים,— איז שוין בעסער אויסצוקלייבן גרעסערע אינשורענס אין די איגנגערע יאָרן.

דזשאָזעף ב. מאַקליין באַשטעטיקט די באַהויפּטונג מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„דורך אַ פאַרזיכטיקער אויסרעכענונג קען מען זען, אַז אין דעם פאַל מיט אַלע, וואָס זיינען געשטאָרבן פאַר 60 יאָר (ניט 50, ווייל דער אונטערשייד אַן צאָלונגען וואָלט פאַר־דינט אַן איינקונפט) . . . וואָלט אַ צאָלונג, וואָס האָלט זיך אין פאַרגרעסערן, געווען די ביליקסטע". 15)

ווען די באַדינגונגען זיינען פאַר דעם עלטערן מענטשן אַזוינע, אַז ער קען פאַר קיין פאַל ניט אָנהאַלטן די צאָלונגען, לוינט זיך אים צו שניידן זיין פאָליסי ביז דעם מינימום, אפילו בלויז צו 100 דאָלאַר אָנשטאָט די טויזנט.

צו די עלטערע יאָרן איז רעכט, אַז מען לאָזט ניט איבער די קינדער קיין ירושה. זייער וויניק מענטשן פאַרמאָגן בן זקונים׳־לעך. אָבער באַזאָרגן די פאַמיליע, ווען זי נויטיקט זיך אַמ־שטאַרקסטן, איז פיל וויכטיקער.

מען דאַרף אויך געדיינקען, אַז דאָס לעבן אַליין לייזט פאַר אַ סך מענטשן די פּראָבלעם. די ציטאַטע, וואָס מיר האָבן געבראַכט אויף זייט 13 פון פריינקל׳ס בוך, באַווייזט וויפיל מענטשן עס שטאַרבן אוים אין אַן עלטער, ווען זיי זיינען נאָך ווייט פון אַלטקייט. פאַר וויפיל מענטשן בכלל עס וועט שטיין די פראַגע פון עלטער, ברייננגען אויך אַרוים די גילבערט ברידער. זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז פון יעדע 516 מענטשן, וואָס וועלן אַרויסנעמען אינשורענס צו 25 יאָר, בלייבן בלויז 165 אין עלטער פון 50, בלויז 86 אין עלטער פון 60, 38 און עלטער פון 70 און ניט מער, ווי 5 אין עלטער פון 80 יאָר. 7)

אַז ניט צופיל מענטשן אין עלטער פון אַרום 70 זיינען בכלל פאַראינטערעסירט אין אינשורענס, קען מען אויך זען פון דער טאַבעלע 2, וואָס מיר האָבן געבראַכט אויף זייט 42. אין קאָלום 12 פון דער טאַבעלע וועגן נייע אינשורטע געפינט איר ניט קיינע דער־פאַרונגען אין דעם עלטער פון אַריבער 60 יאָר. אין קאָלום 11 וועגן די דערפאַרונגען פון אינשורטע זיינען ניטאָ קיינע פון איבער 70 יאָר.

עס איז אויך ווערט צו באַמערקן, אַז אַפילו די ווייט ניט גע־ניגנדיקע עלטער־פּענסיעס, וואָס זיינען שוין איינגעפירט געוואָרן פון דעם עלטער פון 65 יאָר אָן, גיבן שוין אויך אַ געוויסע מאָס פאַרזיכערונג אין די עלטערע יאָרן. צוליב דעם איז אין דעם עלטער די פּראָבלעם פון פאַרזיכערונג ניט אַזוי שאַרף. דערמיט ווערט נאָך שאַרפער אונטערשטראָכן דער פאָרצוג פון דעם „סטעפּ רעיט" אין די אינגערע יאָרן.

מיר מוזן דעריבער קומען צום שלום, אַז די איבערוועגנדיקע מערהייט קען געווינען מער דורך פאַרזיכערן די פאַמיליע אויף אַ בעסערן אופן אין די אינגערע יאָרן. די וואָס האָבן זיך וועגן דעם ניט פאַרטראַכט, זיינען ווי די מערסטע מענטשן ניט באַקאַנט מיט אינשורענס פראַגן.

## ח. „לעוול" און „סטעפּ רעיטס" אין צייט פון שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען

די גרעסערע צאָלונגען פאַר'ן „לעוול רעיט" אין די אינגערע יאָרן שטעלן דעם אַרבעטער און אָרימען מענטשן אַוועק פאַר נאָך אַ פּראָבלעם. ערשט ווען מיר ווייסן, ווי אַזוי די „לעוול רעיט" צאָלונגען ווערן צוזאַמענגעשטעלט, שטייט פאַר אונז אויף נאָך אַמ־די פּראָבלעם: צוליב דעם, וואָס מיר דאַרפן לויט דעם „לעוול רעיט" צוזאַמען מיט דער אָריגינעלער אינשורענס צאָלונג, צו־טראָגן אָבליגאַטאָריש אַ צווייטע סומע, פון וועלכער מיר וועלן ערשט האָבן נוצן אין 30 — 35 יאָר שפּעטער, ווערט פאַר אונז אָפּטמאָל בכלל ניט מעגלעך אָנצוהאַלטן די אינשורענס.

לאָמיר עס אילוסטרירן אויפ'ן ביישפּיל פון אונזערע אַלטע גוטע פריינט. יעקב און זרח זיינען ביידע אַרבעטלאָז. זרח דאַרף זיך בלויז זאָרגן וועגן 6 — 7 דאָלאַר, כדי צו קענען באַצאָלן זיינע אינשורענס. יעקב דאַרף זיך אָבער זאָרגן וועגן 15 דאָלאַר. פאַר אַן אָרימען מענטשן איז דאָס אַ גרויסער אונטערשייד. ס'איז לייכטער אָפּצורייסן די קלענערע סומע און אָנהאַלטן די אינשורענס. צוליב דער גרעסערער צאָלונג, וואָס איז ניט פאַר דעם באַלדיקן קאָסט פון די אינשורענס, נאָר פאַר גאָר שפּעטערדיקע יאָרן, ווערט געשטעלט אין געפאַר די גאַנצע אינשורענס.

דאָס איז אַלץ גערעדט, אויב זרח האָט טאַקע דעם אונטערשייד ניט אָפּגעשפּאָרט. אויב אָבער ער האָט יאָ אָפּגעשפּאָרט, דאַן איז ער אין נאָך אַ בעסערער לאַגע, איידער זיין פריינט יעקב. שטעלט אייך פאָר, אַז עס איז שוין אַריבער 20 יאָר זינט זיי האָבן זיךביידע אינשורט. עס קומט אַ שווערע צייט. זרח האָט דאַן אַרום 200 דאָלאַר (זע טאַבעלע 5, קאָלומס 17, 18 און 21) אַפילו אויף אַ 3־פּראָצענטיקער אויסרעכענונג. העלפט דאָס אים דורכצוקומען די שווערע צייט. אויסער דעם דאַרף ער זיך ניט זאָרגן אַזוי שטאַרק וועגן דער צאָלונג פאַר די אינשורענס. יעקב האָט טאַקע אַנגעקליבן געלט בײַ דער אינשורנס־אַגענטור. ער האָט אָבער דערוייל דערפון ניט קיין נוצן. אין זיין איצטיקער שווערער לאַגע קען ער זיך מיט דעם ניט אַרויסהעלפן.

איידער מיר האָבן געוואוסט פון אַ „סטעפּ רעיט", איז ניט געווען קיין אַנדער מיטל. איידער מיר פאַרשטייען, ווי דער „לעוול רעיט" איז צוזאַמענגעשטעלט, דיינקען מיר, אַז די גאַנצע סומע, וואָס מיר צאָלן, איז בלויז פאַר דער אינשורענס. ווען מיר דער־וויסן זיך אָבער דעם אמת וועגן „לעוול רעיט", מוזן מיר איינזען דעם פאָרצוג פון דעם „סטעפּ רעיט".

## ט. דער לעוול רעיט איז פאַקטיש אַ סטעפּ רעיט

ווען מיר אַנאַליזירן פאַרזיכטיק די טאַבעלע 5, דערוויסן מיר זיך נאָך אינטערעסאַנטע זאַכן. דער קאָלום 21 פון דער טאַבעלע ווייזט אַז וויפיל געלט עס זאַמלט זיך אָן פון אייער איבערגעצאָל־טער אָדער אָפּגעשפּאָרטער סומע, כדי צו העלפן די צאָלונגען פון אייער אינשורענס פון די עלטערע יאָר. איר וועט טאַקע דאָס געלט קיינמאָל ניט אָנזען, אָבער אייער געלט אין די הענט פון דער אינשורענס־אַגענטור ברייגנט 4 פּראָצענט. הייסט דאָס, אַז צו אייערע אָריגינעלע צאָלונגען פון $14.84 (זע קאָלום 19), דאַרף מען נאָך אויך צורעכענען יעדן יאָר עקסטרע אויך די אָנגעזאַמלטע פּראָ־צענטן. די צאָלונג באַשטייט שוין דאַן פון די אָריגינעלע $14.64, פּלוס די פּראָצענטן פאַר דעם באַשטימטן יאָר. רעכנט צוזאַמען די $14.64, וואָס איר צאָלט (קאָלום 19) מיט די פּראָצענטן, ווי אויס־גערעכנט אין קאָלום 22, באַקומט זיך, אַז פאַקטיש צאָלט איר אין דעם עלטער פון 55 יאָר (קאָלום 17, שורה 4), ניט די $14.64 (קאָלום

19), נאָר $25.80 (קאָלום 23). דאָס איז דערפאַר, ווייל אייער אי־בערגעצאָלטע סומע פון $278.94 (קאָלום 21) האָט געבראַכט אַ פּראָפיט פון $11.16 (קאָלום 22).

כדי דאָס צו באַווייזן, וועלן מיר ציטירן פון דזשאָזעף ב. מעק־ליין, וואָס ער שרייבט וועגן די פּראָצענטן:

„די קאָמפּאַניע האָלט באַ זיך פּאַקטיש די סומע פון דעם ווערט און פאַרדינט פּראָצענטן אָף דעם, וועלכע ווערן ניט אויסגעצאָלט צו דעם אייגנטימער פון דער פּאָליסי . . . דער אינשורטער צאָלט דערפאַר פּאַקטיש די פּראָצענטן אָף דעם ווערט פונקט אַזוי, ווי ער אַליין וואָלט באַזעסן די סומע פון דעם ווערט און די פאַרדינסטן וואָלט ער גע־צאָלט צו דער קאָמפּאַניע". 13)

דאָס באַווייזט, אַז מיר האָבן אַ פולשטענדיקן רעכט צוצורעכע־נען די פּראָצענטן, ווי אַ טייל פון דעם געצאָלט.

דאָס איז נאָך אָבער ניט דער גאַנצער חשבון. ווען איר קוקט אַריין אין קאָלום 24, געפינט איר אויס, אַז פּאַקטיש זייט איר אין עלטער פון 55 יאָר ניט אינשורט אָף קיין טויזנט דאָלאַר, ווי אייך דוכט זיך. די אינשורענס־אַגענטור האָט דאָך אייערע געלט, וועלכע איר וועט קיינמאָל צוריק ניט באַקומען. די אָנגעזאַמלטע סומע באַטרעפט $278.94 (קאָלום 21). הייסט דאָס, אַז פּאַקטיש אינשורט אייך די אַגענטור אָף בלויז $721.02 (קאָלום 24). אייערע צאָלונגען זיינען פּאַקטיש, ווי מיר האָבן שוין פריער באַוויזן $25.80 (קאָלום 23). די סומע פון $25.80 באַצאָלט איר פאַר בלויז $721.02 אינשורענס. לויט דעם פּרייז, וואָס איר צאָלט דעם ערשטן יאָר, באַקומט זיך, אַז פּאַקטיש צאָלט איר $33.00 (קאָלום 25) פאַר אַ טויזנט דאָלאַר אינשורענס.

פּראָפעסאָר מאָובריי שרייבט אַזוי וועגן דעם:

„אויב די פּאָליסי ווערט אויפגעגעבן דורך טויט, ווערט דער רעזערוו פאַרוואַנדעט צו העלפן אָפּצאָלן די פּאָליסי. ווען דער רעזערוו איז 200 דאָלאַר אָף אַ טויזנט דאָלאַרדיקער פּאָ־ליסי, דאַרף מען דעם רעזערוו מער ניט האָבן. ער ווערט באַפרייט און ווערט באַנוצבאַר צו צאָלן די אינשורענס. די

קאָמפּאַניע דאַרף בלויז געפינען 800 דאָלאַר פון דעם איינקונפט אין דעם געגעבענעם יאָר. ווען דער רעזערוו וואַקסט, ווערט פאַרקלענערט די נעט סומע פון דער ריזיקע". 14)

פון אייער קעשענע האָט איר טאַקע ארויסגענומען בלויז $14.64, אָבער פאַקטיש האָבן זיך אייערע צאָלונגען געהעכערט פון יאָר צו יאָר (זע קאָלום 25), ביז וואַנען אין עלטער פון 55 יאָר צאָלט איר שוין $33.00. דער וואָס צאָלט לויט דעם „סטעפּ רעיט", צאָלט אָבער בלויז $14.74 (קאָלום 20) אין דעמזעלביקן עלטער. און ער פאַר־מאָגט פאַקטיש מער אינשורענס. אויב ער זאָל אין דעם יאָר שטאַרבן, וועט זיין פאַמיליע באַקומען צוגלייך מיט דעם „לעוול רעיט" אינשורטן די $1,000 פון זיין פּאָליסי. אויסער דעם, וועט זיין פאַמיליע באַקומען די $278.94 פון באַנק. צוזאַמען וועט דאָס אויסמאַכן $1,278.94 (קאָלום 2).

עס איז דערפון אויך קלאָר, אַז דער לעוול רעיט איז פאַקטיש ניט מער, ווי אַ שלעכטער סטעפּ רעיט. דורכפירנדיק דעם אַנאַליז, צווישן די 2 פאָרמען פון צאָלונגען, מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז סטעפּ רעיטס האָבן די פאָלגנדיקע פאָרצוגן:

א) דער סטעפּ רעיט גיט אַ געלעגנהייט די ברייטע מאַסן צו פאַרזיכערן זייערע פאַמיליעס מיט דער מעגלעכסט גרעסטער סומע גראַדע אין דעם עלטער, ווען די פאַמיליעס נויטיקן זיך אַמ־שטאַרקסטן אין אַזאַ באַשיצונג.

ב) עס איז ניט ריכטיק דער באַגריף, אַז דער לעוול רעיט איז אַ: איינציקע סומע פאַר אינשורענס. ער איז פאַקטיש צוזאַמענ־געשטעלט פון 2 באַזונדערע מינים צאָלונגען: אַ באַלדיקע פאַר אינשורענס און אַ צווייטע צאָלונג, וואָס וועט ערשט באַ־נוצט ווערן, אויב דער אינשורטער וועט אָנהאַלטן זיין אינ־שורענס און אויב ער וועט בלייבן לעבן ביז אַ טיפן עלטער.

ג) דער אַרבעטער מיט זיין מאַגערן בודזשעט קען זיך ניט דערלויבן, אַז צוליב דעם ניט באַשטימטן נוצן פון אינשורענס צו דער טיפער עלטער, זאָל ער ניט באַזאָרגן זיין פאַמיליע אַף 2 מאָל אַזוי פיל אין דער יוגנט, און אַז צוליב אַן איבערצאָלונג פאַר ניט באַשטימטע נוצן, זאָל ער אָפּטמאָל זיין אין געפאַר אינגאַנצן צו

בלייבן אַן אינשורענס.

ד) לעוול רעיטס איז אַן אויסרעכענונג אַף דער באַזע פון דעם סטעפּ רעיט און איז פּאַקטיש ניט מער ווי סטעפּ רעיט.

ה) די „סטעפּ רעיט"־סיסטעם רוקט נאָך שאַרפער ארויס דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג און געזונגנדיקע עלטער־פּענ־סיעס.

ו) דער פּראָלעטאַרישער פראַטערנאַליזם מוז צוליב זיין עקאָ־נאָמישער באַזע ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין פּאָפּולער מאַכן די פאָרצוגן פון „סטעפּ רעיט". אַט־די סיסטעם ווערט פאַרשוויגן צוליב דעם, וואָס ס'איז נאָך ניט געווען באַקאַנט אירע פאָרצוגן אין דער פראַטערנאַלער באַוועגונג. זי ווערט אויך באַקעמפט פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס, ווייל דאָס שטערט זייערע אַפּעטיטן נאָך פּראָפיט.

ז) דאָס העלפן קלאָר מאַכן די פאָרצוגן פון „סטעפּ רעיט" וועט העלפן דערנעענטערן פילע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס צו דעם באַגריף פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם.

## 12. „טוירם אינשורענס"

ווען מיר זיינען באַקאַנט מיט דער „לעוול" און „סטעפּ רעיט" סיסטעם פון אינשורענס, וועט אונז שוין זיין לייכטער צו פאַרשטיין, וואָס עס איז „טוירם אינשורענס" (אינשורענס פאַר אַ באַשטימטן טערמין). אַזאַ אינשורענס ווערט ארויסגעגעבן פון פּריוואַטע אינ־שורענס קאָמפּאַניעס. די צאָלונגען זיינען געבויט, לויט דעם „אַמע־ריקען עקספּיריענס טייבל", געוויינטלעך, אַף אַ 3־פּראָצענטיקער אויסרעכענונג. אַזאַ אינשורענס איז מערסטנס ר י י נ ע אינשו־רענס. ס'איז ניט פאַרבונדן מיט קיינע צוגאָבן, אויסער אַדמי־ניסטראַטיווע.

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מינים פון טוירם אינשורענס. צום ביישפּיל, „ריינע טוירם" מיינט, אַז די אינשורענס ווערט גע־געבן בלויז פאַר אַ יאָר צייט. נאָך דעם יאָר זייט איר מער ניט אינשורט, סיידן איר גייט דורך אַ פרישן דאָקטאָר־עקזאַמען. אויב דער אינשורטער איז דורכ'ן יאָר געוואָרן קראַנק, קען ער ניט באַקומען קיין נייע אינשורענס. די אינשורענס־קאָמפּאַניע האָט

ניט מער צו אים קיין פאַרפּליכטונגען. דאָס צווייטע יאָר איז אַלע־מאָל אַ געשעפט פאַר זיך אַליין. די צאָלונגען זיינען נאַטירלעך אָפּהייננגיק פון דעם עלטער. מיט יעדעס יאָר העכערט זיך די צאָלונג, לויט דעם סטעפּ רעיט.

אַזאַ פאָרמע פון אינשורענס איז ניט ווינשנסווערט. ס'איז פּילייכט גוט בלויז אין אַ פאַל, ווען איינער דערוואַרט אין פאַרלויף פון דעם יאָר צו זיין אין אַן אויסערגעוויינלעכער געפאַר, ווייל ער דעריבער ספּעציעל פאַרזאָרגן זיין פאַמיליע.

די מערסטע טוירם אינשורענס פאָליסים ווערן געשריבן אין 5, 10, 15 און 20־יאָריקע טערמינען. אַזאַ פאָליסי איז שוין בעסער און האָט מער ווערט פאַר דעם אינשורטן. כמעט אַלע אינשורענס קאָמפּאַניעס גיבן אַרויס אַזוינע פאָליסים, ווען איר פאַרלאַנגט דאָס.

אין אַזאַ פאָליסי איז שוין פאַראַן דער עלעמענט פון לעוול רעיט. ווען איר נעמט אַ 5־יאָריקע פאָליסי, צאָלט איר ניט מער קיין סטעפּ רעיט, לויט דעם ערשטן, צווייטן א. אז. וו. יאָרן, נאָר דער רעיט ווערט אויסגעגליכן פאַר אַלע 5, 10 אָדער 20 יאָר אַזוי, אַז דער אינשורטער צאָלט פון אָנהויב אָן לויט דעם מיטלסטן יאָר פון דעם טערמין. אין אַ 5־יאָריקן טערמין צאָלט מען לויט דעם 3־טן יאָר. אין אַ 15־יאָריקן — לויט דעם 8־טן יאָר.

דער אינשורטער געווינט דאָ וואָס ער איז זיכער מיט זיין אינשורענס פאַר דעם באַשטימטן טערמין. אָבער אויב ער שטאַרבט אין פאַרלויף פון דעם ערשטן העלפט פון טערמין, פאַרלירט ער די איבערגעצאָלטע סומע אין די ערשטע יאָרן. די אינשורענס קאָמ־פּאַניע האָט פאַקטיש באַקומען אַ העכערן געצאָלט. ווען דער טערמין ענדיקט זיך, האָט די אינשורענס קאָמפּאַניע ווידער ניט קיין פאַר־פּליכטונג צו דעם אינשורטן. דער אינשורטער קען נאַטירלעך אויפגעבן די פאָליסי צו יעדער צייט. וואָס שפּעטער אין דעם טערמין — אַלץ ווייניקער לוינט זיך אים אויפגעבן די פאָליסי. אַזאַ פאָליסי איז נאָך אַלץ ביליגער פון אַ געוויינטלעכער לעוול רעיט פאָליסי, ווייל אַ טוירם־פאָליסי איז לעוול בלויז אויף דער רעכענונג פון דעם טערמין און איז ניט „געלעוועלט“, לויט דער רעכענונג פון גאַנצן לעבן.

אין פאַרגלייך מיט פּריוואַטע אינשורענס איז אַ 20־

יאָריקע טערמין פּאָליסי אין אַ פריען עלטער, ווי 20 — 30 יאָר, ניט אַזוי שלעכט, ווייל דורך אַזאַ פּאָליסי קען מען זיך פאַרזיכערן איז דעם נויטיקסטן עלטער פאַר כמעט דעם מעגלעכסט־קלענסטן אָפּצאָל. אַזאַ פּאָליסי איז אָבער נאָך אַלץ שלעכט דערמיט, וואָס ווען דער טערמין ענדיקט זיך, און דער אינשורטער פילט, אַז ער מוז נאָך פאַרזיכערן זיין פאַמיליע, קען ער אָבער מער קיין אינשורענס ניט באַקומען, אויב ער איז שוין פיזיש ניט פּייאַיק פאַר נייער אינשורענס.

כדי אויסצומיידן דעם העכערן קאָסט אין די ערשטע יאָרן פון טערמין, ווי אויך צו פאַרזיכערן די מעגלעכקייט פון ווידער צו זיין אינשורט, איז פאַראַן אַ פּאָליסי, וועלכע איז די בעסטע, וואָס מען קען באַקומען פון פּריוואַטע לאַיף אינשורענס קאָמפּאַניעס. דאָס איז די איין־יאָריקע באַנייבאַרע, טערמיניקע פּאָליסי. אַזאַ פּאָליסי איז באַוואוסט אונטער׳ן נאָמען יערלעכע „רעניואַייבל טוירם״. פאַר אַזאַ פּאָליסי ווערט געצאָלט יאָרלעך, לויט דעם סטעפּ רעיט. די אינשורענס קאָמפּאַניע איז אָבער פאַרפּליכטעט, אַז זי מוז אייך יעדן יאָר איבעראַניים אינשורן אַזוי לאַנג, ווי איר זייט גרייט צו באַצאָלן דעם געהעכערטן אָפּצאָל, לויט דעם סטעפּ רעיט. איר דאַרפט ניט האָבן קיין דאָקטאָר־עקזאַמען. עס מאַכט ניט אויס, וואָס דעם אינשורטנ׳ס פיזישער צושטאַנד זאָל ניט זיין. פאַר אַזאַ יאָרלעכער רעניועבל טוירם פּאָליסי צאָלט מען געוויינטלעך עטוואָס מער, ווי פאַר אַ יאָרלעכער „נאָן־רעניועבל״ (ניט־באַנייבאַרע). זייער ווייניג אינשורענס קאָמפּאַניעס גיבן אַרויס אַזוינע פּאָליסים. מען קען אָבער באַקומען אַזאַ סאָרט אינשורענס, ס׳איז די בעסטע, בילי־קסטע און די סאַמע צוועקמעסיקסטע פאָרמע פון פּריוואַטער אינשורענס.

אויסער דעם איז פאַראַן די „רעניועבל טוירם״ אינשורענס אין 5, 10, 15 און 20־יאָריקע טערמינען. מיר האָבן שוין פריער געזען, וואָס אַ טערמיניקע אינשורענס־פּאָליסי פון אַ גרופּע יאָרן איז. די רעניועבל־גרופּן זיינען געבויט אויף דעם זעלביקן אופן, ווי די אַנדערע, מיט דעם אונטערשייד, וואָס ווען דער טערמין ענדיקט זיך, איז די אינשורענס קאָמפּאַניע פאַרפּליכטעט אָנצונעמען אייער אינשורענס פאַר די ווייטערדיקע טערמינען, אָפּגעזען פון דעם אינ־

שורטנס פיזישן צושטאנד.

ווען דער צווייטער טערמין ענדיקט זיך, מוז זי באַנייען פאַר א דריטן א. אַז. וו., אזוי לאַנג, ווי איר זייט גרייט צו צאָלן די געהע־כערטע צאָלונגען פון דעם נייעם טערמין און איר פארלאַנגט דאָס.

די באַנייאונג איז אָבער גילטיק ביז אַ געוויסן עלטער, מערסטנס, ביז 60 אָדער 65 יאָר. דאָס מיינט, אַז נאָך דעם עלטער קענט איר מער ניט באַנייען די אינשורענס. ס'איז אָבער פאַראַן אַן אויסנאַם, ווען דער אינשורטער באַנייט זיין פּאָליסי דאָס לעצטע מאָל, איידער ער דערגרייכט אָט־דעם עלטער, וואָס נאָכדעם קען ער שוין מער ניט באַנייען. אין דער צייט קען ער עס דאָך נאָך באַנייען. און אויב ער וויל האָבן אינשורענס ביז אַ טיפן עלטער, באַנייט ער דעמלט די פּאָליסי אויף דעם לייִנגסטן טערמין. צום ביישפּיל, איר האָט אַ פּאָליסי בײַ אַ קאָמפּאַניע, וואָס באַנייט ניט נאָך דעם עלטער פון 65 יאָר. דער לעצטער טערמין האָט זיך געענדיקט, ווען איר זייט אַלט 62 יאָר. נעמט איר דאַן אַ פּאָליסי פאַר פרישע 20 יאָר. וועט איר שוין זיין אינשורט ביז 82 יאָר. ווען איר וועט אונז פרעגן, אויב איר דאַרפט אינשורענס ביז אַזאַ עלטער, וועלן מיר אייך כמעט אין אַלע פאַלן ענטפערן, אַז ניט.

ווען מען נעמט רעניועבל פּאָליסיס אין טערמינען פון יאָרן, איז אונזער מיינונג, אַז די טערמינען זאָלן זיין וואָס קלענער. קלענערע טערמינען זיינען די נעענטסטע צו דער סטעפּ רעיט סיסטעם. זיי פאָדערן די קלענסטע באַלדיקע צאָלונגען. צאָל היינט וואָס ווינ־ציקער פאַר דער מעגלעכט גרעסטער סומע אינשורענס, — איז ניט נאָר דער פּרינציפּ פון דעם פּראָלעטאַרישן פּראַקטיציזם, נאָר דאָס איז אַן אָנגענומענע זאַך אין אינשורענס בכלל. און יעדער אינשורענס־עקספּערט, אויב ער איז אייער אמת'ער פריינט, וועט עס אייך מודה זיין.

פּראָפעסאָר מאָובערי דערקלערט וועגן דעם ווי פאָלגט:

„אזוי ווי די שטערבלעכקייט פאַרגרעסערט זיך ניט פיל ביז אַריבער די מיטעלע יאָרן, אָבער נאָכדעם גייט דאָס שנעל. קען מען דערפון זען, אַז אזוי ווי אַ טוירם פּאָליסי דינט בלויז פאַר אַ קורצער צייט, איז דאָ פאַראַן אַ קליינער עלעמענט פון אינוועסטירונג. איז דעריבער איר קאָסט דער קלענס־טער פון אַלע פאָרמען פון אינשורענס". 8)

צו דעם זעלביקן שלום מוז איך קומען פּראָפעסאָר הובנער. ער זאָגט:

„טערמין־אינשורענס איז ספּעציעל אויסגערעכנט מעגלעך צו מאַכן די באַשיצונג קעגן געפאַרן, וועלכע נויטיקן זיך אין צייטווייליקער פאַרזיכערונג. אָדער נויטיקן זיך אין דער גרעסטער סומע אינשורענס . . . פאַר דעם מעגלעכסט קלענסטן אָפּצאָל". 9)

טוירם אינשורנס איז אַף אַזאַ אופן —ווירקלעכע אינשורענס. לויט די מעגלעכקייטן פון אינשורענס, ווי אַ פּריוואַטער געשעפט, איז דאָס די בעסטע פאָרמע פון אינשורענס. ס'איז אָבער אַ מערק־ווירדיקע זאַך. איר וועט זעלטן געפינען עמיצן, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ סאָרט פּאָליסי. ווען אַן אינשורענס אַגענט באַמיט זיך צו פאַרקויפן אייך אַ פּאָליסי, וועט ער אויסמיידן פאַרצושטעלן און צו דערציילן פון אַזאַ פּאָליסי. נאָכמער: אויב איר וועט פאַרלאַנגען אַזאַ פּאָליסי, מעג דער אַגענט זיין אייער בעסטער פריינט, וועט ער אייך פונדעסטוועגן אָפּריידן דערפון, ווי פון אַן אומגליק. ער וועט אייך אָנגעבן טויזנט און איין תירוצים, פאַרוואָס איר זאָלט זיך אויסהיטן פון אַזאַ סאָרט פּאָליסי. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? וואו ליגן די סיבות?

ווילן מיר אייך באַלד וואָרענען ניט צו באַשולדיקן דעם אַגענט. ער ווייסט וועגן אינשורענס ניט פיל מער פון אייך. ער ווייסט בלויז אַף אַזוי פיל, אַף וויפיל מען האָט אים געלערנט אין די אינשורענס קאָמפּאַניעס, וואָס פאַר זיי לוינט זיך בעסער.

אינשורענס וואָלט ניט געקאָנט ווערן קיין ריזיקע פּראָפיטן־אינסטיטוציע, ווען אינשורענס־קאָמפּאַניעס זאָלן פאַרקויפן בלויז טוירם אינשורענס. די אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען אין דעם גע־שעפט צוליב פּראָפיטן. האָבן זיי אַזוי אָרגאַניזירט זייער געשעפט, אַז זיי זאָלן קענען מאַכן וואָס מער פּראָפיטן. מען בויט איצט הייזער ניט דערפאַר, וואָס מענטשן דאַרפן וואוינונגען, נאָר כדי צו מאַכן פּראָפיטן. פּונקט אַזוי פירט מען די אינשורענס־ביזנעס ניט צוליב באַזאָרגן אייך מיט די בעסטע אינשורענס, נאָר כדי צו מאַכן פּראָפיטן.

אין דעם קומענדען קאַפּיטל וועלן מיר אַנאַליזירן נאָך אַנדערע פאַרשיידענע פאָרמען פון אינשורענס, כדי צו באַווייזן זייער אמת'ן קלאַסן־כאַראַקטער.

## פערטער קאַפּיטל

13) אָרדינערי לאַיף אינשורענס
14) טווענטי פּעימענט לאַיף
15) ענדאָומענט
16) אַ פאַלשע באַרעכטיקונג
17) דיווידענדס
18) אַניואַיטיס

---

## 13. געוויינלעכע לאַיף אינשורענס

אין דעם לעצטן קאַפּיטל האָבן מיר אָנגעוויזן, אז די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען אין דעם אינשורענס געשעפט בלויז מיט'ן צוועק צו מאַכן פּראָפיטן. פון די טוירם־פּאָליסים קען מען זייער ווייניק פאַרדינען. זיצן אָבער דאָרטן געדונגענע גרויסע גע־לערנטע, האָבן זיי זיך דערטראַכט, ווי אַזוי מען קען אויסנוצן די נויט פון דער באַפעלקערונג פאַר גרויסע פּראָפיטן. פאַר דעם צוועק זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אַרום 84 פאַרשיידענע פאָרמען פון פּאָליסים, צוגעפּאַסט לויט יעדן איינעמס נויטן (אַזוי זאָגן זיי), און יעדן איינעמס געשמאַק. מיר וועלן צוגעבן: לויט יעדן איינעמס פּייאַיקייט איינצורייד'ן זיך אַ קינד אין בויך. יעדע פּאָליסי האָט איר באַזונדערע פאָרמע, איר באַזונדערן פּרייז, איר באַזונדער „קאָ־מישן" פאַר'ן אַגענט און איר באַזונדער „אַפּיל".

די אַלגעמיינע פּאָליסים קענען איינגעטיילט ווערן אין 4 הויפּט־קאַטעגאָריעס: 1) געוויינלעכע לאַיף אינשורענס אָדער אָרדינערי האָל לאַיף. אין דעם זעלבן קלאַס פאַלן אויך אַריין די, וואָס זיינען באַוואוסט, ווי ענדאָומענט ביז 85. 2) די „לימיטעד פּעימענט לאַיף", וואָס מיינט באַשריינקטע צאָלונגען פאַר'ן לעבן. 3) „ענ־דאָומענט". און 4) די „אַניואַיטי". אין דעם איצטיקן קאַפּיטל וועלן מיר באַהאַנדלען די אויסגערעכנטע 4 קאַטעגאָריעס פון פּאָ־ליסים.

די געווינלעכע לאַיף פּאָליסי, אָדער ווי זי איז באַוואוסט אין דער אינשורענס שפּראַך „אָרדינערי לאַיף“, ווערט אַרויסגעגעבן פאַר פאַרשיידענע סומען. מען צאָלט די פּאָליסי יאָרלעך און האַלב־יאָרלעך. זייער זעלטן דערלויבט מען צאָלן פערטל יאָרלעך. מען דאַרף צאָלן פאַר די אינשורענס אַזוי לאַנג, ווי מען לעבט, אָדער אין דעם פאַל פון אייניקע אינשורענס קאָמפּאַניעס, ביז דעם עלטער פון 85 יאָר, ווען מען רופט דאָס ענדאָומענט ביז 85. פאַר דער לעצטער פּאָליסי צאָלט מען עטוואָס מער.

די „אָרדינערי“ פּאָליסי איז אויסגערעכנט, לויט אַ לעוול רעיט און אַלעמאָל לויט דער „אַמעריקען עקספּיריענס“ טייבל, מערסטנס אויף 3־פּראָצענטיקער אויסרעכענונג. ווי איר זעט — לויט דעם טייערסטן חשבון. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. צוזאַמען מיט אייער אינשורענס ווערט די פּאָליסי קאָמבינירט מיט אַ סייווינג. דאָס הייסט: אַנשטאָט דעם געוויינלעכן אָפּצאָל, וואָס איר מאַכט פאַר אייער אינשורענס, גיט איר נאָך צו אַ געוויסע סומע, וועלכע די אינשורענס קאָמפּאַניע זאָל פאַר אייך אָפּשפּאָרן. מיר וועלן דערפאַר מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן אַזאַ סאָרט אָרדינערי פּאָליסי און אַ פּאָליסי פון אַ רעניועבל טוירם, — ביידע פון פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס, — כדי איר זאָלט דערזען פאַר זיך אַ קלאָר בילד, ווי אַזוי איר ווערט באַזאָרגט מיט די „בעסטע“ אינ־שורענס.

די אויסרעכענונג, וואָס מיר מאַכן, איז לויט 4½ פּראָצענט קאָמפּאַונד (פּראָצענט אויף פּראָצענט). מיר פילן זיך באַרעכטיקט צו רעכענען אויף אַזאַ פּראָצענט דערפאַר, ווייל דאָס איז דער מינימום. ווען די אינשורענס קאָמפּאַניע מאַכט די אויסרעכענונג פאַר אייערע צאָלונגען, איז דאָס אויף 3 פּראָצענט. ווען אָבער איר קומט לייען געלט אויף אייער אייגענער פּאָליסי, רעכנט זי אייך 6 פּראָצענט. נעמען מיר דעם אונטערשייד, וואָס איז 4½ פּראָצענט. די אינ־שורענס־קאָמפּאַניע פאַרדינט אַלע מאָל אויף אייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער ניט ווייניקער פון 4½ פּראָצענט.

## אָרדינאַרי לייף (געוויינלעכע לעבנס-פאַרזיכערונג) פאַר $10,000 (ניט אנטיילנעמער)

## פאַרגלייך מיט „רעניועבל טוירם“

| עלטער | יארן אין קראַפט | קאסט פאַר אָרדינאַרי | קאסט רעניואייבל טוירם | אפגע־שפּאָרט | פּראָצענטן | פאַקטיש געצאָלט | פאַקטישע אינשורנס | פאַקטישער קאסט | פאַקטישער פאַרמעגן | עקסטענדעט אינשורנס | | קאסט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 35 | 1 | $200.60 | $ 88.20 | $ 112.40 | $ 5.05 | $200.63 | $9,887.60 | $200.60 | $10,112.40 | | | |
| 44 | 10 | 200.60 | 111.90 | 1,267.00 | 57.00 | 257.30 | 8,733.00 | 301.00 | 11,267.00 | 12 | | $15.30 |
| 54 | 20 | 200.60 | 196.67 | 2,682.20 | 120.70 | 321.30 | 7,317.80 | 425.50 | 12,682.20 | 15 | 187 | 24.00 |
| 59 | 25 | 200.60 | 285.50 | 3,144.60 | 141.50 | 342.10 | 6,855.40 | 482.50 | 13,144.60 | 14 | 320 | 27.50 |
| 64 | 30 | 200.60 | 427.60 | 3,025.80 | 136.20 | 336.60 | 6,974.20 | 472.50 | 13,025.80 | 13 | 261 | 28.00 |
| 27 | 28 | 29 | 30 | 31 | 32 | 33 | 34 | 35 | 36 | 37 | | 38 |

טאבעלע 6.

אויב דער לייענער האָט שוין פארשטאַנען די טאַבעלע 5, וואָס מיר האָבן געבראַכט פאַר דעם פארגלייך צווישן לעוול און סטעפ רעיטס 1), וועט אים זיין גרינג צו פארשטיין די טאַבעלע 6. זי איז געבויט, לויט דעם זעלביקן פּלאַן. בלויז די קאָלומס 37 און 38 זיינען נייע. די 2 קאָלומס לאָזט איבער צום סוף. ווען איר זאָלט פארגלייכן קאָלום נאָך קאָלום, וועט איר בלויז געפינען אַנ־דערע ציפערן.

די אויסרעכענונג איז געמאַכט פאַר אַ פּאָליסי פון 10 טויזנט דאָלאַר. מיר טוען דאָס, כדי איר זאָלט דורך אַ פארגרעסערטער ציפער דערזען שארפער דעם רעכענונג. אָבער אַלע פאַקטן זיינען פונקט אזוי ריכטיק ווענן אַ טויזנט דאָלארדיקער פּאָליסי. אויסער דעם זיינען אויך פאראַן גאָר אַ סך אַזוינע גרויסע פּאָליסים צווישן די בעסער־באַצאָלטע ארבעטער און בּאַ דעם קליינבירגערטום.

מיר וועלן ניט ווידערהאָלן אַלע ארגומענטן, וואָס מיר האָבן שוין ארויסגעבראַכט אין פארבינדונג מיט דער טאַבעלע 5. 2) מיר וועלן דאָ בלויז אָנווייזן אויף יענע טיילן, וואָס זיינען אַנדערש אין יענער טאַבעלע. מיר וועלן בלויז אין קורצן פּארטייטשן און אילוסט־רירן די טאַבעלע.

אין עלטער פון 35 יאָר (קאָלום 27), דעם ערשטן יאָר פון דער פּאָליסי (קאָלום 28), צאָלט מען פאַר 10 טויזנט אָרדינערי לאַיף $200.60 (קאָלום 29). אין דער זעלביקער צייט צאָלט מען פאַר אַ רעניועבל טוירם $88.20 (קאָלום 30).

מיר שטעלן דאָ ווידער אריין דעם ביישפּיל פון אונזערע אַלטע באַקאַנטע צוויי פריינט יעקב און זרח. יעקב האָט גענומען די אָרדינערי פּאָליסי, זרח — די רעניועבל טוירם. זרח שפּאָרט דעם ערשטן יאָר $112.40, אין 10 יאָר — $1,267.00 (קאָלום 31). און אזוי כסדר. זיינע געלט ברייינגען פּראָצענטן (קאָלום 32). מיינט דאָס ווירקלעך געצאָלט, ווי אָנגעוויזן אין קאָלום 33.

אָבער ווירקלעכע אינשורענס פארמאָגט ער בלויז, ווי אָנגעוויזן אין קאָלום 34. דאָס מיינט פאַקטיש, אַז ער צאָלט אַן אָפּצאָל, ווי אָנגעוויזן אין קאָלום 35, וואָס איז מער איידער דער סטעפּ רעיט פון די רעניועבל טוירם (קאָלום 30). דער פארמעגן פון זרח'ס פאַמיליע, אויב זרח שטאַרבט, איז פאַקטיש, ווי אָנגעוויזן אין

קאָלום 36, גרעסער איידער דער פאַרמעגן פון יעקב'ס פאַמיליע.

עס זיינען אָבער פאַראַן אַ צאָל זייער וויכטיקע אונטערשיידן צווישן אַ לעוול רעיט פּאָליסי, ווי אָנגעוויזן אין טאַבעלע 5, און דער אָרדינערי פּאָליסי פון טאַבעלע 6, וועלכע מיר באַהאַנדלען איצטער.

ערשטנס, ווען איר נעמט אַ לעוול פּאָליסי פון דעם כאַראַקטער, ווי אין דער טאַבעלע 5, האָט איר קיינמאָל ניט דעם איינדרוק, אַז די פּאָליסי איז פאַרבונדן מיט אַ סיסטעם פון אָפּגעשפּאַרטע און אָנגעזאַמלטע געלטער, וועלכע ווען מיט דער צייט פאַרנוצט ווערן. דער פּרייז ווערט אָנגענומען, ווי דער קאָסט פון פאַרזיכערונג און ניט מער. כמעט פאַר אַלע לייענער וועט זיין אַ נייס צו אַנטדעקן דעם מאָמענט פון אָפּשפּאָרונגען אין דעם לעוול רעיט. זיי האָבן בלויז געוואוסט, אַז ס'איז גרעסער, איידער דער סטעפּ רעיט. אָבער פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, האָבן זיי גענוי ניט פאַרשטאַנען.

ווען עס קומט אָבער צו דער אָרדינערי פּאָליסי, ווערט שוין אָפיציעל אָנגעגעבן, סיי פון דער אינשורענס קאָמפּאַניע, סיי פון דעם אַגענט, אַז די פּאָליסי איז ניט בלויז אינשורענס, נאָר גלייכצייטיק אַ „סייווינג", אַן אָפּשפּאָרונג. איר צאָלט ניט בלויז אַ לעוול רעיט, וואָס איז אַן און פאַר זיך אַן אָפּשפּאָרונג, נאָר יעדן מאָל, ווען איר צאָלט פאַר אייער אינשורענס, גיט איר אויך אַ געוויסע סומע עקסטרע, מען זאָל דאָס פאַר אייך אָנזאַמלען

די אינשורענס קאָמפּאַניע גיט אפילו אָן גענוי אין דער פּאָליסי, וויפיל די סומע באַטרעפט יעדן יאָר. דאָס איז די טאַבעלע, וואָס זיי רופן „קעש וואַליו" (ווערט אין מזומן). דאָס מיינט, אַז אויסער די לויפנדיקע קאָסטן פון אינשורענס, זאַמלט זיך נאָך אָן אַזאַ באַשטימטע סומע. בעת דער אינשורטער לעבט, קען ער צו יעדער צייט (נאָך די ערשטע 2 — 3 יאָר) אַריינגיין און אַרויסנעמען די באַשטימטע סומע געלט, אַלס אַ הלואה; אָדער ווען ער באַשליסט איינגאַנצן אויפצוגעבן די פּאָליסי. דאָס איז נאָך בעסער, ווי אין דעם אַלגעמיינעם לעוול רעיט, וואו אויב מען גיט אויף די פּאָליסי, באַקומט מען גאָרניט אַרויס. די אינשורענס אַגענטן נוצן דאָס טאַקע פאַר אַ ווירקזאַמען אַרגומענט קעגן דער אינשורענס

אין די מערסטע פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

הייסט דאָס, אַז די אָרדינערי פּאָליסי פּאָרמאַגט אויסער יעדן צווייפל דעם אינשורטנ'ס געלט. אָבער אין פאַל, ווען דער אינשורטער שטאַרבט, באַנוצט זיך דעמלט די אינשורענס קאָמפּאַניע מיט זיין טויט: זי גיט דער פאַמיליע בלויז די אינשורענס און נעמט צו פאַר זיך דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע געלט. און די אלמנה און יתומים ווערן פּשוט באַרויבט. מען האָט איינגערעדט דעם אינשורטן, אַז זיין פּאָליסי איז ניט בלויז אינשורענס, נאָר אויך אַ סייווינג. ווען ער שטאַרבט אָבער, באַרויבט מען זיין פאַמיליע פון דעם „סייווינג".

לאָמיר זיך אומקערן צו אונזערע צוויי פריינט יעקב און זרח. זרח האָט אָפּגעשפּאָרט אין דער צייט, ווען די פּאָליסי איז אַלט 20 יאָר (קאָלום 28) אַזוי פיל, ווי $2,682.20 (קאָלום 31). ווען ער איז געשטאָרבן, וועט זיין פאַמיליע באַקומען די 10 טויזנט דאָלאַר אינשורענס, און אין באַנק וועט זיין די דערמאָנטע סומע. יעקב אָבער האָט געשפּאָרט אין דער אָנגעטרויטער אינשורענס קאָמפּאַניע. זיין פאַמיליע וועט דעמלט באַקומען בלויז די אינשורענס, אָבער קיין איין סענט ניט פון דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט. 20 יאָר געשפּאָרט, און דאָס געלט בלייבט באַ דער אינשורענס־קאָמפּאַניע.

מען קען ניט זאָגן, אַז פאַר'ן געצאָלט געלט איז יעקב געווען אינשורט, און ער האָט דאָך נאָך אַלץ איינגעצאָלט ווינציקער, איידער זיין פאַמיליע וועט באַקומען. זרח איז דאָך אָבער צוגלייך מיט יעקב'ן געווען אינשורט. זיין פאַמיליע באַקומט פּונקט אַזויפיל אינשורענס, אָבער פון דעם אונטערשייד אין די צאָלונגען, די סומע פון דעם „סייווינג", האָט זיך באַ זרח'ן אָנגעקליבן די דערמאָנטע סומע געלט. זרח האָט געזאָמלט באַזונדער פון די אינשורענס, אויף אַ באַזונדער „אַקאַונט", ניט באַ דער אינשורענס קאָמפּאַניע. האָט זיין פאַמיליע יאָ דאָס געלט. אָבער די פאַמיליע פון יעקב'ן, וועלכע האָט פאַרבונדן די אינשורענס מיט דעם „סייווינג" און האָט געזאָמלט זיינע שווער־פאַרהאָרעוועטע געלטער באַ דער אינשורענס קאָמפּאַניע, באַקומט ניט קיין איין סענט דערפון.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז פון יעדע טויזנט, וואָס נעמען אַרויס אינשורענס אין עלטער פון 35 יאָר, וועלן אויסשטאַרבן אַרום 250

ביז אַלע וועלן דערגרייכן דעם עלטער פון 55 יאָר. די פאַמיליעס פון די 250 „יעקב'ס" זיינען באַרויבט געוואָרן פון זייערע אָפּגע־שפּאָרטע געלטער. מיט יעדן שפּעטערדיקן יאָר פאַרגרעסערט זיך די שטערבלעכקייט. און די פאַמיליעס פון יעדן געשטאָרבענעם ווערן באַרויבט פון די געלטער. אַזוי ציט זיך דאָס ביז דעם טיפן עלטער פון די אינשורטע. זייערע פאַמיליעס ווערן באַרויבט בא יעדן טויטן־פאַל.

יעקב קען אָבער אַרויסקומען מיט אַזאַ סאָרט אַרגומענט. כל זמן איך לעב, קען איך דאָך גיין און אַרויסנעמען מיין אָפּגעשפּאָרט געלט. הייסט דאָך דאָס, אַז דער „סייווינג" איז פאַרט מיינער. דאָס איז אמת. אָבער זאָל יעקב האָבן אינזינען דאָס פאָלגנדיקע: ער קען אַרויסנעמען דעם „סייווינג", ווי אַ הלוואה, און לאָזן די פּאָליסי אין קראַפט. דאַן צאָלט ער פאַר זיין אייגן געלט גאַנצע 6 פּראָצענט. יעדעס מאָל, וואָס ער מאַכט זיין איינצאָלונג פאַר דער פּאָליסי, דאַרף ער אויך באַצאָלן די פּראָצענטן. אויב ניט, וועט פון זיין פּאָליסי גאָרניט איבערבלייבן — זי וועט אויפגעגעסן ווערן פון די פּראָצענטן. ווען די פּאָליסי איז אַלט 20 יאָר, קען ער באָרגן אַזאַ סומע, ווי זרח האָט אָנגעשפּאָרט — $2,682.20 (קאָלום 31) — אויף 6 פּראָצענט, וועט ער דערפאַר צאָלן $160.93 אַ יאָר. צוזאַמען מיט זיין פּרעמיום (אָפּצאָל) וועט דאָס באַטרעפן $361.53. אויב אָבער זרח דאַרף געלט, דאַרף ער קיין פּראָצענט ניט צאָלן. פאַר זיין פּאָליסי, לויט דעם סטעפּ רעיט, צאָלט ער אין יענעם עלטער $196.67 (קאָלום 30). דערצו איז זרח אינשורט אויף 10 טויזנט דאָלאַר און יעקב איז בלויז אינשורט אויף $7,317.80. קומט אויס, אַז ווען איר ווילט זיך באַנוצן מיט אייער „סייווינג", ווי אַ הלוואה, איז דאָס גאָר ניט אַזאַ גוטער אויסוועג.

וועט יעקב אויסקלייבן דעם צווייטן מעגלעכן אויסוועג. ער וועט אַרויסנעמען דעם „קעש"־ווערט (קעש וואַליו), און ער דאַרף דאַן קיין פּראָצענט ניט צאָלן. וועט ער האָבן פּונקט אַזויפיל געלט, וויפיל זרח, פּיליכט נאָך עטוואָס מער. דאָ דאַרף אָבער יעקב אַ טראַכט טאָן, אַז אין די 20 יאָר, זינט ער האָט גענומען זיין פּאָליסי, האָט ער זיך באַדייטנד געעלטערט און זיין געזונט איז שוין ניט דאָס, וואָס ס'איז געווען. קיין נייע אינשורענס קען ער שוין מערסטנס ניט באַקומען. זיין פאַמיליע בלייבט אָן באַשיצונג. ווייל

אויב ער נעמט אַרוים דעם קעש־ווערט, בלייבט ער אָן אינשורענס.

זרח ווידער האָט דעם קעש־ווערט אין קעשענע. ער דאַרף די אינשורענס ניט אויפגעבן, אויב ער וויל ניט. זרח איז פּאַרט אין אַ בעסערער לאַגע. זאָלן די יעקב׳ס זיין פּאַרזיכטיק, איידער זיי גיבן אויף די פּאַליסי. זאָלן זיי אויסגעפינען, אויב זיי קענען נאָך אַלץ באַקומען אינשורענס. און אויב זייער געזונט איז שוין ניט צו גוט — לוינט זיך זיי אָנצוהאַלטן די אינשורענס. זאָלן זיי פאַרגעסן די איינרעדעניש, אַז זיי האָבן געשפּאָרט געלט אין דער אינשורענס קאָמפּאַניע. זיי מוזן זיך האַלטן מיט דער פיינער פּאָליסי אפילו, ווען זיי זאָל אויסקומען צו צאָלן הויכע פּראָצענטן פאַר אַ הלוואה און פאַקטיש פאַרמאָגן די פאַרקלענערטע אינשורענס.

מען דאַרף אויך געדיינקען, אַז צוליב דער פאָרמע פון אָבליגאַטאָרישע אָפּשפּאָרונגען, וועלכע זיינען דאָ גרעסער, איידער אין אונזער פריערדיקן פאַרגלייך צווישן לעוול און סטעפּ רעיט, ווערט נאָך שווערער די מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן די אינשורענס בכלל. 3)

צוליב דערזעלביקער אָבליגאַטאָרישער פאָרמע פון שפּאָרונגען איז נאָך שאַרפער דער פאַלשער באַגריף וועגן לעוול און סטעפּ רעיט. 4)

די אָרדינערי לאַיף פּאָליסי פאַרמאָגט אָבער אַ שטריך, וואָס האָט אַ גרויסע צוציאונגס קראַפט און איז אפשר פּונקט אַזוי שעד־לעך, ווי דער פאַלשער באַגריף וועגן „סייווינג“. דאָס איז די „פּעיד אָפּ“ (פריי באַצאָלטע) אָדער „עקסטענדעט“ אינשורענס (פאַרליינ־גערונג פון אינשורענס).

וואָס מיינט אַזאַ פּריווילעגיע? עס מיינט אָט־וואָס! איר האָט, צום ביישפּיל, געצאָלט פאַר 10 יאָר צייט, און מער קענט איר ניט צאָלן. גיט אייך די קאָמפּאַניע די פּריווילעגיע, וואָס זי אינשורט אייך פריי אויף נאָך 12 יאָר צייט. איר דאַרפט דערפאַר ניט צאָלן קיין סענט. (זע קאָלום 37 אין טאַבעלע 6). די אינ־שורענס איז פאַר דער אָריגינעלער גרוים פון דער פּאָליסי. וועלן מיר אַנאַליזירן, ווי אַזוי און פאַרוואָס די אינשורענס קאָמפּאַניע איז אַזוי גוטהערציק.

צום סוף פון די 10 יאָר פאַרמאָגט די פּאָליסי אַ קעש־ווערט

פון $1,460.10[5]. ווען אָט־די סומע איז ניט אָנגערירט געוואָרן פון דעם אינשורטן, אויב ער איז ניט שולדיק קיין געלט אַף זיין פּאָליסי, קען ער באַקומען די „פּרייע" אינשורענס. דאָס הייסט, אַז דער אינשורטער, ווען ער קען מער ניט אָנהאַלטן די צאָלונגען, און לייען און צאָלן פּראָצענט וויל ער ניט, קלייבט זיך דעמלט אויס איינע פון די 2 מעגלעכקייטן: ער נעמט אַרויס זיין קעש־ווערט און אויס מיט די אינשורענס. אָדער ער צאָלט איין פּאַקטיש דער אינשורענס קאָמפּאַניע די גאַנצע סומע מיט איין מאָל. ער קען שוין דאָס געלט מער ניט לייען. ער קען אין אַ פּאָר יאָר אַרום ניט האָבן קיין חרטה אַפן מסחר. פאַר דער איינגעצאָלטער סומע גיט אים די קאָמפּאַניע 12 יאָר אינשורענס. הייסט דאָס, אַז פאַר 10 טויזנט דאָלאַר אינשורענס אַף אַ טערמין פון 12 יאָר באַצאָלט ער $1,460.10. הייסט דאָס, אַז איר באַקומט ניט קיין פּרייע אינשורענס, ווי אייך האָט זיך געדוכט.

קאָסט אייך די אינשורענס זייער ביליג? אויך ניט. די $1,460.10 וועט דורך דעם אָפּצאָל פון אינשורענס ליקווידירט ווערן ביסלעכווייז אין פאַרלויף פון די 12 יאָר. די פאַרבליבענע סומען יעדן יאָר וועלן ברייינגען פּראָפיטן. לויט אַ רעכענונג פון 4½ פּראָצענט וועט אויסקומען, אַז אַ יאָר אינשורענס קאָסט אייך דורכשניטלעך $153.30 פאַר די 10 טויזנט אינשורענס אָדער די זעלביקע זאַך, ווי טוירם אינשורענס. אין עלטער פון 44 יאָר קענט איר באַקומען אַ 10־יאָריקן „נאָן־רעניועבל טוירם" פאַר $133.20 און אַ 15־יאָריקן טוירם פאַר $153.30[6]. דאָס איז דער עלטער 44, ווען אייער פּאָליסי איז אַלט 10 יאָר. אַזוי, אַז קיין מציאה האָט איר דאָ ניט געכאַפּט.

דאָס איז אַלץ גערעדט, ווען איר האָט דאָס געלט ניט אָנגערירט. אין לעבן פּאַסירן אָבער זאַכן גאַנץ אַנדערש. מען באַשליסט ניט אויפצוגעבן אינשורענס באַלד דעם ערשטן יאָר, ווען מען קען ניט נאָכקומען די צאָלונגען. אַפילו ניט צו נעמען קיין „פּעיד אָפּ" פּאָליסי. מערסטנס קומט ערשט אַזאַ געדאַנק, ווען מען האָט זיך שוין עטלעכע יאָר אָנגעפּלאָגט. מען האָט געליען מיט בער האָפּענונג צוריקצוצאָלן אין אַ פּאָר יאָר. ס'איז געקומען דער צווייטער יאָר צאָלן. האָט מען ווידער געליען מיט דער האָפענונג צוריקצוצאָלן. אָפּט מאָל האָט מען שוין געליען דעם גאַנצן קעש־ווערט.

ווען ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו צאָלן פאַר דער פּאָליסי, פעלט מן הסתם נאָך עפּעס אויך אויס צום לעבן. ערשט אין דער שווערער צייט כאַפּט מען זיך וועגן די פּרייע אינשורענס.

אָבער אויב דער קעש־ווערט איז אַרויסגעצויגן, קען מען קיין „פּרייע" אינשורענס ניט באַקומען.

זעט אָבער ווי גוט ס'איז אונזער זרח'ן. ער האָט אין דער שלעכטער צייט ניט געדאַרפט לייען קיין געלט און צאָלן פּראָצענט. אין ערגסטן פאַל האָט ער גענוצט זיין געלט. ווען ער האָט שוין זיין גאַנץ געלט אויסגענוצט, מוז ער ניט באַצאָלן אין פאַראויס פאַר גאַנצע 12 יאָר, כדי צו זיין אינשורט. ער באַצאָלט בלויז פאַר איין יאָר. אין עלטער פון 44 צאָלט ער $111.90 (קאָלום 30). צו זאָרגן זיך וועגן זיינע אינשורענס האָט ער צייט ערשט אין אַ יאָר אַרום. ער האָט אַלע בעסערע מעגלעכקייטן אָנצוהאַלטן זיין אינשורענס און באַשיצן זיין פאַמיליע, איידער יעקב, וואָס האָט זיך געלאָזט איינריידן צו פאַראייניקן זיין אינשורענס מיט זיין „סייווינגס". זרח קען אָנהאַלטן די אינשורענס, אַפילו אויב ער האָט אויסגעשעפּט זיין גאַנצע געלט. יעקב בלייבט שטיין פאַר אַן אָפּגרונט. ער קען ניט באַקומען זיינע „פּרייע" אינשורענס.

ניט אַלעמאָל לוינט יעקב'ן וועגן דעם זיך צו זאָרגן. ער קען אויפגעבן זיין אינשורענס און נעמען אַ נייע רעניועבל טוירם פּאָליסי. דאָס איז אָבער געוואָרן, ווען יעקב איז פולשטענדיק געזונט. אויב ניט, איז ער אַף צרות. דאַן איז שוין זרח אין אַ בעסערער לאַגע. געזונט צי קראַנק, — ער האָט זיין אינשורענס.

ס'איז נאָך פאַראַן דער וויכטיקסטער מאָמענט אין דער גאַנצער פראַגע. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז יעקב האָט טאַקע באַקומען די 12 יאָר „פּרייע אינשורענס". ער האָט באַצאָלט 12 יאָר אין פאַראויס, ער מוז אַזוי באַצאָלן. טוט ער אָפּ אַ נאַרישקייט, און שטאַרבט דעם ערשטן יאָר. וועט די אינשורענס קאָמפּאַניע אומקערן צו יעקב'ס פאַמיליע די צוגעגרייטע צאָלונגען פאַר די איבעריקע 11 יאָר? אַ נעכטיקער טאָג! וואו קומט אַהין דאָס געלט? זייער איינפאַך. די אינשורענס קאָמפּאַניע נעמט דאָס צו פאַר זיך. וואָלט יעקב אַרויסגענומען זיין קעש־ווערט, און וואָלט זיך נאָכדעם איינגעהאַנדלט אַ רעניועבל טוירם פּאָליסי, איז אין פאַל פון זיין

טויט דעם ערשטן אָדער צווייטן יאָר באַקומט דעמלט זיין פאַמיליע דאָס איבעריקע געלט, אויסער די אינשורענס. ווען ער האָט אָבער געכאַפּט די מציאה פון „פרייע" אינשורענס, פאַרלירט זיין פאַמי־ליע דאָס געלט, וואָס ער האָט געזאָלט צאָלן אין די שפּעטערדיקע יאָרן. ער איז שוין טויט און צאָלט נאָך אַלץ פאַר אינשורענס. דאָס איז ניט קיין השערה. פון יעדע טויזנט מענטשן, וואָס וועלן אין עלטער פון 44 יאָר באַקומען אַזאַ „פרייע" אינשורענס, וועלן ביז דעם 12־טן יאָר אויסשטאַרבן ניט ווייניקער ווי 125.

זרח'ס לאַגע איז אויך אַ בעסערע צום סוף פון די 12 יאָר. זרח איז נאָך אַלץ אינשורט אָפּגעזען פון זיין געזונט־צושטאַנד. בײַ דער ענדע פון די 12 יאָר פון דער „פרייער" פּאָליסי קען שוין ניט יעקב אַלעמאָל באַקומען נייע אינשורענס. אַרום 20 מענטשן פון יעדע טויזנט וועלן אין יענעם יאָר שטאַרבן. **עס איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז יעקב זאָל שטאַרבן בלויז עטלעכע טעג צו שפּעט.**

נאָך דעם געבראַכטן אַנאַליז מוזן מיר קלאָר איינזען, אַז די „פּעיד אַפּ" פּאָליסי איז גאָרניט אַזאַ גרויסער גליק פאַר דעם אינ־שורטן. די אינשורענס קאָמפּאַניע געווינט אַלעמאָל. פאַרלירן קען זי קיינמאָל ניט. די אינשורענס קאָמפּאַניע האָט קיינמאָל ניט גע־גאַמבלט. דער אינשורטער פאַרקערט גאַמבלט אַלעמאָל. און זייער זעלטן, אַז ער געווינט.

## 14. באַשרענקטע צאָלונגען פאַר'ן לעבן

מיר האָבן זיך שוין באַקענט מיט דער פראַגע פון לעוועל און סטעפּ רעיטס 7). מיר ווייסן שוין אויך, אַז די אָרדינערי פּאָליסי איז אַ קאָמבינאַציע פון לעוועל רעיט אינשורענס צוזאַמען מיט אַ באַגריף פון „סייווינגס", אויסער די נויטיקע צאָלונגען פאַר די אינשורענס. וועלן מיר איצט קענען גרינגער פאַרשטיין די קאַטעגאָריע פון פּאָליסים, וואָס זיינען באַוואוסט, ווי „לימיטעד פּעימענט לאַיף" (באַשריינקטע צאָלונגען פאַר'ן לעבן).

אין דעם פאַל פון די אָרדינערי פּאָליסי, צום ביישפּיל, דאַרף דער אינשורטער צאָלן פאַר אינשורענס זיין גאַנצן לעבן. אין דער „לימיטעד" פּאָליסי דאַרף ער צאָלן בלויז אַ באַשריינקטע צאָל יאָרן. דאָס מיינט, אַז מען נעמט אַלע צאָלונגען פון דעם מעגלעכן מענטש־

לעבן לעבן. מען רעכנט זיי צונויף, און מען טיילט די גאַנצע סומע פאַנאַנדער אַף דער צאָל יאָרן, פאַר וועלכע ער איז גרייט אויסצו־צאָלן די גאַנצע סומע. מען טיילט דאָס פאַנאַנדער אַף 10, 15, 20 אָדער 30 יאָר, אַרונטעררעכענענדיק נאַטירלעך די מעגלעכע פּראָ־צענטן פון איינקונפט, וואָס די אָנגעזאַמלטע סומע וועט ברענגען.

וואָס מיינט אַזאַ אויסרעכענונג? ערשטנס, פאַרמאַגט דאָס דעם עלעמענט פון לעוול רעיטס. נאָר אַנשטאָט „געלעוולט" פאַר'ן גאַנצן לעבן, ווערט דאָס דאָ „לעוול" פאַר דער באַשטימטער צאָל יאָרן. דאָס מיינט, אַז דאָ איז פאַראַן אַ סך אַ גרעסערע אָנזאַמלונג פון שפּאָרונגען, איידער אפילו אין דער אָרדינערי פּאָליסי, וואָס מיר האָבן פריער אַנאַליזירט (טאַבעלע 6). מיר ווייסן, אַז דער פאַר־לוסט פון די אָנזאַמלונגען איז שלעכט פאַר דעם אינשורטן אין דער געוויינלעכער „לעוול" פאָרמע. מיר האָבן אויך געזען, אַז ער איז נאָך ערגער אין דער אָרדינערי פּאָליסי, און ער איז נאָך ערגער פון ערגער אין די באַשריינקטע לעבנס צאָלונגען (לימיטעד פּעי־מענטס).

די פּאָליסים האָבן אויך זייער אַ נאָענטע שייכות צו דער סיס־טעם פון „פּעיד אַפּ" (אָפּגעצאָלטע „פרייע" אינשורענס), וואָס מיר האָבן אַנאַליזירט אין די לעצטע עטלעכע זייטן.

די פּאָפּולערסטע פּאָליסי פון דעם סאָרט איז דאָס, וואָס מען רופט אַף דער אינשורענס שפּראַך „טווענטי פּעימענט לאַיף". דאָס איז אַ פּאָליסי, אויסגערעכנט איינצוצאָלן די גאַנצע סומע אין פאַר־לויף פון 20 יאָר. ווען מיר איצט ברענגען אַ טאַבעלע, וואָס וועט אויסרעכענען אַזאַ פּאָליסי אין פאַרגלייך מיט אַ רעניועבל טוירם פּאָליסי.

די טאַבעלע 7 איז אויך געבויט, לויט דעם זעלביקן פּלאַן, וואָס די טאַבעלן 5 און 6. מיר וועלן דעריבער נים ווידערהאָלן אונזערע אַרגומענטן. זיי זיינען גילטיק אויך אין ד ע ר טאַבעלע. און נאָך מיט אַ סמיטשיק 8). מיר וועלן בלויז אַרויסברענגען יענע פאַקטן, וואָס זיינען ספּעציפיש פאַר דער איצטיקער פּאָליסי.

די ערשטע זאַך, וואָס ציט די אויפמערקזאַמקייט, איז די אומ־געהויערע אָנזאַמלונג פון דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט (קאָלום 43). שוין דעם ערשטן יאָר שפּאָרט מען איין $190.00. דעם 10־טן יאָר דער־

## טוועגטי פעימענט לייף (20־יאריגע איינצאלונג פון לעבן־פארזיכערונג) פאר $10,000 (ניט אנטיילנעמער)

## פארגלייך מיט „רעניועבל טוירם“

| עלטער | יארן איז קראפט | קאסט פאר טוועגטי פיימענט לייף | קאסט רעניואייבל טוירם | אפגע־שפארט | פראצענטן | פאקטיש געצאלט | פאקטישע אינשורנס | פאקטישער קאסט | פאקטישער פארמעגן | פייד־אפ אינשורנס: יארן | פייד־אפ אינשורנס: טעג | קאסט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 35 | 1 | $278.20 | $ 88.20 | 190.00 | $ 8.55 | $278.20 | $9,810.00 | $ 278.20 | $10,190.00 | קיינע | | |
| 44 | 10 | 278.20 | 111.90 | 2,253.53 | 89.00 | 367.20 | 7,746.41 | 468.70 | 12,253.53 | 18 | 208 | $16.75 |
| 54 | 20 | 278.20 | 196.70 | 5,175.81 | 232.92 | 496.60 | 4,824.19 | 1,000.00 | 15,175.81 | אונטערן איינדרוק אז מער צאלט מען ניט | | |
| 55 | 21 | אינשורנס אפגעצאלט „פריי“ | 210.80 | 5,197.93 | 233.90 | 233.90 | 4,802.07 | 475.00 | 15,197.93 | | | |
| 64 | 30 | | 427.60 | 4,778.76 | 205.65 | 205.65 | 5,221.24 | 400.00 | 14,778.76 | | | |
| קאלום 39 | 40 | 41 | 42 | 43 | 44 | 45 | 46 | 47 | 48 | 49 | | 50 |

טאבעלע 7.

גרייכט דאָס $2,253.53 — כמעט אַ פערט חלק פון דער גאַנצער אינשורענס. דעם 20טן יאָר באַטרעפט דאָס שוין איבער 5 טויזנט דאָלאַר ($5,175.81), אָדער מער איידער אַ העלפט פון דעם אינשורענס. פאַקטיש איז מען דעם 20־טן יאָר אינשורט אױף ווינציקער, ווי אַ העלפט, כאָטש דער אינשורטער איז אונטער׳ן איינדרוק, אַז ער איז אינשורט אױף דער פולער סומע.

די הויפּט־צרה איז גראָד אין דעם 21טן יאָר, ווען דער אינשורטער פילט, אַז אים איז אַרונטער אַ יאָך פון קאָפּ: ער איז אינשורט אױף 10 טויזנט דאָלאַר (אַזוי דיינקט ער), קיין צאָלונגען דאַרף ער שוין ניט מאַכן. עס איז אים גוט, ווי די וועלט.

ווען מען באַטראַכט אָבער פאַרזיכטיק זיין פּאָליסי, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אינשורטער נאַרט זיך אַליין אָפּ. איז עס ריכטיג, אַז נאָך די 20 יאָר צאָלט ער ניט פאַר די אינשורענס? ניין! דירעקט פון קעשענע צאָלט ער טאַקע ניט. ער האָט אָבער זיין אייגן אָפּגעשפּאָרט געלט, וואָס ער האָט אָנפאַרטרויט דער אינשורענס קאָמפּאַניע. די סומע באַטרעפט $5,197.93. דאָס געלט ברייגנט אַריין פּראָפיטן, וואָס טרעפן אָן דעם ערשטן יאָר $233.90. באַקומט דער אינשורטער דאָס געלט? ניין! דאָס געלט גייט צו באַצאָלן דעם קאָסט פון זיין פּאָליסי. איז וויפיל קאָסט דאָס אים? אינגאַנצן איז ער אינשורט אױף $4,802.07 (קאָלום 46), ווייל ער האָט דאָך שוין זיין אייגן געלט בא דער קאָמפּאַניע $5,197.93 (קאָלום 43). אַזאַ סומע ברייגגט אָן איינקונפט פון $233.40 (קאָלום 45). קומט אויס, אַז ער באַצאָלט פאַקטיש אַרום $475.00 (קאָלום 47), לויט דעם רעכענונג פון אַ 10 טויזנט דאָלאַרדיקער פּאָליסי׳

דער אינשורטער, וואָס האָט פון אָנהויב אָן גענומען אַ רעניועבל טוירם פּאָליסי, צאָלט דאַן בלויז $210.80 — ווייט נאָך ווינציקער, ווי אַ העלפט דערפון. די סומע צאָלט ער פאַר פולע 10 טויזנט דאָלאַר אינשורענס, צוזאַמען מיט די אָפּגעשפּאָרטע געלט, איז ער אינשורט אױף איבער 15 טויזנט דאָלאַר. אָט אַזוי פּאַסירט מיט דעם חשבון. איר צאָלט אַן אומגעהויערן פּרייז צו דער אינשורענס קאָמפּאַניע, ווייל אייך דוכט זיך, אַז איר מאַכט זיך גרינגער.

נאָך בלוט׳ער זעט זיך אָן דער פאַלשער רעכענונג אין דעם צוואַנציקסטן יאָר פון דער פּאָליסי. ווען איר זאָלט דעם ענין

גענוי אונטערזוכן, וועט איר אויסגעפינען, אַז איר צאָלט פאַר אַ „טוּוענטי פּעימענט“ פּאָליסי פון 10 טויזנט דאָלאַר אַ פּרעמיע פון גאַנצע טויזנט דאָלאַר אַ יאָר (קאָלום 47). אין דער זעלבער צייט צאָלט דער באַזיצער פון דער רעגיוּעבל טוירם פּאָליסי בלויז $196.70 (קאָלום 42): דאָס מיינט, ווייניקער פון אַ פינפט חלק פון דער „טוּוענטי פּעימענט“ פּרעמיע.

מיר מוזן דעריבער קומען צום שלוס, אַז דורך פאַלשער איינ־ריידעניש, דורך וועלן כאַפּן מציאות בּאַ די אינשורענס קאָמפּאַ־ניעס, נאַרט איר אָפּ זיך און אייער פאַמיליע.

די טאַבעלע האָבן מיר אויך אויסגערעכנט, לויט 4½ פּראָצענט. מיר באַנוצן אויך ניט דעם קעש־ווערט, וואָס די אינשורענס קאָמ־פּאַניעס גיבן אָן. מיר באַנוצן די אויסרעכענונג אַפן גרונט פון דעם אונטערשייד אין צאָלונגען אין יעדער פאָרם פון אינשורענס אין פאַרגלייך מיט דעם רעגיוּעבל טוירם. דעם זעלביקן מעטאָד וועלן מיר אָנווענדן אויך אין דעם קומענדיקן אַנאַליז פון די ענדאָו־מענט פּאָליסים.

מיר מוזן נאָך ציען אייער אויפמערקזאַמקייט צו דעם, וואָס נאָך די 20 יאָר פאַרמאָגט די פּאָליסי די זעלביקע עלעמענטן, וואָס די „פּעיד אָפּ“ פּאָליסי, וועלכע מיר האָבן שוין אַנאַליזירט 9). דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דאַרטן צווינגט מען דעם אינשורטן צו מאַכן אַן איינציקע איינצאָלונג, און ער קען מער קיין חרטה ניט האָבן. אין דעם פאַל פון דער „טוּוענטי פּעימענט לאַיף“ קען ער אָבער אַלעמאָל באַשליסן, אַז ער וויל מער ניט זיין אינשורט. גע־וויינטלעך איז דאָס מער ניט, ווי אין דער טעאָריע, ווייל אין אַזאַ עלטער קען מען זעלטן באַקומען נייע אינשורענס. פונדעסטוועגן איז דאָס אַ געוויסער פאָרצוג. דערפאַר אָבער איז די פּאָרמע נאָך אַ גרעסערע אָפּנאַרעריי.

באַ דער ענדע פון די 20 יאָר — אויב איר פאַרלאַנגט, קענט איר באַקומען אייער קעש־ווערט. ווען איר זאָלט דאָס געלט אַרויס־נעמען און אינשורן אייער פאַמיליע אָף אַ רעגיוּעבל טוירם פּאָליסי, וועט דאָס אייך קאָסטן $210.80. אָף דעם אינוועסטמענט פון אייער געלט וועט איר באַקומען $233.90 פּראָצענט. בלייבט אייך נאָך אַ פאַרדינסט פון $22.10, וואָס איר טראָגט צו (דעפּאָזיט) צו אייער

פאַרמעגן, וועלכער וועט שוין באַטרעפן $5,197.93.

איר לאָזט אָבער איבער די איבער 5 טויזנט דאָלאַר אין דער אינשורענס קאָמפּאַניע. און אויב איר שטאַרבט אין דעם קומענדיקן יאָר, באַקומט אייער פאַמיליע די 10 טויזנט דאָלאַר. וויפיל האָט אייך געקאָסט דאָס יאָר אינשורענס? ניט ווינציקער, ווי $5,197.93. ווען איר וואָלט אָבער דאָס געלט אַרויסגענומען און איינגעצאָלט די $210.80, זייט איר אינשורט אין מער ווי 15 טויזנט דאָלאַר. דאָס איז דער פּרייז פאַר אייער פּרייען אינשורענס.

נאָך עטוואָס: דער קעשווערט פון די $5,197.93 וועט זיין גענוג פאַר נאָך אַ סך יאָרן צו צאָלן אייער אינשורענס, אַפילו ווען איר לעבט נאָך 35 יאָר. מיט יעדן יאָר, וואָס איר שטאַרבט פריער, פאַרכאַפּט באַ אייך די אינשורענס קאָמפּאַניע דאָס צוגע־גרייטע געלט פאַר די צאָלונגען פון די ווייטערדיקע יאָרן, פּונקט ווי זיי זאָלן פאַר אייער אינשורענס צאָלן, ווען איר זייט שוין טויט. אייער פאַמיליע איז באַרויבט געוואָרן פון דעם איבערגעבליבענעם ניט־פאַרנוצטן געלט.

דאָס זיינען די אינשורענס קאָמפּאַניעס, וואָס זיינען כלומר'שט אויסשליסלעך געבויט צו באַזאָרגן די היים און פאַמיליע.

## 15. ענדאָומענט פּאָליסים

עס געפינען זיך אַ סך „קלוגע" מענטשן, וואָס אַרגומענטירן אַזוי: וואָס טויג מיר אינשורענס נאָכ'ן טויט. זאָל זיך וועגן דעם זאָרגן מיין פאַמיליע. איך, זאָגן זיי, וויל טאַקע צאָלן פאַר אינשורענס, אָבער מיט'ן באַדינג, אַז איך אַליין זאָל האָבן אַ געלעגנהייט צו זען דאָס געלט באַ מיין לעבן. די אינשורענס קאָמ־פּאַניעס זיינען שטענדיק גרייט צו דינען אַזוינע „קלוגע" מענטשן. זיי פונקציאָנירן דאָך בלויז אין די אינטערעסן פון די מיליאָנען אינשורטע . . . האָבן זיי צוגעגרייט פּאָליסים, וואָס מען רופט „ענדאָומענט אינשורענס".

דאָס מיינט אַזאַ פּאָליסי, וואָס מען צאָלט אַ געוויסע צייט — 10, 15, 20 אָדער 30 יאָר. מען איז אינשורט די גאַנצע צייט פאַר דער געגעבענער סומע. ווען עס קומט דער באַשטימטער טערמין

## 20-יאָריגע ענדאָומענט פאַר $10,000 (ניט אַנטיילנעמער)

### (פאַרגלייך מיט אַ רעניואייבל טוירם)

| עלטער | יאָרן אין קראַפט | קאָסט פאַר 20־יאָריגער ענדאָומענט | קאָסט רעניואייבל טוירם | אפגע־שפּאַרט | פּראָצענטן | פאַקטיש געצאָלט | פאַקטישע אינשורנס | פאַקטישער קאָסט | פאַקטישער פאַרמעגן | פּייד־אַפּ אינשורנס יאָרן | פּייד־אַפּ אינשורנס קעש | קאָסט פאַר טויזנט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 35 | 1 | $420.90 | $ 88.20 | $ 332.70 | $ 14.87 | $420.90 | $9,667.60 | $ 420.90 | $10,332.70 | קיינע | | |
| 44 | 10 | 420.90 | 111.90 | 4,043.00 | 160.45 | 580.35 | 5,956.42 | 967.00 | 14,043.58 | 10 | $4,291.90 | $50.54 |
| 54 | 20 | 420.90 | 196.67 | 9,791.58 | 410.50 | 831.40 | 208.42 | 40,000.00 | 19,791.58 | | | |
| קאָלום 51 | 52 | 53 | 54 | 55 | 56 | 57 | 58 | 59 | 60 | 61 | | 62 |

טאַבעלע 8.

און דער אינשורטער בלייבט לעבן, באַקומט ער די סומע פון די אינשורענס אויסגעצאָלט. אויב ער איז געשטאָרבן דורך דער צייט, באַקומט די פאַמיליע די אינשורענס.

פאַקטיש פאַרמאָגט ער צוויי־ערליי אינשורענס: איינע אין פאַל פון טויט, אַ צווייטע אינשורענס, וואָס ער וועט באַקומען, אויב ער האָט געהאַט דעם גליק צו בלייבן לעבן.

אַזאַ פּאָליסי ווערט באַטראַכט פאַר „קלוג" צוליב דעם, וואָס דער אינשורטער טראַכט זיך אַזוי: וועט ער שטאַרבן דורך דער צייט פון באַשטימטן טערמין, — וועט ער אָפּנאַרן די אינשורענס קאָמפּאַניע. ער וועט דאָך איינצאָלן וויניקער, איידער זיין פאַ־מיליע וועט באַקומען. טאָמער גליקט אים אָפּ און ער בלייבט לעבן, באַקומט ער צוריק דאָס גאַנצע איינגעצאָלטע געלט און אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק. ער מאַכט דעם חשבון, אַז אויב ער באַקומט מער, איידער ער האָט איינגעצאָלט, האָט דאָך די אינשורענס קאָמ־פּאַניע פאַקטיש אים נאָך צוגעצאָלט פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אינשורן.

אַזאַ געדאַנק נעמט זיך דערפון, וואָס בכלל דיינקט מען, אַז אינשורענס איז אַ געמבלעריי. געמבלט דער אינשורטער דורך די צאָלונגען. הויפּטזעכטלעך נעמט זיך דאָס אָבער דערפון, וואָס ווען מענטשן מאַכן אַ קאָנטראַקט אין אַ געשעפט אויף אַ סומע פון 10 טויזנט דאָלאַר, וועלן זיי זייער פאָרזיכטיק אויסרעכענען אַלע פּונקטן פון קאָנטראַקט און די מעגלעכע קאָנסעקווענצן. ווען עס קומט אָבער צו אינשורענס, פאַרלאָזט מען זיך אויפן אינשורענס־אַגענט, אַז זיינע ציפערן זיינען אַלעמאָל ריכטיק, ווייל דער אַגענט רעפּרעזענ־טירט דאָך אַזאַ אָנגעזעענע אינסטיטוציע. אַט־דער פאַקט אַליין איז שוין פאַר זיי גענוג. שרייבט מען אונטער אַ קאָנטראַקט, כמעט ניט ארומקוקנדיק זיך.

לאָמיר אָבער פּרואוון אַנאַליזירן אַ 20־יאָריקע ענדאָומענט פּאָ־ליסי פון 10 טויזנט דאָלאַר אין פאַרגלייך מיט אַ „רעניועבל טוירם".

ווען מיר שטודירן דורך די טאַבעלע 8 זייער פאָרזיכטיק, דער־וויסן מיר זיך, אַז די חכמים, וואָס זוכן אָפּצונאַרן די אינשורענס קאָמפּאַניעס, נאַרן גאָר אָפּ זיך אַליין. איבערהויפּט זיינען זיי

שולדיק אַ קלאָרן ענטפער זייערע פאַמיליעס. אַזוינע חכמים געמב־לען אַף אַ נאַרישן אופן און פאַרלירן כמעט יעדעס מאָל. די אינ־שורענס קאָמפּאַניעס האָבן אָבער אַלע מעגלעכקייטן צו געווינען. פאַרלירן וועלן זיי קיינמאָל ניט.

אָט־וואָס דזשאָזעף ב. מעקליין שרייבט וועגן די צאָלונגען :

„אַן ענדאָומענט פּאָליסי באַשטייט פון 2 טיילן : איין טייל איז אַ סייווינגס־פאָנד, וואָס איז גענוג צו פאַרזיכערן די אויסצאָלונגען אין דעם טאָג, ווען די פּאָליסי ווערט פעליק. דער טייל איז קאָמבינירט מיט אַ צווייטן, מיט טוירם אינשו־רענס פאַר די צאָלונגען אין צייט פון טויטן־פאַל“. 10)

דאָס הייסט : איר שליסט אַן אָפּמאַך מיט דער אינשורענס קאָמפּאַניע. ערשטנס, צאָלט איר פאַר אַן אינשורענס פּאָליסי. דאָס איבעריקע געלט וועט זי פאַר אייך אָפּשפּאָרן.

נעמען מיר ווידער אַ ביישפּיל מיט אונזערע צוויי פריינט יעקב און זרח. יעקב האָט גענומען אַ 20־יאָריקע ענדאָומענט פּאָליסי און זרח אַ רעניועבל טוירם. ביידע האָבן באַשטימט יעדן יאָר אַרונטערצונעמען פון זייערע איינקונפטן צו $420.90. יעקב וועט דאָס איינצאָלן צו דער אינשורענס קאָמפּאַניע. אָבער זרח וועט איינצאָלן צוערשט די נויטיקע סומע פאַר זיין רעניועבל טוירם. איז ער שוין אינשורט צוגלייך מיט יעקב׳ן, און דעם איבערגע־בליבענעם טייל וועט ער יעדן יאָר אַריינטראָגן אין אַ באַנק מיט אַן אָפּמאַך פון 4½ קאָמפּאַונד פּראָצענט.

דאָ וועט נאָכדעם פּאַסירן מיט יעקב׳ס אָפּגעשפּאָרט געלט גע־נוי דאָסזעלבע, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן באַם מאַכן דעם פאַרגלייך צווישן די לעוול און סטעפּ רעיטס נאָך אין אַ פיל פאַרגרעסערטער פאָרמע.

אין 10 יאָר אַרום וועט זרח האָבן אָפּגעשפּאָרט דורך דעם אונטערשייד אין די צאָלונגען אַ סומע פון $4,043.00 (קאָלום 55). ווען ביידע זאָלן שטאַרבן אין דעם עלטער, פאַרלירט יעקב׳ס פאַמי־ליע אַזאַ ריזיקע סומע אין פאַרגלייך מיט זרח׳ס פאַמיליע. יעקב האָט אויך געשפּאָרט באַ זיין לעבן. דאָס געלט וועט אָבער צונעמען די אינשורענס קאָמפּאַניע.

עס קומט אַמאָל אַן אַ שלעכטע צייט. מען קען זיך ניט דער־לויבן אין דעם געגעבענעם יאָר אַוועקצולייגן אין באַנק 300 דאָלאַר. יעקב איז געצוואונגען עס צו טאָן. אויב ער האָט ניט, איז ער געצוואונגען צו לייען די 300 דאָלאַר צו זיין פּאָליסי. כאָטש ער באַ־צאָלט דערפאַר 18 דאָלאַר פּראָצענט. אַזוי לאַנג, ווי ער וועט ניט קענען אַוועקגעבן די געליענע סומע, מוז ער צאָלן יעדעס יאָר די 18 דאָלאַר פּראָצענט. און שוין אָפּגערעדט, וויפיל עס קאָסט אים, אויב עס זאָל פּאַסירן, אַז ער זאָל מוזן זייער נויטיק האָבן זיין גאַנצן אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן באַ דער אינשורענס קאָמפּאַניע, כדי דורכצושטופּן אַ שווערע צייט.

אָבער זרח דאַרף זיך ניט זאָרגן אין אַ שלעכטער צייט וועגן די צאָלונגען פאַר זיין פּאָליסי. מיט 10 יאָר שפּעטער, צום ביישפּיל, צאָלט ער $111.90 (קאָלום 54). פּראָצענט אַליין באַקומט ער יענעם יאָר $160.45 (קאָלום 56). ער נעמט בלויז זיינע פּראָצענטן צו באַ־צאָלן אויף זיין פּאָליסי. ער לאָזט נאָך איבער אַרום $50.00 אַ צוגאָב צו זיין פאַרמעגן. קיין אומזיסטע פּראָצענטן דאַרף ער קיינמאָל ניט צאָלן. אין דער זעלביקער צייט איז זיין פאַמיליע פאַקטיש פאַרזיכערט אויף $14,043.58 (קאָלום 60). און פאַרגלייך מיט יעקב׳ס $10,000.

אָט קומט שוין אָן דאָס יאָר, אויף וועלכן מען וואַרט אַזוי לאַנג. יעקב מיט זיין פאַמיליע מאַכן אין פּראָוויס אַלערליי פּלענער, וואָס זיי וועלן טאָן מיט׳ן געלט. מען איז געווען פּאָרזיכטיק, ניט געליען אויף דער פּאָליסי, ניט געצאָלט קיין פּראָצענטן. דאָס איז אָפּטמאָל געטאָן געוואָרן אויפן חשבון פון אַ סך נויטיקע זאַכן, וואָס דאָס האַרץ האָט געגלוסט, נאָר מען האָט זיך ניט פאַרגונען. ס׳איז געווען טייער יעדער סענט. מען האָט אַלץ אַריינגעלייגט אין דער פּאָליסי. מען האָט שוין געמאַכט די 20־טע איינצאָלונג.

דאָס געלט פון ענדאָומענט באַקומט מען ערשט ענדע יאָר. ווילט איר דאָס אַרויסנעמען גלייך, דאַרפט איר באַצאָלן 600 דאָלאַר פּראָצענט. וואַרט מען ביז צו דער ענדע פון יאָר. פּאַסירט אַן אומ־גליק, און בלויז איין חודש אָדער צוויי חדשים פאַר׳ן סוף יאָר שטאַרבן ביידע פריינט. יעקב׳ס פאַמיליע וועט באַקומען די 10 טויזנט דאָלאַר אינשורענס. די אינשורענס קאָמפּאַניע האַלט וואָרט.

איצטער באַקומט יעקב׳ס פאַמיליע די 10 טויזנט, ווי אַנשורענס. צו דער ענדע פון די 20 יאָר וואָלטן זיי דאָס באַקומען, ווי אַז ענדאָומענט. דאַכט זיך, קיין שום אונטערשייד ניט.

עס איז אַריבער די צייט פון טרויער. יעקב׳ס פאַמיליע זעט זיך אַרום, אַז עפּעס זיינען זיי אָפּגענאַרט געוואָרן. זרח׳ס פאַמיליע, מיט וועמען יעקב האָט געהאַט דעם דערמאָנטן אָפּמאַך, האָט באַקומען די זעלביקע 10 טויזנט אינשורענס. אַבער פון דער זעלביקער סומע, וואָס יעקב האָט געצאָלט, האָבן זיי באַקומען פון זרח׳ס ספּעציעלן אַקאַונט ‎$10,202.18. הייסט דאָס, אַז זרח׳ס פאַמיליע האָט באַקומען סיי דעם ענדאָומענט ,סיי די אינשורענס. יעקב׳ס פאַמיליע האָט באַקומען בלויז די אינשורענס. די 10 טויזנט ענדאָומענט האָט די אינשורענס קאָמפּאַניע קאָנפיסקירט פאַר זיך. זעט איר שוין, וואָס פאַר אַ חכם יעקב איז געווען ?

ווען זיי נעמען זיך אויסרעכענען, געפינען זיי אויס נאָך עטוואָס. די צוואַנציקסטע צאָלונג האָט באַטראָפן ‎$420.90 (קאָלום 53). זרח האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט שוין ‎$9,791.58. דער פּראָצענט אויף דעם האָט איין פאַרלויף פון יאָר אָנגעטראָפן ‎$410.50 (קאָלום 56). דער פּראָצענט איז דאָך אויך געבליבן פאַר דער קאָמפּאַניע. מיינט דאָס, אַז פאַקטיש האָבן זיי דעם יאָר באַצאָלט ‎$831.40 קאָלום 57). און וויפיל איז יעקב געווען אינשורט ? אויף וויפיל האָט די קאָמפּאַניע גענומען אַ ריזיקע ? אינגאַנצן אויף ‎$208.42 (קאָלום 58). ווייל ‎$9,791.58 האָבן זיי דאָך געהאַט אָנגעזאַמלט אויף יעקב׳ס חשבון. הייסט דאָס, אַז פאַר ‎$208.42 אינשורענס האָבן זיי פאַקטיש באַצאָלט אַ פּרעמיע פון ‎$831.58, אָדער כמעט 4 מאָל אַזוי פיל, וויפיל די אינשורענס באַטרעפט. פאַר אַ 10 טויזנט דאָלאַרדיקער פּאָליסי, לויט אַזאַ חשבון, האָבן זיי פאַקטיש געצאָלט 40 טויזנט דאָלאַר אַ פּרעמיע. איז דאָס ניט קיין גרויסע חכמה ?

ווען מען וועט דעם „חכם“ שטעלן אַט־די פראַגן, וועט ער אייך נאָך געבן אַזאַ מין ענטפער: איר ווילט מיר איינריידן, אַז איך וועל שטאַרבן. איך בין אָבער אַ געזונטער מענטש. איך וועל זיכער בלייבן לעבן. וועל איך דאָך באַקומען די זעלביקע 10 טויזנט דאָלאַר, פּונקט אַזויפיל, וויפיל זרח.

דאַרף יעקב פונדעסטוועגן וויסן, אַז אַלע וואָס האָבן גענומען פּאָליסים, זיינען געווען געזונט. אָבער פון טויזנט מענטשן, וואָס וועלן נעמען פּאָליסים אין עלטער פון 35 יאָר, וועלן אין די 20 יאָר זיכער אויסשטאַרבן וויינציקסטנס 200. אָט־די 200 זיינען שוין זיכער קיין חכמים ניט געווען. דערצו מוז נאָך יעקב געדיינקען, אַז צוליב דעם, וואָס ער פּרואווט אַרויפצווינגען אויף זיך אַזוינע אומגעהויערע צאָלונגען, וועט דאָס אים צווינגען צו באָרגן געלט בא דער אינשורענס קאָמפּאַניע, אויב אַפילו בלויז פון צייט צו צייט, — וועט ער שוין צום סוף קיין 10 טויזנט ניט באַקומען. ער שטעלט זיך פּאַקטיש אַוועק אין אַ געפאַר אינגאַנצן צו פאַרלירן זיין אינשורענס. אויב די עקאָנאָמישע לאַגע זאָל פאַרערגערט ווערן, וועט ער צוליב די הויכע צאָלונגען צום סוף זיין געצוואונגען אינ־גאַנצן אויפצוגעבן זיין פּאָליסי.

זאָל יעקב אויך געדיינקען, אַז אַרום 18 פּראָצענט פון דעם פאַרמעגן פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס געפינט זיך, ווי הלוואות אין די הענט פון די אינשורטע. דער קריזיס האָט באַוויזן, ווי אַזוי פּאָליסים, וואָס זיינען געווען איבערגעלאָדן מיט „סייווינגס“, האָבן געמוזט אויפגעגעבן ווערן. ווען מיר נעמען שוין אַפילו דאָס יאָר 1935, זעען מיר נאָך אַלץ די שווערקייט פון אָנהאַלטן די ענדאָ־מענט פּאָליסים. דער ווערט פון די ענדאָומענט פּאָליסים האָט צום סוף פון יאָר 1934 באַטראָפן 14½ ביליאָן דאָל. ($14,497,076,773). צום סוף פון יאָר 1935 האָט ער באַטראָפן $14,800,429,423 (11). אין דעם זעלבן יאָר זיינען פאַר פעליקע ענדאָומענטס אויסגעצאָלט גע־וואָרן $61,666,722 (12). עטוואָס מער ווי 61½ מיליאָן דאָלאַר. אויב מיר זאָלן אַפילו רעכענען, אַז כמעט נאָך אַמאָל אַזוי פיל זיינען געשטאָרבן, מיינט דאָס אַרום 120 מיליאָן דאָלאַר; הייסט דאָס, אַז דער צוואוואוקס איז געווען בלויז אַרום 425 מיליאָן דאָלאַר.

די אינשורענס קאָמפּאַניעס גיבן ניט אָן גענוי, וויפיל די נייע ענדאָומענט פּאָליסים פון יאָר האָבן באַטראָפן. וויסן מיר אָבער, אַז ענדע 1935 האָבן אַלע אָרדינערי אינשורענס צוזאַמען באַטראָפן אַרום 72 ביליאָן ($71,963,295,305). און די ענדאָומענט האָבן בא־טראָפן אַרום 15 ביליאָן ($14,800,429,423). 13) דאָס מיינט, אַז וויינציקסטנס 20 פּראָצענט דערפון איז געווען ענדאָומענט.

נייע פּאָליסים זיינען געשריבן געוואָרן אױף איבער 7½ ביליאָן דאָלאַר ($7,584,889,106). ווען מיר זאָלן רעכענען דעם זעלביקן פּראָצענט, ווי די פּראָפּאָרציע פון די אַלע פּאָליסים אין קראַפט, וועט דאָס מיינען, אַז נייע ענדאָומענט־אינשורענס איז געשריבן געוואָרן ווינציקסטנס אױף אַנדערהאַלבן ביליאָן דאָלאַר. דער צו־וואוקס איז געווען בלויז אַרום 425 מיליאָן דאָלאַר. דאָס מיינט, אַז ווינציקסטנס אַ ביליאָן ענדאָומענט אינשורענס איז אין דעם יאָר 1935 אויפגעגעבן געוואָרן. באַטראַכט נאָר די ציפערן: מען האָט אָפּגענומען אין פּעליקן ענדאָומענט 61½ מיליאָן און אויפ־געגעבן ווינציקסטנס אַ ביליאָן. קאָנסערוואַטיוו גערעכנט, מיינט דאָס, אַז פאַר יעדער איינציקער פּאָליסי, וואָס האָט זיך דער־וואַרט צו ווערן פּעליק, זיינען ווינציקסטנס 16 אַנדערע אויפ־געגעבן געוואָרן.

די הויפּט אורזאַכע איז, וואָס מענטשן צווינגען זיך צו שפּאָרן, ווען זיי קענען עס ניט אויסהאַלטן.

מר. שניטמאַן ווייזט טאַקע אָן, אַז 75 פּראָצענט פון אַלערליי פּאָליסים ווערן אויפגעגעבן אין פאַרלויף פון 20 יאָר. 25 פּראָ־צענט ווערן אויפגעגעבן שוין אין די ערשטע 5 יאָר. אַלץ צוליב דער „שפּאָרעריי“. 29)

דער מענטש, וואָס האָט אַ רעניועבל טוירם פּאָליסי איז דער־פאַר אין אַ מער זיכערער לאַגע מיט זיין אינשורענס. ער ריזיקירט ניט מיט דער צוקונפט פון זיין פאַמיליע. מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז ווען איר זייט געצוואונגען אויפצוגעבן אייער פּאָליסי, זייט איר ניט אַלעמאָל אין אַ פיזישן צושטאַנד צו באַקומען אַנדערע אינשורענס. דאָס איז נאָכמער ריכטיק צו דער ענדע פון די 20 יאָר. דער מענטש, וואָס האָט אַ רעניועבל טוירם, בלייבט אויך דעמאָלט אינשורט, אויב ער וויל נאָר. פאַר דעם מענטשן מיט דער ענדאָומענט פּאָליסי איז שוין נאָכדעם שווער צו באַקומען אינ־שורענס.

דער לייענער וועט שוין פאַרשטיין, אַז די 10, 15 און 30־יאָריקע ענדאָומענטס זיינע פּונקט די זעלביקע חכמה, ווי די 20־יאָריקע, וואָס מיר האָבן דאָ אַנאַליזירט.

## 16. פאַלשע באַרעכטיקונג

ווען מען לייענט דורך די פּאַריקע טיילן פון אונזער קאַפּיטל, ספּעציעל דעם טייל וועגן די ענדאָומענט פּאָליסים, שטעלט זיך די פראַגע, ווי אַזוי ווערט אַזאַ געזעצלעכע רויבעריי דערלויבט.

ניט אומזיסט האָט טאַקע דער איצטיקער סופרים קאַרט ריכטער בראַנדעיס אַזוי געשריבן אין זיין בוך „ביזנעס — אַ פּראָפעסיע":

„דער שנעלער פאַרמעגן (קוויק עסעטס) פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס, אַרום 14 ביליאָן דאָלאַר (איצטער שוין אַרום 24 ביליאָן — ה. פּ.), איז אַ געפאַר, ווייל דאָס איז אַ ברוך פון צוטרויען דורך מענטשן, וואָס שטייען הויך אין פינאַנציעלער רעפּוטאַציע. די צאָלונג פון ניט באַרעכטיקטע הויכע געהאַלטן, און דער קאָנטראָל פון געזעצגעבונג און דורך דער פּראַקטיק פון אַבזיכטלעכן און באַוואוסטזיניקן פאַראַט צום פּובליקום". 14)

די אינשורענס קאָמפּאַניעס זוכן זיך אָבער דערפון אַרויסצודרייען דורך פאַרשיידענע תירוצים. זיי שטעלן אַזוי קונציק אַוועק דעם ענין, אַז אויבן אויף קוקט דאָס אויס, אַז זיי זיינען טאַקע גערעכט. איך בין זיכער, אַז די קענער פון אונזער אַנאַליז וועלן באַנוצן ענלעכע פּלפּול־אַרגומענטן.

דזשאָזעף ב. מעקליין פּרובירט פאַרענטפערן די רויבעריי פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס מיט דער דערקלערונג, אַז „דער וואָס פאַרלאַנגט די איבערגעצאָלטע געלט, איז אומוויסנד אין אינשורענס". דאָס באַציט זיך מן הסתם אויך אַפן אַדרעס פון דעם שרייבער פון די שורות. וועלן מיר זען, פאַרוואָס ער באַצייכנט אַזאַ פאַרלאַנג מיט אומוויסנקייט. אָט־וואָס מעקליין שרייבט:

„די ענדאָומענט פּאָליסי באַשטייט פון אַ סייווינגס־פאָנד, וואָס איז גענוג צו פאַרזיכערן די אויסצאָלונג אין דעם טאָג, וואָס די פּאָליסי ווערט פעליק. דער סייווינגס־פאָנד איז קאָמבינירט מיט „טוירם" אינשורענס פאַר דעם אונטערשייד פון דער אָנגעזאַמלטער סומע ביז דעם פולן ווערט פון אינשורענס". 28)

דאָס מיינט, אַז מיט יעדן יאָר פאַרקלענערט זיך די סומע פון

אייער אינשורענס, פונקט אויף אזויפיל, אף וויפיל עס פארגרעסערט זיך דער „סייווינג“. ווילן מיר נאָכאמאָל דערקלערן דעם געלערנטן מר. מעקליין, אז אין די טאבעלן, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט, איז געפירט געוואָרן א פארגלייך וועגן דעם פולן אונטערשייד פון די צוויי צאָלונגען. פונדעסטוועגן האָט זיך צו דער ענדע פון די 20 יאָר, אין פאל פון דעם ענדאָומענט פארגלייך, דאָך געפונען באזונדער אין דעם „סייווינג“ א סומע פון 10 טויזנט דאָלאָר.

מיר וועלן מאכן נאָך א קורצן פארגלייך פון די ערשטע 5 יאָר פון אן ענדאָומענט. אין עלטער פון 35 יאָר באקומט איר בא דער מעטראָפּאָליטען לאַיף א „רעניועבל“ 5-יאָריקע פּאָליסי מיט א נעט קאָסט פון $9.25 פאר טויזנט דאָלאר אינשורענס. אָדער $92.50 פאר $10,000. פאר דער ענדאָומענט צאָלט מען $420.90. מיר וועלן איצט פארגלייכן די אָפּשפּאָרונגען פון יאָר צו יאָר, וויפיל פּראָצענט עס ברייננט אריין און וויפיל עס וועט זיך אָנזאמלען פון דעם אונטערשייד אין די צוויי פארשיידענע צאָלונגען. עקזאַמינירט די טאבעלע, און איר וועט מוזן איינשטימען, אז אונזער חשבון שטימט פולשטענדיק. איר וועט זיך איבערצייגן, אז מר. מעקליין פּרואווט דאָ בלויז מאכן א מאטעמאטישע מאניפולאציע.

## טאבעלע 9.

| עלטער | אין קראַפט | ענדאָומענט פאר צען טויזנט | טוירם פאר צען טויזנט | געשפּאָרט יעדן יאָר | פּראָצענט איינקונפט | אָפּגעשפּאָרטע סומע |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 35 | 1 | $420.90 | $92.50 | $328.40 | $ 9.85 | $ 328.40 |
| 36 | 2 | 420.90 | 92.50 | 328.40 | 20.90 | 666.65 |
| 37 | 3 | 420.90 | 92.50 | 328.40 | 30.45 | 1,015.05 |
| 38 | 4 | 420.90 | 92.50 | 328.40 | 41.22 | 1,373.80 |
| 39 | 5 | 420.90 | 92.50 | 328.40 | 52.27 | 1,742.42 |
| קאָלום 63 | 64 | 65 | 66 | 67 | 68 | 69 |

די טאבעלע באווייזט, אז אפילו אף בלויז 3 פּראָצענט איינקונפט האָט דער אונטערשייד אין די צאָלונגען באטראָפן פאר די 5 יאָר $1,742.42. איז וואו קומט פּאָרט אהין אָט-די אָפּגעשפּאָרטע סומע, ווען דער אינשורטער שטארבט?

פאַרוואָס באַנוצט מר. מעקליין, ווי אויך אַנדערע שרייבער וועגן אינשורענס, אָט־די מאַניפּולאַציע? פּראָפעסאָר הובנער גיט אונז דעם ענטפער. מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס איז טאַקע ניט מער ווי אַ מאַניפּולאַציע. מיר פאַרשטייען אויך, וואָס די מאַניפּולאַציע באַצוועקט. פּראָפעסאָר הובנער שרייבט:

„צום גליק וואַקסט אַ בעסערע פאַרשטענדיקונג, אַז אַ לאַיף אינשורענס פּאָליסי איז אַ קאָמבינאַציע פון טוירם אינשורענס, וואָס האַלט זיך אין פאַרקלענערן, פּלוס אַן אינוועסטמענט, וואָס האַלט זיך אין פאַרגרעסערן. די טוירם אינשורענס וואַקסט צוריק ביז נול. דער אינוועסטמענט וואַקסט ביז 100 פּראָצענט . . . דאָס איז אַ בעסערע לערע, איידער דער אַלטער וועג פון דערקלערן, אַז אַ פּאָליסי באַשטייט פון 2 טיילן: 1) אַ ריינע טוירם אינשורענס פאַר דער גאַנצער סומע פון דער פּאָליסי אַף איר גאַנצן לעבן, און, צווייטנס, אַ ריינער ענדאָומענט פאַר דער זעלביקער סומע, וואָס זאָגט צו די סומע, בלויז אויב מען בלייבט לעבן. ווייל מאַטעמאַטיש איז דאָס גלייכמעסיק (equivalent) צו **דעם** ערשטן פּלאַן פון לערנען. לאָזט אָבער איבער דער פּאָלער טערמין פּלוס ענדאָומענט פּלאַן פילע מענטשן אין צווייפל וועגן דער נויטיקייט פון אַזאַ פּלאַן און אָפטמאָל אויך וועגן זיין מאָראַלישקייט . . . אומעטום האָט דאָס געפירט צו דער אַנטוויקלונג פון קעגנער פון אינשורענס, וועלכע אַרגומענטירן, אַז אינשורענס זאָל ניט זיין פאַרבונדן מיט אינוועסטירונג, ווייל דורך דעם פאַרלירט דער אינשורטער . . . אַזוי איז ניט דער פאַל, אויב מיר באַטראַכטן עס, ווי אַ קאָמבינאַציע פון כסדר פאַרקלענערטע אינשורענס און גלייכצייטיק אַ וואַקסנדיקער אינוועסטמענט“. (15

דער געלערנטער פּראָפעסאָר באַשטעטיקט, אַז מאַטעמאַטיש איז אונזער אָפּשאַצונג אַ ריכטיקע. די מאַניפּולאַציע איז אָבער אַ בעסערע לערע. עס ווענדעט זיך פאַר וועמען! די אינשורענס קאָמפּאַניעס מוזן האָבן אַזאַ לערע צו נאַרן די מאַסן. לויט, ווי ער אַליין גיט צו, הויבן אָן מענטשן צו צווייפלען אין דער נויטיקייט

פון אזא פלאַן. עס קען קומען די „געפאר״, אַז די מאסן זאָלן אויפהערן צו קויפן אזוינע פּאָליסים. עס ווערט געשטעלט די פראגע, צי איז מאָראַליש ניט אומצוקערן דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט? דערפאר די מאַניפולאַציע! עס אַנטוויקלען זיך קעגנער צו דער קאָמבינירונג פון אינשורענס מיט סייווינג. דערפאר מוזן די „געלערנטע״, די „ספּעצן״, באַווייזן, אַז 2 מאָל 2 איז אַ לאָקשן־ברעט. אויב ניט, שטעלט דאָס אין געפאר דעם שם המפורש, וואָס די אינשורענס־קאָמפּאַניעס האָבן צוגעטראַכט, צו באַרויבן די אינ־שורטע, ווי מיר האָבן אַנגעוויזן אין ערשטן קאַפּיטל.

איצטער פאַרשטייען מיר, פאַרוואָס מר. מעקליין פּרוּווט דער־קלערן יעדן איינעם פאַר אומוויסנד, אויב ער פאַרלאַנגט זיינע שווער פאַרהאָרעוועטע אָפּגעשפּאָרטע געלט.

די געבראַכטע באַווייזן זיינען גילטיק ניט בלויז פאַר דער ענדאָו־מענט פּאָליסי. די ענדאָומענט איז בלויז דער שאַרפסטער ביישפּיל. דאָס זעלביקע איז אָבער אויך אמת וועגן דער „טווענטי פּעימענט לאַיף״, וועגן דער „אָרדינערי״ און אפילו וועגן דעם פאַרגלייך צווישן דעם לעוול און סטעפּ רעיט.

מיט דער דערמאָנטער מאַניפּולאַציע וועט געמאַכט ווערן אַ פאַרזוך צו באַרעכטיקן אַלע סאָרטן אַנזאַמלונגען, דורך וועלכע די אינשורטע ווערן באַרויבט. אָבער אַלע ענלעכע פאַרזוכן פאַרדינען דעם זעלביקן ענטפער, וואָס מיר האָבן געגעבן וועגן דער ענדאָו־מענט.

מאַניפולאַציעס מיט ציפערן איז דער הויפּט־מיטל פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס צו באַווייזן די „גליקן״ פון די פאַרשיידענע אינשורענס פאָרמען. מיר זיינען איינשטימיק מיט מ. אַלבערט לינטאָן, אַז: „עס איז אַן אַלטע געשיכטע, אַז דורך ציפערן קען מען באַווייזן, וואָס נאָר מען וויל, אויב מען האָט זיי נאָר ווי געהעריק צעדרייט״. 22)

מר. לינטאָן האָט, ווייזט אויס, גוט געשטודירט די אַלטע געשיכ־טע, ווייל ער איז אַן עקספּערט אין דעם אופן, ווי ער באַנוצט זיך מיט איר. זיין בוך קומט, ווי אַן ענטפער אויף דער וואַקסנדיקער אויסניכטערונג פון דער לעצטער צייט בנוגע די פאַלשע אילוזיעס, וואָס די אינשורענס קאָמפּאַניעס האָבן געשאַפן.

אין זיין בוך ווייזט ער אַרויס זיין גאַנצע „קונסט“. מיר וועלן עס אילוסטרירן מיט עטלעכע געציילטע ביישפּילן:

א) ער פירט, למשל, דורך אַזאַ פאַרגלייך:

„אַ פאַרגלייך פון אַ רעלאַטיוון קאָסט פון אַנהאַלטן רע־ניועבל טוירם אינשורענס און אָרדינערי לאַיף פּאָליסים ביז דעם עלטער פון 65 וועט זיין אינטערעסאַנט . . . נעם דעם עלטער פון 35 פאַר אַ ביישפּיל. פאַר יעדע $100 איינגעצאַלט אַף אַ רעניועבל טוירם אינשורענס דורך די 30 יאָר, וועלן איינגעצאַלט ווערן $103.00 פאַר אַן אָרדינערי פּאָליסי. און גלויב דאָס, צי ניט, די אָרדינערי פּאָליסי וועט פאַרמאָגן אַ קעש־ווערט פון $87 אין דעם עלטער פון 65 יאָר. די רעניועבל טוירם וועט גאָרניט פאַרמאָגן“. 23)

דאַכט זיך, אַז מיט איין שטריך האָט ער פאַרניכטעט אונזער גאַנצע אַרגומענטאַציע? מיר וועלן בעטן דעם לייענער נאָך אַ מאָל פּאָרזיכטיק צו עקזאַמינירן אונזער טאַבעלע 6 אַף זייט 72 און אויך דעם גאַנצן אַנאַליז פאַרבינדן מיט די אָרדינערי צאָלונגען אַף די זייטן 70 — 80. ער וועט זיך דעמלט איבערצייגן, ווי אַזוי מר. לינטאָן מאַניפּולירט מיט ציפערן.

1) דעם קאָמפּאַונד אינטערעסט רעכנט ער ניט, כאָטש ער גיט צו, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסער אונטערשייד. 24) 2) ער פאַר־זעט אַבזיכטלעך, אַז דעם קעש־ווערט באַקומט מען פּאַקטיש ניט (וועט מר. לינטאָן ראַטן אַ 65־יאָריקן מאַן, ער זאָל אויפגעבן די אינשורענס און נעמען דעם קעש־ווערט?), ווייל מען האַלט דאָך אַז די פּאָליסי ביז׳ן טויט. אָט־וואָס ער אַליין שרייבט וועגן דעם:

„נעם, צום ביישפּיל, אַ טיפּ פון לאַיף אינשורענס, פאַר־גלייך, אין וועלכן אַ ניט פריינטלעכער קריטיקער אָרגאַניזירט די ציפערן צו איבערטרייבן דעם איינדרוק . . . ער וויל עפּעס וואָס זאָל באַצווינגען די צושויער. צוליב דעם קאָנצענט־רירט ער זיך אַף דעם נעט קאָסט פון דער פּאָליסי אונטער דער פאָרשטעלונג, אַז די פּאָליסי וועט ווערן אויפגעגעבן פאַר׳ן קעש־ווערט“. 25)

באַנוצט דאָ ניט מר. לינטאָן די זעלביקע איבערטרייבונג, וועלכע

ער אַליין האָט פריער געזוכט אויסצולאַכן, ווען אים האָט זיך גע־לוינט? ער אַליין שרייבט דאָך:

„פאַר יעדן־פאָליסי־אייגנטימער, וועלכער שטאַרבט, איז ניט גילטיק דער מעטאָד פון אויסרעכענען דעם נעט־קאָסט פון צוויי ענלעכע קאָנטראַקטן, וואָס רעכנט אַרונטער דעם קעש־ווערט פון דעם אַלגעמיינעם לויפנדיקן קאָסט פאַר אַ באַשטימטן פעריאָד. די לויפנדיקע אויסגאַבן פון יאָר צו יאָר איז דער מער וואַרשיינלעכער מעטאָד. דערפאַר איז נויטיק צו באַשטיין, אַז דער פאַרגלייך פון קאָסט זאָל זיין פולשטענדיק געמעסטן צו דערציילן די גאַנצע געשיכ־טע". 26)

מר. לינטאָן איז פאַקטיש איינשטימיק און באַשטעטיקט אונ־זער „פון יאָר צו יאָר" מעטאָד פון אויסרעכענען. ער באַשטעטיקט אויך, אַז דעם קעש־ווערט באַקומט מען פאַקטיש קיינמאָל ניט. אויב יע אַזוי, טאָ פאַרוואָס דערציילט פריער מר. לינטאָן וועגן דעם גליק פון דעם 87$ קעש־ווערט?

3) מר. לינטאָן פאַרגעסט אויך, אַז אין די 30 יאָר, אויף וועלכע ער פּרובירט אָנווייזן (פון 35 ביז 65) וועלן אויסשטאַרבן אַרום 400 פון יעדע טויזנט אינשורטע. אין פאַרלויף פון די ערשטע 20 יאָר האָבן זיי געקענט באַזאָרגן זייערע פאַמיליעס מיט 2 מאָל אַזוי פיל אינשורענס. איז דאָס ניט בעסער, איידער אַ פאַלשע אילוזיע פון אַ קעש־ווערט, וועלכן זיי וועלן קיינמאָל ניט אָנזען?

4) מר. לינטאָן האָט פאַר זיין פאַרגלייך אויסגעקליבן די אָר־דינערי לאַיף פאָליסי, אַנשטאָט צו פירן אַ פאַרגלייך מיט דער טווענטי פּעימענט און ענדאָומענט. מר. לינטאָן טוט דאָס דערפאַר, ווייל די אָרדינערי פאָליסי איז פאַרהעלטניסמעסיק די בעסטע פון די אַלע אַנדערע. אָבער אויך זי איז שלעכט געמעסטן.

ב) מר. לינטאָן פאַרלאָזט זיך ניט אינגאַנצן אויף דער מאַניפּו־לירונג מיט די ציפערן צו דערגרייכן זיין ציל. ער פּרואווט אויך באַגרינדן, פאַרוואָס מענטשן זאָלן מורא האָבן צו נעמען די רעניועבל טוירם. ער דערציילט, ווי עס איז אונטערגעגאַנגען די „פּראָווידענט סייווינגס לאַיף אינשורענס סאָסייטי" פון ניו־יאָרק דערפאַר, וואָס

זי האָט כּלומר׳שט אָפּעריִרט אויף דעם באַזיס פון רעניועבל טוירם אינשורענס. 27)

אין דער געשיכטע פון אַמעריקע איז באַקאַנט, אַז עס זיינען אונטערגעגאַנגען אויך צענדליקער אינשורענס קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן זיך גראַד אָפּגעגעבן מיט אַנדערע אינשורענס־פאָרמען. מיט וואָס וועט מר. לינטאָן דערקלערן זייער אונטערגאַנג?

די הויפּט־אורזאַך איז די, וואָס די אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען אינסטיטוציעס פאַר פּראָפיטן. כּדי צו מאַכן פּראָפיטן, זיינען די קאָמפּאַניעס ניט צופיל איבערקלייבעריש אין זייערע מע־טאָדן. דערפאַר אַזויפיל אונטערגעגאַנגענע אינשורענס קאָמפּאַניעס.

ג) מר. לינטאָן פּרואווט אויך אָנווייזן, אַז געדאַנקען וועגן דעם הויכן קאָסט פון אינשורענס קומען אויף אין פאַרבינדונג מיט׳ן עקאָנאָמישן קריזיס פון די 30־ער יאָרן. מיר זיינען מיט אים דאָ מסכּים. דער קריזיס האָט אַרויסגערוקט די גאַנצע שאַרפקייט פון דער ניט־זיכערקייט פון די מאַסן. דער קריזיס האָט פאַרניכטעט אַלע אילוזיעס, אַז אָרעמקייט ווערט פון זיך אַליין אָפּגעשאַפט, אַז עס איז בלויז אַ פראַגע פון צייט.

פאַר׳ן קריזיס האָבן די אינשורענס קאָמפּאַניעס געקענט זיין דערפאָלגרייך אין פאַרשטאַרקן אַזוינע אילוזיעס וועגן פּאָליסים מיט קעש־ווערט, ענדאָומענט און נאָך אַזוינע גליקן. די מאַסן האָבן זיך געלאָזט איינריידן פון דעם געוועזענעם פּרעזידענט הואווער, אַז די פּראַגע איז שוין בלויז וועגן אַן אויטאָמאָביל אין יעדן גאַ־ראַזש און אַ צווייטער „טשיקן" אין יעדן טאָפּ.

איז געקומען דער קראַך פון 1929. אין נאָוועמבער פון יענעם יאָר זיינען 120 מיליאָן מענטשן אַרויסגעפאַלן פון די ווייכע בעטן, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעבעטן אין זייער פאַנטאַזיע. זיי האָבן קלאָר דערזען די נאַקעטע ווירקלעכקייט פון ניט־זיכערקייט.

אין דעם מאָמענט פאַרשטאַרקט זיך די אויסניכטערונג פון די פאַלשע אילוזיעס. אין דעם מאָמענט ווערט געבוירן דער פּראָלע־טאַרישער פּראַטערנאַליזם. מר. לינטאָנ׳ס מאַניפּולאַציעס מיט צו־פערן וועלן ניט העלפן. די עקאָנאָמישע ניט־זיכערקייט פון די מאַסן איז געוואָרן דער באַזיס פון דעם פּראָלעטאַרישן פּראַטערנאַ־ליזם.

## 17. דיווידענדס צו די אינשורטע

די אַלע פּאָליסים, וואָס מיר האָבן ביז איצטער אויסגערעכנט, זיינען אַזוינע, וואָס מען רופט „נאָן־פּאַרטיסיפּייטינג“, דאָס הייסט, אַזוינע, וואו דער אינשורטער באַקומט ניט קיין פּראָצענטן (דיווידענדס).

די אינשורענס קאָמפּאַניעס באַמיען זיך אָבער צו פאַרקויפן פּאָליסים, וועלכע זאָלן אויך טראָגן פּאַרדינסטן. זיי ווילן דעם אינשורטן אַריינעמען פאַר אַ שותף. דער געשעפט איז אַ געהויבענער. פאַרוואָס זאָלט איר טאָקע ניט ווערן קיין שותף צו די געשעפטן פון דער מעטראָפּאָליטען אָדער אַנדערע אינשורענס קאָמפּאַניעס? באַזונדערס, ווען זיי בעטן זיך ממש בא אייך!

פאַרקויפן זיי אייך פּאָליסים, וואָס הייסן „פּאַרטיסיפּייטינג“ („אַנטיילנעמענדיקע“). אַזאַ פּאָליסי, לויט איר גרויס און עלטער, באַקומט יעדן יאָר אַ טייל פון די פּראָפּיטן. די דיווידענדס נעמט איר אַרונטער, ווען איר מאַכט אייערע צאָלונגען. איר קענט זיי אויך אָנזאַמלען בא דער אינשורענס קאָמפּאַניע, אָדער נעמען גרעסערע אינשורענס, אָדער אויפהערן צו צאָלן בא אַ געוויסן עלטער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען איר ווילט ווערן אַ שותף, דאַרפט איר עפּעס אַריינלייגן אין געשעפט. צוליב דעם דאַרפט איר צאָלן אַ העכערן אָפּצאָל. דער אינשורטער איז צופרידן. ער זאָרגט זיך ניט וועגן דעם העכערן אָפּצאָל, ווייל וואָס מער ער צאָלט, וועט ער דאָך מסתמא האָבן אַ גרעסערן חלק אין דעם געשעפט. וויפיל צאָלט ער עקסטרע?

### טאַבעלע 10.

| | 20 יאָר ענדאַומענט פאַר 10,000 אינשורענס | טווענטי פּיימענט לייף | אָרדינאַרי לייף |
|---|---|---|---|
| אַנטיילנעמער (פּאַרטיסיפּייטינג) | $519.10 | $383.40 | $281.10 |
| ניט־אַנטיילנעמער (נאָן־פּאַרטיסיפּייטינג) | 420.90 | 278.20 | 200.60 |
| איבערגעצאָלט, כדי צו באַקומען דיווידענדס | $ 98.20 | $105.20 | $ 80.50 |

דאָס געלט, וואָס איר צאָלט איין, איז ניט קיין אינוועסטמענט. דורך וועלכן מען וועט באַקומען פּראָפיטן און ווען עס איז אויך דעם קרן. דורך די פּראָפיטן וועט איר בלויז באַקומען צוריק אַ קליינעם טייל פון דעם געלט, וואָס איר האָט איבערגעצאָלט. אין פאַרלויף פון אַ לאַנגען פּעריאָד וועט איר אין בעסטן פאַל אַרויסבאַקומען די גאַנצע איבערגעצאָלטע סומע. צוליב דעם מוזט איר לעבן זייער לאַנג און האַלטן זיך מיט דער פּאָליסי. ביידע זאַכן זיינען אָבער ניט גאַראַנטירט. אַ מענטשלעך לעבן, ווייסן מיר, האָט אַ גרעניץ. דאָס דורכשניטלעכע לעבן פון אַ פּאָליסי איז 7 יאָר. בלויז 23 פּראָצענט דערלעבן ביז 20 יאָר. איז אַפילו דאָס אַ פיל קורצערער פּעריאָד, איידער איר קענט אַרויסקריגן אייערע איבערגעצאָלטע געלט. באַקומט זיך, אַז אַנשטאָט דער אינשורטער זאָל ווערן אַ שותּף צו די פּראָפיטן, ווערט די אינשורענס קאָמפּאַניע אַ שותּף צו זיינע איבערגעצאָלטע געלטער.

דאָס איז די ווירקלעכקייט פון אייער חלום צו ווערן אַ שותּף אין דעם גרויסן געשעפט. ווען דער אינשורענס־אַגענט זוכט אייך אַנצוגעבן אין נדן די דיווידענדס, פרעגט זיך פריער נאָך, וויפיל וועט איר דאַרפן צוטראָגן צום געשעפט.

פון דעם געזאָגטן קענט איר שוין זען, אַז וויפיל די אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען „מיוטשועל‟, דאָס הייסט, שותּפות׳דיקע. די שותּפות איז בלויז אַן אויסרייד אַרויסצוקריגן פון אייך עקסטרע־געלט.

פונדעסטוועגן האָט דער אינשורטער אַ געזעצלעכע רעכט צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן פאַר אַ „באָרד אָוו דירעקטאָרס‟. דאָס מיינט, דער אינשורטער באַנוצט די רעכט צו דערוויילן די פאַר־וואַלטונג פון דער אינשורענס קאָמפּאַניע. וועלן זיך פילע אָנכאַפּן אַן אַזאַ רעכט. זיי וועלן דיינקען, אַז מען קען דורכדעם לייזן די פּראָבלעם פון רעאָרגאַניזירן די אינשורענס קאָמפּאַניעס, כדי זיי זאָלן דינען די אינטערעסן פון די אינשורטע.

דערוויסן מיר זיך פון מר. שניטמאַן, ווי אַזוי די וואַלן ווערן דורכגעפירט. עס איז די אמת׳ע דעמאָקראַטיע!

אין די וואַלן פון יאָר 1932 אין דער „מיוטשועל לאַיף אינשורענס קאָמפּאַני‟ האָבן געשטימט . . . 74 מענטשן פּערזענלעך און

7,276 — דורך פּראָקסים. פון ניין הונדערט טויזנט אינשורטע אין דער „ניו־יאָרק לאַיף“ האָבן אין 1908 געשטימט . . . 62, אין 1909 — 32, און אין 1911 — 41.

אַזאַ איז די שותפות פון די פּאָליסי־אייגנטימער! איז דען אַ וואונדער, וואָס די פאַרוואַלטער פון די געשעפטן, וואו איר זייט אַ שותף, באַקומען אַזוינע ריזיקע געהאַלטן.

אין 1932, ווי אין אַלע קריזיס־יאָרן, האָבן די פּרעזידענטן פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס באַקומען די פאָלגנדיקע געהאַלטן:

מעטראָפּאָליטען — 200 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר
מיוטשועל לאַיף — 125 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר
ניו־יאָרק לאַיף — 125 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר
עקוויטייבל — בלויז 100 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר

די ניו־יאָרק לאַיף האָט 10 וויים־פּרעזידענטן מיט געהאַלטן צווישן 25 און 55 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. דריי ערשטע וויים־פּרעזידענטן פון דער מעטראָפּאָליטען באַקומען צו 55 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. די צווייטע וויים־פּרעזידענטן — צווישן 42 און 48 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. אויסער זיי באַקומען נאָך 14 אַנדערע וויים־פּרעזידענטן צווישן 16 און 40 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

פאַר די פירער פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס, ווי איר זעט, איז גאָר ניט אַזוי שלעכט צו האָבן די אינשורטע פאַר שותפים.

מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז דורך פאַרוואַלטן אַזוינע ריזיקע פאַרמעגנס קומען אַריין היפּשע „זייטיקע“, אומדירעקטע פאַרדינסטן, וואָס באַטרעפן אפשר נאָכמער, ווי די אָפיציעלע געהאַלטן.

אָט־דאָס איז דאָס בילד פון דעם „קאָאָפּעראַטיוון“, שותפות׳דיקן געשעפט, פון וואַנען דער אינשורטער דערוואַרט צו באַקומען דיווידענדס. די אינשורענס קאָמפּאַניעס צאָלן טאַקע דיווידענדס. אָבער די דיווידענדס זיינען בלויז אַ טייל פון דעם, וואָס דער אינשורטער צאָלט איין עקסטרע, כדי צו באַקומען די דיווידענדס.

## 18. אַניואיטים

אין די לעצטע יאָרן איז שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אַ פּאָליסי, וואָס מען רופט „אַנואיטי“. דאָס מיינט, אַזאַ סאָרט פּאָליסי, דורך וועלכער דער אינשורטער פאַרזיכערט זיך מיט אַן איינקונפט פאַר אַ צאָל יאָרן פון זיין לעבן.

אַזוינע פּאָליסים וועלן נאָך איצטער ווערן מער פּאָפּולער. די אינשורענס קאָמפּאַניעס נוצן אויס די שטימונג אַרום דער איינפירונג פון דעם „סאָשל סעקיוריטי“ געזעץ. זיי זוכן דערגרייכן יענע טיילן פון דער אַרבעטער באַפעלקערונג, וועלכע קענען ניט געניסן פון דעם געזעץ. זיי וועלן אויסנוצן דעם קליינבירגער, דעם מיטל קלאַס און אַפילו יענעם טייל פון די אַרבעטער, וועלכער גע־ניסט פון דעם געזעץ. אין דעם פאַל מיט דער לעצטער קאַטעגאָריע באַמיען זיי זיך אויסנוצן די ניט־גענוגנדיקייט פון דעם געזעץ, ספּעציעל פאַר די מיטל־יאָריקע אַרבעטער. די אינשורענס קאָמ־פּאַניעס פּרואוון אויסצונוצן די אַלע עלעמענטן, ווי אַ נייעם קוואַל פון פּראָפיטן.

אָט־די פאָרמע פון פּאָליסים האָט באַזונדער גענומען ווערן פּאָ־פּולער נאָכ'ן אויסברוך פון דעם קריזיס. צענדליקער טויזנטער קליינבירגער און בעסער־באַצאָלטע אַרבעטער האָבן פאַרלאָרן זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער. צוזאַמען מיט דעם האָבן זיי פאַרלאָרן זייער אילוזיע פון זיכערקייט, וואָס האָט זיך בײַ זיי געשאַפן אין די יאָרן פון „פּראָספּעריטי“. די, וואָס האָבן נאָך עטוואָס געראַטעוועט, און די, וואָס האָבן אף זיך גענומען לעבן מיט „רעכענונג“, האָבן גענומען זוכן מיטלען קעגן דעם אָפּגרונט פון ניט־זיכערקייט. אַזאַ עלעמענט איז געוואָרן אַ קוואַל פאַר די אַפּעטיטן פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס דורך העלפן אָט־די מענטשן צו זיין כלומר'שט „פאַר־זיכערט“.

זייער אַ סך מענטשן קוואַפּען זיך אין אַזאַ פאַרזיכערונג. צווישן די קרבנות געפינען זיך אַפילו פּראָלעטאַרישע עלעמענטן.

אַן „אַנואיטי“ פּאָליסי מיינט, אַז דער אינשורטער זאָל פון אַ געוויסער צייט אָן באַקומען אַ מאָנאַטלעכן אָדער יאָרלעכן איינ־קונפט. דער איינקונפט ווענדעט זיך אין דער סומע, וואָס מען צאָלט איין, ווי אויך אין דעם עלטער. עס ווענדעט זיך אויך, אויב

אַזאַ איינקונפט זאָל זיין פאַר'ן גאַנצן לעבן, אָדער פאַר אַ באַ־שטימטער צאָל יאָרן. ס'איז אויך מעגלעך צו באַזאָרגן אַזאַ איינ־קונפט פאַר אַ יורש.

פאַר אַנואיטיס קען מען מאַכן אַן איינמאָליקן אַפּצאָל, און באַלד נאָכדעם אָנהויבן באַקומען דעם באַשטימטן איינקונפט. מען קען אויך אויסצאָלן די גאַנצע סומע אין 5, 10, 20 אָדער מער יאָרן. בײַ דער ענדע פון דעם באַשטימטן טערמין הויבט מען אָן באַקומען דעם איינקונפט. ביז דאַן איז מען אָפּטמאָל בלויז אינשורט. אָפּט־מאָל בלייבט די גאַנצע איינגעצאָלטע סומע בײַ דער אינשורענס קאָמפּאַניע. עס ווענדעט זיך אָן דער פאָרמע פון דער פּאָליסי.

אַזוינע איינצאָלונגען זיינען נאָך אַ שאַרפערע פאָרמע פון „סייווינגס". ביז איצטער האָבן מיר שוין, דוכט זיך, קלאָר באַוויזן, אַז אויב עמיצער קען שפּאָרן פון זיין איינקונפט, זאָל ער דאָס טאָן אַליין, און ניט דורך דער אינשורענס קאָמפּאַניע. אונזער פרי־ערדיקער אַנאַליז איז נאָכמער גילטיק אין דעם פאַל. וואָס גרע־סער עס איז די סומע, וואָס מען „מוז" שפּאָרן, אַלץ מער מוז דאָס אויסגעמידן ווערן, ווייל אייער שפּאָרן איז בלויז פאַר דער אינ־שורענס קאָמפּאַניע און ניט פאַר אייך אָדער אייער פאַמיליע.

ווען מען זאָל אַנאַליזירן גענוי די פאַרשיידענע פאָרמען פון „אַנואיטי"־פּאָליסיס, מוז מען קומען צום שלום, אַז זיי זיינען נאָך ערגער פאַר דעם אינשורטן, ווי אַלע אַנדערע פאָרמען פון קאַפּיטאַ־ליסטישער אינשורענס. אַזאַ אויטאָריטעט, ווי מעקליין מוז צוגעבן:

> „עס איז אַ פאַרגרעסערטע טענדענץ צו אַדאַפּטירן ספּע־ציעלע פאָרמען פון אינשורענס. אַ טענדענץ, וואָס האָט שוין איינמאָל זיך אַרויסגעוויזן . . . צו דערגרייכן אַ פּונקט, וואָס אַפילו די רעגירונג איז געווען געצוואונגען איינצופירן באַשרענקונגען. אַזאַ טענדענץ דאַרף און וועט וואַרשיינ־לעך זייער שטאַרק געהיט און קאָנטראָלירט ווערן פון די אינשורענס דעפּאַרטמענטס, כדי אויסצומיידן די ווידערהאָ־לונג פון די קאָמפּליקאַציעס, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין די אַלטע פאָרמען פון אינשורענס". 16)

דאָס באַווייזט, אַז אַזוינע פּאָליסיס גרעניצן זיך מיט די אָפענע שווינדלען אין אינשורענס, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם אין

די 90־ער יאָרן, אין דער צייט פון די אונטערזוכונגען אין דעם שטאַט ניו־יאָרק.

מיר וועלן ניט אריינגיין אין קיין גענויער אונטערזוכונג פון די פארשיידענע פאָרמען פון די אַנואיטיס. מיר וועלן בלויז איבער־געבן עטלעכע פאַקטן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזוינע פּאָליסים.

א) די אינשורענס קאָמפּאַניעס באַנוצן זיך געוויינלעך מיט אַזאַ פאַרעלטערטער טאַבעלע, ווי „די אַמעריקען עקספּיריענס" 17). ווען עס קומט אָבער צו אַנואיטיס, רעכענען זיי די צאָלונגען לויט אַ טאַבעלע פון דער ווייטער צוקונפט, אַן אַזוינערופענע „פּראָיעק־טירטע טאַבעלע", וואָס דאַרף באַווייזן, אַז די שטערבלעכקייט וועט זיין אַ קלענערע.

די אורזאַכן זיינען קלאָר. אין געוויינלעכע אינשורענס קענען זיי מאַכן מער פּראָפיטן, ווען זיי רעכענען לויט אַן אַלט־פרענקישער טאַבעלע. אין אַן „אַנואיטי" אינשורענס דוכט זיך זיי, אַז זיי וועלן ניט מאַכן גענוג דורך דער פאַרעלטערטער טאַבעלע, שאַפן זיי אַ טאַ־בעלע פון דער צוקונפט, כדי צו פאַרגרעסערן די פּראָפיטן.

ב) די גרויסע צאָלונגען זיינען אַן צווייפל אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס אַ גרויסע סומע ווערט פאַרשווענדעט אף צו צאָלן אוי־סערגעוויינלעכע קאָמישנס און אויך ענלעכע אויסגאַבן. פאַר דער געפעליגקייט, וואָס מען „באַזאָרגט אייך", הייסט מען זיך זייער גוט באַצאָלן. דאָס געצאָלט קומט פון דעם אינשורטנס קעשענע. די ריזיקע קאָמישנס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ברייט־אַדווערטייזטער פּאָפּולאַריטעט פון אַזוינע פּאָליסים. זיי זיינען אַזוי פּאָפּולער ניט דערפאַר, ווייל זיי זיינען טאַקע בעסערע פּאָלי־סיס, נאָר ווייל פאַר די בראָקערס, אַגענטן און אינשורענס קאָמפּאַ־ניס לוינט זיך אַזוינע פּאָליסיס ספּעציעל צו אַדווערטייזן. זיי מאַכן דערביי ריזיקע פּראָפיטן. דאָ מוז מען אָנווענדן דעם כלל: אף וויפיל דאָס איז גוט פאַר די בראָקערס און אינשורענס קאָמפּאַניעס, אף אַזויפיל איז עס שלעכט פאַר דעם אינשורטן.

אפילו מר. מעקליין גיט צו, אַז אַזוינע פּאָליסיס זיינען אַמ־בעסטן צוגעפּאַסט פאַר אַזעלכע, וואָס ווילן זיך באַזאָרגן אַזוי לאַנג, ווי ער לעבט און דאַרף קיינעם ניט באַזאָרגן נאָך זיין טויט. 18)

און פּראָפעסאָר הובנער דערקלערט עס אַף אַזאַ אופן:

„אַזאַ אינשורענס איז אויך זייער ווערטפול פאַר יענע, וואָס האָבן דורכ'ן לעבן אָנגעזאַמלט, לאָמיר זאָגן, 10 טויזנט דאָלאַר, און זיי האָבן ניט ווּעמען איבערצולאָזן דאָס געלט נאָכ'ן טויט . . . אויב ער אינוועסטעט דאָס געלט אויף אַרום 4 פּראָצענט, האָט ער ניט גענוג פון וואָס זיך אויסצוהאַלטן. נעמען געלט פון דעם קערן, האָט ער מורא, ווייל טאָמער לעבט ער זייער לאַנג, וועט ער שפּעטער בלייבן אינגאַנצן אָן מיטלען . . . אַזאַ מענטש קען זיך באַשיצן מיט דעם, וואָס מען רופט „אַנואיטי". דאָס איז אַזאַ אָפּמאַך, דורך וועלכן די קאָמפּאַניע זאָגט צו צו געבן דעם באַטרעפנדן אַ באַשטימטע יאָרלעכע סומע אַזוי לאַנג, ווי ער לעבט . . . זי מאַכט אויס אַרום 9 פּראָצענט. וואָס עלטער ער איז, אַלץ מער געלט וועט ער יאָרלעך באַקומען . . . די קאָמפּאַניעס קענען דאָס טאָן, ווייל די שטערבלעכקייט אין יענעם עלטער איז אַ גרויסע. אַזוי ווי די צאָלונגען הערן אויף, ווען יענער שטאַרבט . . . אין אַזאַ פאַל ווערט דאָס איבעריקע געלט פאַרהאַלטן פון דער אינשורענס קאָמפּאַניע פאַר דעם בענעפיט (?) פון די איבערגעבליבענע פאַרזיכערטע". 19).

פּראָפעסאָר הובנער ברענגט אַרויס נאָך שטאַרקער דעם כאַראַקטער פון אַזאַ אינשורענס אין אַ צווייטן אָרט:

„איינפאַך גערעדט, — שרייבט ער, — איז אַן אַנואיטי אין איר ריינער פאָרמע אַ פּאָליסי, וואָס פאַרמאָגט אַ מיסיע סיסטעמאַטיש צו ליקווידירן אַ פאַרמעגן (אוי, ליקווידירט מען! — ה. פּ.) אין פאַרלויף פון אַ צאָל יאָרן. דער גאַנצער פאַרמעגן ווערט ליקווידירט און קיין זאַך ווערט ניט אומגעקערט אין פאַל פון טויט . . . ס'איז, הייסט עס, פּונקט דער היפוך פון אינשורענס. מען קען אים איינצאָלן אַף איין מאָל און מען קען אים אויסצאָלן אין פאַרלויף פון יאָרן . . . זאָל קומען אַ טויטן-פאַל אין פאַרלויף פון דער צאָל יאָרן, ווערט קיין זאַך ניט אומגעקערט פון דעם איינגעצאָלטן געלט". 20)

אין דעם שטעקט דער הויפּט־טשוואַק פון דער גאַנצער געשיכטע. די אינשורענס קאָמפּאַניע איז זייער פּאָרזיכטיק אויסצורעכענען דורך אַ פּראָיעקטירטער טאַבעלע פון דער קלענסטער שטערבלעכקייט, אַז די צאָלונגען זאָלן זיין גרויס גענוג צו דער אינשורענס קאָמפּאַניע און גלייכצייטיק מיינט דאָס, אַז די צאָלונגען צו די אַנואיטאַנטן זאָלן זיין וואָס קלענערע. דורך די קליינע צאָלונגען זאָל די אינשורענס קאָמפּאַניע זיין געזיכערט צו קענען דעקן אַלע מעגלעכע אויסגאַבן ביז דעם טיפסטן עלטער. אָבער פון יעדן איינעם, וואָס שטאַרבט פריער, בלייבט בא דער אינשורענס קאָמפּאַניע דאָס געלט, וואָס די אַנואיטאַנטן האָבן גערדאַרפט באַקומען.

מען דאַרף געדיינקען, אַז אַזוינע פּאָליסים ווערן כמעט שטענדיק גענומען פון מיטליאַריקע און עלטערע מענטשן. צווישן זיי איז די שטערבלעכקייט אַ גרויסע.

פון יעדן פאַרשטאָרבענעם געווינט די אינשורענס קאָמפּאַניע. זייער זעלטן פּאַסירט, אַז עמיצער זאָל לעבן לענגער, ווי די אינשורענס קאָמפּאַניע האָט אויסגערעכנט.

דאַרף מען דערפון דריינגען, אַז מענטשן, וואָס האָבן פּאַראַנטוואָרטלעכקייטן צו גאָר נאָענטע אָדער אפילו צו ווייטע קרובים, טאָרן וועגן אַזעלכע פּאָליסים ניט טראַכטן. צוליב אַ פאַלשער אילוזיע טאָרן זיי ניט פאַרראַטן זייערע אינטערעסן פאַר דעם בענעפיט פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס.

נאָכדעם ווי דאָ זיינען אונטערזוכט געוואָרן אַלע פאָרמען פון אינשורענס, מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז דער ארבעטער און ארימער קליינבירגער קען קיינמאָל ניט לייזן זיין עקאָנאָמישע ניטזיכערקייט דורך אינשורענס פון די קאַפּיטאַליסטישע אינשורענס קאָמפּאַניעס. מען באַצאָלט אַן אומגעהויער גרויסן פרייז און די בענעפיטן זיינען נישטיקע.

און פולשטענדיק גערעכט איז דעריבער פּראָפעסאָר מאָוברײ, ווען ער שרייבט:

„דער אויספיר איז די אומפאַרמיידלעכע אַנערקענונג, אַז פּריוואַטע פאַרזיכערונג האָט ניט פונקציאָנירט אַזוי, אַז זי זאָל קענען פאַרזאָרגן די אינדוסטריעלע קלאַסן מיט גענוגנ־

דיקער פאַרזיכערונג קעגן די לויערנדיקע געפאַרן . . . און זיי וועלן וואַרשיינלעך קיינמאָל בעסער ניט פונקציאָנירן". 21)

די מאַסן בלייבן עקאָנאָמיש הילפלאָז. ס'שרייט אַרויס זייער עקאָנאָמישע ניט־זיכערקייט. די אינשורענס קאָמפּאַניעס נוצן אויס די ניט־זיכערקייט פאַר פּראָפיטן. דערפאַר איז לאַיף אינשורענס אונטער'ן קאַפּיטאַליזם אַ וויכטיקער קלאַסן־פאַקטאָר. און דער פּראָלעטאַרישער פראַטערנאַליזם האָט דאָ אַ וויכטיקע עקאָנאָמישע באַזע. אָבער וועגן דעם וועט זיךריידן אינ'ם קומענדיקן קאַפּיטל.

## פינפטער קאַפּיטל

19) אינשורענס אין די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.
20) צאָלונגען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.
21) דער פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם אין דער טעגלעכער פּראַקטיק.
22) די צאָלונגען פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן אין פאַרגלייך מיט טוירם אינשורענס.
23) די צאָלונגען אין דעם אַרבעטער רינג.
24) די צאָלונגען אין דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

---

## 19. אינשורענס אין די פראַטערנאַלע אָרדנס

די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע זיינען אויפגעקומען, ווי דער קאָלעקטיווער פאַרזוך פון די מיטגלידער צו לייזן דעם איבל פון דער עקאָנאָמישער ניט־זיכערקייט. אַזוינע אָרגאַניזאַציעס זיינען ענג פאַרבונדן מיט די אינטערעסן, נויטן און פּראָבלעמען פון דער מיטגלידערשאַפט. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, אַז אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זוכן די בעסטע מיטלען, ווי אַזוי צו לייזן די נויטן פון די מיטגלידער.

ווען מיר אונטערזוכן אָבער די פאָרמען פון אינשורענס אין די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז דאָ פילט זיך ניט אַלעמאָל דער אויסדרוק פון די בעסטע אינטערעסן

פאַר די מיטגלידער: די מערסטע פּראָפעסיאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פאַרמאָגן אַ פאָרמע פון אינשורענס, וואָס איז כמעט די זעלביקע, ווי אין די פּריוואַטע אינשורענס־קאָמפּאַניעס.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פון 172 פּראָפעסיאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געבויט אויף וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען, פאַרמאָגן 106 פון זיי כמעט אַלע פאָרמען פון לאַיף אינשורענס, ווי די אָרדינערי לאַיף, טווענטי פּעימענט לאַיף און ענדאָומענט, מיט אַלע זייערע פאָרצוגן און פעלערן. וואָס מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן באַם אַנאַליזירן די פּאָליסים פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס. 1)

די אַלע אָרגאַניזאַציעס פאַרמאָגן קעש־ווערטן, „פּעיד אָפּ" אינשורענס און „סייווינגס", וואָס זיינען קעגן די אינטערעסן פון זייערע מיטגלידער. אַזעלכע אינשורענס דערלויבט ניט דעם אָרימען מענטשן זיך צו פאַרזיכערן אויף דער מעגלעכסט־גרעסטער סומע צוליב די הויכע צאָלונגען פון לעוועל רעיט מיט דער קאָמבינאַציע פון „סייווינג".

אויסער דעם זיינען פאַראַן נאָך 22 פּראָפעסיאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרמאָגן אַ לעוועל־פּאָליסי פאַר געוויינלעכער פאַרזיכערונג אָן „סייווינג", אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי די „טווענטי פּעימענט לאַיף" און ענדאָומענט. אַזוי אַז די 22 אונטערשיידן זיך ניט פיל פון די אַנדערע 106, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט.

צוזאַמען הייסט דאָס אָפּעריר̈ן 128 פּראָפעסיאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס כמעט אויף די זעלביקע אינשורענס־פאָרמען, ווי די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטישע אינשורענס קאָמפּאַניעס.

29 אָרגאַניזאַציעס פאַרמאָגן אַ פאָרמע פון אינשורענס, וואָס איז געבויט אויף אַ לעוועל רעיט אָן קיינע אַנדערע „סייווינגס". זי איז אויך די איינציקע פאָרמע פון אינשורענס, וואָס זיי פאַרמאָגן. אין פאַרגלייך מיט די פריער דערמאָנטע 128 אָרגאַניזאַציעס זיינען זיי אָן ספק נעענטער צו די אינטערעסן פון דער מיטגלידערשאַפט. אַזאַ פאָרמע שאַפט די מעגלעכקייט פאַר'ן מיטגליד צו אינשורן זיך פאַר אַ גרעסערער סומע.

פון אונזער אַנאַליז וועגן לעוועל רעיט 2) איז שוין געוואָרן קלאָר, אַז אויך די אָרגאַניזאַציעס פאַרמאָגן נאָך ניט די בעסטע פאָרמע פון אינשורענס. דאָס איז צוליב דעם, וואָס אין די אינגערע יאָרן

פון זיין לעבן דאַרף דער מיטגליד צאָלן כמעט 2 מאָל אַזוי פיל. און גראָדע אין דער צייט פון לעבן מוז דער אָרימער מיטגליד האָבן די מעגלעכסט־גרעסטע פאַרזיכערונג, ווייל אַן אים זיינען דעמלט געוויינלעך אָפּהייננגיק קליינע, אומבאַהאָלפענע קינדער.

אויסער דעם זיינען פאַראַן נאָך 12 אָרגאַניזאַציעס, וואָס אָפּעריִרן אַפן ריינעם לעוול רעיט. זייערע צאָלונגען זיינען אָבער געבויט אַף אַ פאָרמע פון אָנטיילנעמער („פּאַרטיסיפּייטינג") און „דיווידענדס". פאַרשטענדלעך, אַז צוליב די דיווידענדס זיינען די צאָלונגען עטוואָס העכער. מיר קענען פאַר קיין פאַל ניט פאַרגלייכן די איבערצאָלונגען פאַר די דיווידענדס מיט די פּראָפּיטן פון די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס 3). פונדעסטוועגן פאַרמאָגן זיי אומדירעקט אַ פּאַקטישע פאַרגרעסערונג פון די צאָלונגען. און פאַרגרעסערטע צאָלונגען זיינען קעגן די אינטערעסן פון די מיטגלידער.

אַזוי אַרום געפינען מיר אויס, אַז 41, אַ פולער פערט חלק פון די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אָפּעריִרן אַפן ריינעם לעוול רעיט. אַזאַ פאָרמע פון אינשורענס איז זיכער אַ טראָט פאַראויס נעענטער צו די אינטערעסן פון די מיטגלידער.

נאָך 2 פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס פונקציאָנירן אַף אַ „סטעפּ רעיט" פון אַ ספּעציעלער פאָרמע. די צאָלונגען זיינען גרופּירט אין 5־יאָריקע טערמינען. יעדער טערמין איז דער סטעפּ (שטאַפּל) פאַר אַ העכערער צאָלונג, אַנשטאָט די העכערונג יעדן יאָר אין דעם געוויינלעכן סטעפּ רעיט, איז אין משך פון די באַשטימטע 5 יאָר די צאָלונג „לעוול". אַזוינע צאָלונגען זיינען ענלעך צו די 5־יאָריקע רעניועבל טוירם פּאָליסים. 4)

אויך אַזאַ פאָרמע מיינט פּאַקטיש העכערע צאָלונגען, איידער דער געוויינלעכער סטעפּ רעיט. ווען מיר פאַרגלייכן, צום ביישפּיל, די טערמינען פון אַ מיטגליד, וואָס שליסט זיך אָן אין עלטער פון 35 יאָר, ווערט זיך באַלד אָנזען דער אונטערשייד.

פון דער טאַבעלע 11 דערוויסן מיר זיך, אַז אויב איינער גייט אַריין אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע אין עלטער פון 30 יאָר, וועט זיין צאָלונג זיין, ווי אָנגעגעבן אין קאָלום 73 אין יעדן נייעם 5־יאָריקן טערמין. אַזאַ סומע איז ביליקער פון דעם לעוול רעיט ביז דעם עלטער פון 50 יאָר (פאַרגלייך מיט קאָלום 71). אָבער דער ספּעציע־

## טאַבעלע 11.

| עלטער | לעוועל רייט | טערם רייט | ספּעציעלער טערם רייט |
|---|---|---|---|
| 30 | $1.22 | $.47 | $ .85 |
| 35 | 1.22 | .52 | .90 |
| 40 | 1.22 | .60 | .99 |
| 45 | 1.22 | .74 | 1.14 |
| 50 | 1.22 | .96 | 1.41 |
| קאָלום 70 | 71 | 72 | 73 |

לער טערם רעיט איז נאָך אַלץ אַ סך גרעסער, איידער דער ריינער טערם רעיט, ווען מיר פאַרגלייכן זיי מיט דעם קאָלום 72.

נאָך דעם עלטער פון 55 יאָר נעמען אַזוינע צאָלונגען אָן אַ טערמין פון 15 יאָר אַנשטאַט די 5 יאָר. דאָס הייסט, ס'ווערן אויס־געגליכן די צאָלונגען פאַר גאַנצע 15 יאָר.

פון די געבראַכטע פאַקטן מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז דער ספּעציעלער טערם רעיט איז נאָך אַ טראָט נעענטער צו די נויטן פון דער מיטגלידערשאַפט אין דער פראַטערנאַלער באַוועגונג. די צאָלונגען זיינען אָבער נאָך אַלץ צו הויך אין פאַרגלייך מיט דעם ריינעם טערם רעיט. בשעת מיר אַנאַליזירן דעם אונטערשייד, ווייזט זיך אַרויס, אַז לויט דעם ריינעם טערם רעיט קען נאָך אַלץ דער מיטגליד פאַרמאָגן ווינציקסטנס איינס און האַלב מאָל אַזויפיל אינשורענס גראָד אין די יאָרן, ווען זיין פאַמיליע נויטיקט זיך אין דעם אַמשטאַרקסטן.

ווען מיר אַנאַליזירן אויף דעם אופן די צאָלונגען פאַר אינשורענס איז אַלע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, ווייזט זיך אַרויס, אַז 128 פון זיי, אָדער נאָענט צו דריי פערטל פון דער גאַנצער צאָל, זיינען געבויט לויט דער זעלביקער סיסטעם פון צאָלונגען, ווי די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס. דאָס נעמט זיך הויפּטזעכלעך דערפון, וואָס די פירערשאַפט אין די מערסטע פון די אָרגאַניזאַציעס איז דורך קלאַסן־אינטערעסן פאַרבונדן מיט די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס. און טיילווייז אויך דערפאַר, וואָס צוליב די שווינד־

לערייען אין די אינשורענס קאָמפּאַניעס, האָבן פילע אָרגאַניזאַציעס זיך געשראָקן איינצופירן ביליגערע רעיטס. ארום דעם קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען וועגן דער אָרגאַניזירונג פון דעם נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנגרעס, האָבן די 2 מאָמענטן, — קלאַסן אינטערעסן און שרעק, — געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלן. די נויט פון דער מיטגלידערשאַפט אין די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָט אָבער געשטויסן איינצופירן נייע טאַבעלן.

די 2 עלעמענטן — קלאַסן אינטערעסן און שרעק — זיינען אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס אין אַ סך פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס ווערט נאָך היינט צו טאָג באַנוצט די „אַמעריקען טייבל" פאַר אויסרעכענונגען און אַפילו אַף 3 פּראָצענט. צווישן די, וואָס ווערן געפירט אַף ריינע לעוול רעיטס, זיינען זיי אויך אָפּטמאָל גערעכנט, לויט די שטערבלעכקייט־ציפערן פון דער „אַמעריקען עקספּיריענס" טאַבעלע.

די דערפאַרונגען פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס האָבן באַוויזן, אַז די העכערע צאָלונגען פון די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געקאָנט איינגאַנצן באַשיצן די אָרגאַניזאַציעס פון די פאָלגן פון די קריזיס־יאָרן. אַ באַדייטנדיקע צאָל אָרדנס זיינען אונטערגעגאַנגען אָדער זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַפן שוועל פון באַנקראָט. די מיטגלידערשאַפט פון די אָרגאַניזאַציעס איז שאַרף געפאַלן. צו דער ענדע פון יאָר 1928 האָט זייער מיטגלידערשאַפט באַטראָפן איבער 9 מיליאָן (9,003,639). צו דער ענדע פון 1933 — שוין עפּעס העכער 6 מיליאָן (6,118,114) 6). דאָס הייסט, אַז נאָענט צו 3 מיליאָן אָדער כמעט אַ דריט חלק פון דער מיטגלידערשאַפט איז אָפּגעפאַלן. אַ סך אָרגאַניזאַציעס זיינען אויך איבערגענומען געוואָרן פון אַנדערע שטאַרקערע.

די העכערע צאָלונגען זיינען אין דער צייט פון דעם קריזיס געווען אַ שטער פאַר די מיטגלידער אָנצוהאַלטן זייער אינשורענס. דורך העכערע צאָלונגען האָבן די אָרגאַניזאַציעס ניט געלייזט די נויטן פון די מיטגלידער, נאָר אַפילו ניט געלייזט די זיכערקייט פון די אָרגאַניזאַציעס.

צוליב דעם מוז אַרונטערפאַלן די טענה, אַז דער סטעפּ רעיט איז ניט גענוג, אַז ער וואָלט געשטעלט אין געפאַר די זיכערקייט

פון די אָרגאַניזאַציעס. דער סטעפּ רעיט וואָלט אמת ניט אָנגעזאַמלט אַזוינע ריזיקע רעזערוון. אָבער די הויכע צאָלונגען, ווי מיר זעען, ווערן אַ געפאַר אין צייט פון קריזיס. זיי זיינען פון אָנפאַנג אָן געווען אַן אומגויטיקער לאַסט אויף די מיטגלידער.

מיר מוזן דערפאַר קומען צום שלוס, אַז דער „סטעפּ רעיט" איז די איינציקע סאַמע צוגעפאַסטע פאָרמע פון צאָלונגען, וואָס קען באמת דינען די אינטערעסן פון די מיטגלידער.

דער „סטעפּ רעיט" פון דעם נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנגרעס איז אַן אויסרעכענונג פון 4 פּראָצענט איז יענע פאָרמע, וועלכע זאַמלט אָן בלויז אַזויפיל רעזערוון, וויפיל עס איז ווירקלעך נויטיק צו באַשיצן די מיטגלידערשאַפט אין אַ נויט פאַל, ווי בעת אַן אבנאָרמאַל גרויסער שטערבלעכקייט א. אַז. וו.

די איינציקע אָרגאַניזאַציע אין דער גאַנצער פראַטערנאַלער באַוועגונג, וואָס האָט אַזעלכע צאָלונגען, איז דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן.

אַזוי ווי מיר שרייבן דאָס בוך פאַר דעם אידישן לייענער, וועלן מיר דערפאַר דורכפירן אַ פאַרגלייך צווישן די אידישע אָרדנס, וואָס ווערן באַצייכנט, ווי אַרבעטער אָרדנס. דער פאַרגלייך איז אָבער אָנווענדבאַר פאַר יעדער איינער פון די אַנדערע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבן איינגעפירט די זעלביקע צאָלונגען, וועלכע מיר וועלן דאָ באַטראַכטן.

מיר וועלן צוערשט אַנאַליזירן די צאָלונגען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. און דערנאָך זיי פאַרגלייכן מיט די צאָלונגען אין דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און אין דעם אַרבעטער רינג.

## 20. די צאָלונגען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן איז היינט צו טאָג די איינציקע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געבויט אויף די „סטעפּ רעיט" צאָלונגען. די „סטעפּ רעיטס", ווייזן מיר שוין, איז

אַ וויסנשאַפטלעכער מעטאָד פון צאָלונגען, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דעם נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנגרעס. די צאָלונגען זיינען אויסגערעכנט אַף אַ 4־פּראָצענטיקן איינקונפט.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן פירט זיין אייגענעם געשעפט פון אינשורענס אונטער דער אויפזיכט און די רעגולאַציעס פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס פון יענע שטאַטן, וואו דער אָרדן האָט באַקומען טשאַרטערס. דער אָרדן האָט שוין ביז איצט באַקומען טשאַרטערס אין די פאָלגנדיקע שטאַטן: ניו־יאָרק, ניו־דזשוירזי, אָהייאָ, פּענסילווייניאַ, וועסט ווירדזשיניאַ, מינעסאָטאַ, מישיגען, מאַסאַטשוזעטס, אילינאָי, פלאָרידע און קאַליפאָרניע.

דאָס איז וויכטיק צו געדיינקען צוליב דעם, וואָס ניט נאָר געגנער פון אָרדן, נאָר אָפט אַפילו אייגענע מיטגלידער זיינען אונטער'ן איינדרוק, אַז דער אָרדן איז ניט קיין געטשאַרטערטע אינסטיטוציע. און טאַקע צוליב דעם, דיינקען זיי, האָט דער אָרדן געקענט אויסקלייבן פאַר זיך אַזעלכע בילינע צאָלונגען, וועלכע זיינען אָבער אין דער אמת'ן ניט קיין זיכערע. עס איז אויך פאַלש דער איינדרוק, אַז דער גאַנצער אָרדן איז אינשורט ערגעץ באַ אַן אינשורענס קאָמפּאַניע. צוליב אַזאַ פאַלשן איינדרוק קען טרעפן, אַז אַ מיטגליד זאָל זיך קוואַפּען צו באַקומען פאַר אַ וואָך מער עקסטרע קראַנקען־בענעפיט אונטער דעם פאַלשן אויסרייד, אַז דאָס קומט דאָך סיי ווי פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אינשורענס קאָמפּאַניע.

דער אָרדן אַליין איז אָבער זיין אייגענע אינשורענס קאָמפּאַניע. יעדער סענט פון אָרדן באַלאַנגט צו זיינע אייגענע מיטגלידער.

פאַרוואָס האָט דער אָרדן אויסגעקליבן „סטעפּ רעיט" פאַר דער באַזע פון זיינע צאָלונגען? חבר ר. זאַלצמאַן, איינער פון די גרינדער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, און דער איצטיקער סעקרעטאַר פון דער אידישער סעקציע פון אָרדן, שרייבט אַזוי וועגן דעם אין בוך: „צו דער געשיכטע פון דער פראַטערנאַלער באַוועגונג":

„באַם אָרגאַניזירן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן האָט די פירערשאַפט שטודירט, וועלכע טאַבעלע עס איז מער צוגעפּאַסט, סיי צו דעם כאַראַקטער פון אונזער פּראָלעטאַרישן אָרדן, סיי צו די בעסטע אינטערעסן פון די ברייטע

פּראָלעטאַרישע מאַסן, וועלכע דאַרפן באַקומען פאַר די קלענס־טע צאָלונגען די גרעסטע פאַרזיכערונגען, וואָס עס איז נאָר מעגלעך". 7)

פון דער ציטאַטע ווערט קלאָר, אַז די צאָלונגען אין אָרדן זיינען ניט קיין צופאַל. די צאָלונגען זיינען די בעסטע אַף צו לינדערן די נויטן פון די ברייטע פּראָלעטאַרישע מאַסן. דאָס איז אַ פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם. דאָס איז דער פּרינציפּ פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, דער טרעגער פון דעם פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם.

דער אָרדן וויל דערגרייכן דורך זיינע צאָלונגען די נידעריקסט־באַצאָלטע אַרבעטער און אָרימע מאַסן. דער אָרדן לייקנט אַנטשיידן די טעאָריע, אַז די אָרימע מאַסן זיינען ניט אָרגאַניזירט אין דער פראַטערנאַלער באַוועגונג צוליב זייער ניט פייאיקייט זיך צו אָרגאַ־ניזירן. דאָס איז דורכאויס פאַלש. אין דער אמת'ן זיינען זיי ניט אָרגאַניזירט דערפאַר, ווייל די צאָלונגען אין די אַלע ביז־איצטיקע אָרגאַניזאַציעס זיינע פאַר זיי נאָך אַלץ געווען אַ צו גרויסער לוקסוס, וואָס זיי האָבן זיך ניט געקענט דערלויבן. דער אָרדן מיט זיינע פּראָלעטאַרישע צאָלונגען עפנט דעם וועג פאַר אָט־דער ברייטער מאַסע פאַר פאַרזיכערונג. די מיטגלידער מוזן דערפאַר וויסן דעם פּרינציפּ. זיי מוזן אים טראָגן צו די 3 מיליאָן, וואָס זיינען אין דער צייט פון'ם קריזיס אַרויסגעפאַלן פון די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס און צו יענע מיליאָנען, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל ניט באַלאַנגט צו אַזאַ אָרגאַניזאַציע. אָט־די מיליאָנען זיינען די באַזע פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן האָט זיך גענוי אי־בערצייגט אין דער זיכערקייט פון די צאָלונגען, איידער זיי זיינען אָנגענומען געוואָרן. אַנדערש האָט דאָס ניט געקאָנט זיין, ווייל דער טרעגער פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם טראָגט די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די קאָנסעקווענצן, וואָס קאָנען דערפון אַרויסקומען צו דער פּראָלעטאַרישער מאַסע.

די אויסרעכענונגען פון אָרדן זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן נאָך אין דעם יאָר 1898. די שטערבלעכקייט היינט צו טאָג איז זי־כער אַ קלענערע צוליב דעם קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען, וואָס

די אַרבעטער האָבן די גאַנצע צייט געפּירט. די 8 יאָר אָרדן האָבן מער ווי באַשטעטיקט די זיכערקייט פון די אויסרעכענונגען. דער אָרדן איז נאָכגעקומען אַלע בענעפיט־פאַרפליכטונגען צו די מיט־גלידער און האָט נאָך באַוויזן אָנצוזאַמלען מער ווי גענוג די נויטיקע רעזערוון.

אין 1932 האָט דער אָרדן אויסגעצאָלט בענעפיטן אויף א סומע פון $119,997.12. אין 1933 — $156,784.92. אין 1934 — $205,259.40. אין 1935 — $300,449.64. אין 1936 — שוין אַזויפיל ווי $444,065.74. פונדעסטוועגן האָט, ניט געקוקט אויף דעם, נאָך דער אָרדן פאַרמאָגט צום סוף יאָר איבער א מיליאָן דאָלאַר אייגנטום ($1,053,543.91), א וואוקס אין דעם לעצטן יאָר אַליין פון — $161,548.96.

דער וואוקס פון פאַרמעגן האָט זיך הויפּטזעכלעך גענומען דערפון, וואָס די שטערבלעכקייט איז געווען בלויז קאַרגע 56 (55.6) פון יעדע דערוואַרטעטע 100 טויטן־פאַלן, לויט די אויסרעכענונגען פון דעם נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנגרעס. דאָס הייסט, אַז די שטערבלעכקייט איז געווען ניט מער, ווי עטוואָס אַריבער א העלפט פון דעם, וואָס מען האָט דערוואַרט 8). פון יעדע טויזנט מיט־גלידער זיינען אין 1936 געשטאָרבן 3.2 (3 מיט 2 צענטל). 52)

די אָנווענדונג פון דעם סטעפּ רעיט אין דעם אָרדן האָט באַוויזן די זיכערקייט פון אַזוינע צאָלונגען. די נויטן פון דער מיט־גליערשאַפט פאָדערן, אַז אַזעלכע צאָלונגען זאָלן איינגעפירט ווערן אויך אין די אַנדערע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. און וואָלטן אַזוינע צאָלונגען ניט געווען אָנגענומען, וואָלט דעמלט דער פּראָלע־טאַרישער פראַטערנאַליזם געדאַרפט אפילו קעמפן פאַר דעם. אויב די איצטיקע אויסרעכענונגען זאָלן זיך אַרויסווייזן פאַר צו גרויסע, וועט דער אָרדן דאַרפן קעמפן פאַר נייע אויסרעכענונגען. לויט די איצטיקע דערפאַרונגען פון שטערבלעכקייט, דאָס הייסט, פאַר נאָך קלענערע צאָלונגען, וואָס וועלן נאָך מער מעגלעך מאַכן פאַר די אָרימע מאַסן זיך בעסער צו פאַרזיכערן.

בא דער לעצטער קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג, אַפּריל, 1938, האָט דער אָרדן טאַקע נאָכמער פאַרבעסערט זיינע צאָלונגען. אויף דעם פאָרשלאָג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע, ווערט

פאַר די נייע מיטגלידער איינגעפירט די אויסרעכענונג פון דער „אמעריקען מען, אַלגעמיינע״ 53). אַזוינע צאָלונגען זיינען מער מאָדערנע און זיינען נאָך מער צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן פון די מיטגלידער. ביז דעם עלטער פון 50 יאָר זיינען די צאָלונגען פיל קלענער. און ערשט נאָכדעם זיינען זיי בלויז עטוואָס גרעסער ביז דעם עלטער פון 75.

צום באַדויערן איז די פראַגע גאָר אויפגענומען געוואָרן, ווי עפּעס אַן אַנשיקעניש פון די אינשורענס קאָמישאָנערס, און ניט ווי אַ געווינס פאַר דעם פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם.

אָפּגעזען פון אונזער אַנאַליז וועגן דער נויטיקייט פון אינשורענס פאַר עלטערע מענטשן 9), זוכט פונדעסטוועגן דער אָרדן צו לייזן אויך די פּראָבלעם. בא דער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ (אין 1935) איז באַשטימט געוואָרן צו מאַכן אַ שנים אין אַדמיניסטראַטיוון פּאָנד אַף אַ האַלבן סענט פון מיטגליד און די אָנגעזאַמלטע סומע זאָל דעקן די אויסגאַבן פון דעם אונטערשייד אין צאָלונגען אריבער דעם עלטער פון 60 יאָר.

די דערפאַרונג וועט מעגלעך באַווייזן, אַז דאָס איז ניט גענוג. קען מען דורך אַ פּאָר סענט אַ חודש אויב נויטיק, נאָך אַלץ לייזן די פּראָבלעם. די אינשורענס-געזעצן וועלן אָבער אין געוויסע שטאַטן ניט צושטימען צו אַזאַ לייזונג. פונדעסטוועגן קען אַלעמאָל געפונען ווערן אַ מיטל, וואָס זאָל דאָך לייזן די פראַגע. וועלן דאַן די סטעפּ רעיט צאָלונגען זיין נאָכמער צוגעפּאַסט פאַר די פּראָלעטאַרישע אינטערעסן פון די מיטגלידער אין פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

## 21. דער פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם אין דער טעגלעכער פּראַקטיק

דער פּראָלעטאַרישער פּרינציפּ פון צאָלונגען האָט געבראַכט צו דעם, אַז דער אָרדן זאָל בכלל זוכן צו האַלטן די צאָלונגען אויך אַף אַנדערע בענעפיטן, ווי אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאָנדן, אַזוי נידעריק ווי מעגלעך. און אַלעמאָל מיט׳ן געדאַנק זיי נאָכמער צו פאַרקלענערן. צוליב דעם זוכט אויך דער אָרדן, סיי נאַציאָנאַל, סיי לאָקאַל, אויסצומיידן דעם לאַסט פון ספּעציעלע שטייערן.

בּיסלעכווייז ווערט אויסגעשמידט דער פּרינציפּ פון פּראָלעטאַ־ רישן פּראַטערנאַליזם.

די אַקטיוויסטן אין די ברענטשעס, וואָס קומען אָפּט מיט פאַר־ שלאָגן פון טעקסעס, באַגרייפן נאָך ניט דעם פּרינציפּ. מיר זעען נאָך אָפט, ווי פון די לאָקאַלע צאָלונגען ווערן געמאַכט פאַרשיידענע אויסגאַבן, וואָס האָבן גאָרניט צו טאָן מיט די לויפנדיקע אויסגאַבן פון דעם ברענטש.

דער אַקטיוו דאַרף אָנהויבן פאַרשטיין, אַז דערמיט וואָס זיי נעמען פון די דירעקטע ברענטש־צאָלונגען צו שטיצן, מעג עס אַפילו זיין זייער וויכטיקע זאַכן, באַגייען זיי אַ צווייפאַכן טעות. ערשטנס, מוזן צוליב דעם אָנגעהאַלטן ווערן צו גרויסע לאָקאַלע צאָלונגען. דער אונטערשייד איז אָפּטמאָל אַזאַ, וואָס וואָלט געווען גענוג פאַר דעם מיטגליד אָנצוהאַלטן פיל גרעסערע אינשורענס. אַ הויכער אָפּצאָל האַלט אָפּ דעם נידעריק־באַצאָלטן אַרבעטער אַריינ־ צוגיין אין דער אָרגאַניזאַציע.

איבערהויפּט איז אָבער שלעכט אַזאַ מעטאָד פון שטיצן וויכ־ טיקע זאַכן דורך די דירעקטע ברענטש־צאָלונגען דערמיט, וואָס דאָס פאַרשטעלט דעם וועג פאַר אויפקלערונג צו די מיטגלידער. אָנ־ שטאָט אויפצוקלערן זיי, אַז עס איז אין זייערע אינטערעסן אויפצו־ האַלטן געוויסע אַרבעטער־אינסטיטוציעס, אָדער שטיצן געוויסע אַק־ ציעס און קאַמפן פון דעם אַרבעטער קלאַס; אָנשטאָט זיי זאָלן דורך אויפקלערונג שטיצן לויט זייערע מעגלעכקייטן, סיי פינאַנ־ ציעל, סיי מאָראַליש, גייט מען אָפּ דעם וועג פון לייכטסטן ווידער־ שטאַנד. מעכאַניש לייגט מען אַרויף אַן אָפּצאָל אויף דעם מיטגליד. מען נוצט אויס זיין נויטיקן זיך אין געהערן צו אַזאַ אָרגאַניזאַציע, כדי מעכאַניש צו באַקומען פון אים שטיצע פאַר זאַכן, וואָס זיינען פאַר אים נאָך פרעמד. דורך אַזאַ מעטאָד וועלן זיי אויך בלייבן פרעמד.

אַפילו אויב עס האַנדלט זיך וועגן אַן אונטערנעמונג פאַר דעם ברענטש, וועט די אָרגאַניזאַציע פיל מער געווינען, ווען מען זאָל אויסמיידן טעקסעס. איבערגעגעבנקייט צו דער אָרגאַניזאַציע וועט אַרויסגערופן ווערן בײַ דעם מיטגליד דורך זיין אַלגעמיינעם באַ־ וואוסטזיין און דורך די נוצן, וואָס ער באַקומט דירעקט פון דער

אָרגאַניזאַציע. דורך אַזאַ איבערגעבנקייט וועט ער זיך באַטייליקן אין אונטערנעמונגען און אין אַלע אַקציעס פון דער אָרגאַניזאַציע. דורך אַזאַ באַוואוסטזיין, און דורך מאַכן די אונטערנעמונגען געזעל־שאַפטלעך און קולטורעל אָנציענד, קאָן מען מאָביליזירן די גאַר גרויסע מערהייט מיטגלידער פרייוויליק. און זיי וועלן דאָס ניט באַטראַכטן, ווי אַ דירעקטן טייל פון זייער נאַטירלעכן אָפּצאָל צו דער אָרגאַניזאַציע.

נאַציאָנאַלע צאָלונגען וועט מען בכלל ניט קענען פיל פאַר־קלענערן. מוז מען דעריבער ערנסט טראַכטן צו פאַרקלענערן די לאָקאַלע צאָלונגען. זיי קענען פאַרקלענערט ווערן, אויב מען זאָל ריכטיק אָנווענדן דעם פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם. לאָקאַלע „דיוס" איז נאָך אַלץ צו הויך אין די מערסטע ברענטשעס, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס עס איז שוין געמאַכט געוואָרן היפּשער פאָרשריט אויך אין דער הינזיכט. די לאָקאַלע „דיוס" מוז רעדו־צירט ווערן צו אַ מאַקסימום פון 15 סענט אַ חודש. דאָס דאַרף זיין דער באַלדיקער ציל. אויב די אַקטיוויסטן וועלן זיך ערנסט אַריינטראַכטן אין דעם ענין און וועלן ריכטיק פאַרשטיין דעם באַגריף פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם און אויב זיי וועלן אויס־מיידן צו גיין אַפּן וועגן פון לייכטסטן ווידערשטאַנד, קאָן דאָס מיט דער צייט דערגרייכט ווערן. די צענטראַלע קערפּערשאַפטן דאַרפן זיך שטעלן פאַר אַ ספּעציעלער אויפגאַבע דאָס צו דערגרייכן. אויך די שטאָט־קאָמיטעטן מוזן אויסמיידן דירעקטע אָפּצאָלן. מעגלעך, אַז עס וועלן זיין די ערשטע צייט שוועריקייטן. מען וועט אַזאַ זאַך ניט דערגרייכן מיטאַמאָל. ס'איז אָבער דאָס געבאָט פון פּראָלעטאַ־רישן פּראָטערנאַליזם. דאָס זיינען די נויטן און אינטערעסן פון זיין קלאַסן־באַזע. דאָס מוזן דורכפירן אין לעבן די טרעגער און בויער פון דעם פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם. דאָס מוזן דערגרייכן די אַקטיוויסטן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן.

## 22. די צאָלונגען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן אין פאַרגלייך מיט רעניועבל טוירם

ווען מיר ריידן וועגן די צאָלונגען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן איז נויטיק זיי צו פאַרגלייכן מיט די צאָלונגען פאַר רעניועבל טוירם אינשורענס. מיר טוען עס דערפאַר, ווייל באַ עמיצן קען זיך באַקומען אַ פאַלשער איינדרוק, אַז די צאָלונגען אין אָרדן זיינען כלומר'שט גרעסערע, איידער פון די טוירם אינשורענס. אַזאַ געדאַנק קען אויבערהויפּט קומען דאַן, ווען מען זאָל צושטעלן צו דעם אינשורענס-קאָסט די לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויסגאַבן.

אַזאַ אויסרעכענונג וואָלט געווען פאַלש. דער מיטגליד אין אָרדן באַקומט אַ גאַנצע רייע בענעפיטן, אויסער די אינשורענס. צום ביישפּיל: קראַנקען בענעפיט, סעמעטערי און פיונעראַל, קאָנ־סאָמפּשאָן-בענעפיט, דיסאַבילִיטי ביז 400 דאָלאַר, און אין די מערסטע שטעט די פּריווילעגיע פון אַ מעדיקל דעפּאַרטמענט. דער מעדיקל דעפּאַרטמענט אַליין באַצאָלט זייער אָפט צו דעם מיטגליד מער, איידער זיינע גאַנצע אויסגאַבן פאַר אַלע זיינע צאָלונגען אין אָרדן, אַריינגערעכנט די אינשורענס. אַזוינע בענעפיטן זיינען פון

### טאַבעלע 12.

| עלטער | צאלונגען פאר רעניואייבל טוירם | צאלונגען אין דעם אינטער־נאציאנאלען ארבעטער ארדן |
|---|---|---|
| 35 | $ 8.82 | $ 7.74 |
| 39 | 9.45 | 8.46 |
| 44 | 11.19 | 10.02 |
| 49 | 14.38 | 12.42 |
| 52 | 17.25 | 14.46 |
| 54 | 19.66 | 16.26 |
| 59 | 28.55 | 22.72 |
| 64 | 42.76 | 33.54 |
| קאלום 74 | 75 | 76 |

אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט פאַר דעם אַרבעטער און אָרימען קליינבירגער. אויסער דעם פאַרמאָגט דער מיטגליד דורך זיין ברענטש אַ באַשטימטע געזעלשאַפטליכע אומגעבונג.

עס איז דערפאַר ניט ריכטיק אָרויפצולייגן אַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע צאָלונגען בלויז אויף דעם אינשורענס־פאָנד. העכסטנס איז די פּראָפּאָרציע פון דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פאָנד פאַר די אינשורענס־אויסגאָבן ניט מער, ווי $1.50 אַ יאָר. ברענגען מיר דאָ אַ טאַבעלע, וואָס גיט אַ פאַרגלייך פוןביידע צאָלונגען. דאָ איז שוין צוגערעכנט דער $1.50 צו די אָרדן־צאָלונגען.

די טאַבעלע באַווייזט, אַז אין עלטער פון 35 יאָר (קאָלום 74) איז די אָרדן־פּאָליסי ביליגער מיט עטוואָס מער פון אַ דאָלאַר $1.08 (פאַרגלייך קאָלום 75 און 76). און דער אונטערשייד וואַקסט און דערגרייכט אַרום 9 דאָלאַר אין עלטער פון 64 יאָר פאַר יעדע טויזנט דאָלאַר אינשורענס.

מען דאַרף אויך געדיינקען נאָך עטוואָס. די אינשורענס קאָמפּאַניעס איילן זיך ניט צו געבן אַזאַ סאָרט אינשורענס. און די, וואָס גיבן שוין יע — גיבן דאָס אין אַ „נאָן־רעניועבל" פאָרמע. דאָס הייסט, מען קען די אינשורענס ניט באַנייען. בלויז געציילטע קאָמפּאַניעס גיבן יאָרלעכע רעניועבל טוירם. מערסטנס ווערן אַזוינע פּאָליסים אַרויסגעגעבן אין טערמינען פון 5, 10 אָדער מער יאָרן. דער פּרייז־דורכשניט פון די צאָלונגען פאַר אַ 5־יאָריקער טוירם־פּאָליסי איז $9.15, וואָס איז נאָך גרעסער אין פאַרגלייך מיט די אָרדן־צאָלונגען.

אויסער דעם ווערן אין די מערסטע פאַלן דערצו צוגעטשעפּעט געוויסע קליינע קעש־ווערטן, וואָס זיינען, ווי מיר האָבן שוין געזען, אַ פאַרלוסט פאַר דעם אינשורטן. פּאַקטיש מיינט דאָס ווידער אַ פאַרגרעסערטער געצאָלט. בכלל קען ניט יעדער איינער באַקומען אַזאַ פּאָליסי. זיי מאַכן אַלע שוועריקייטן דורך טשעפּען זיך סיי צו דער באַשעפטיקונג פון'ם קאַנדידאַט, סיי צו זיין געזונט־צושטאַנד. די פּאָליסים ווערן געגעבן בלויז צו אַזעלכן, וועלכן זיי באַצייכענען, אַז ער געפינט זיך אין אַן ערשט־קלאַסיקן געזונט־צושטאַנד.

נאָך אַ גענויעם אַנאַליז מוז מען קומען צום שלוס, אַז די צאָ־

לונגען אין אָרדן זיינען ביליגער, איידער די רעגיולערע טוירם. אין דעם אָרדן באַקומט אויך דער מיטגליד צוזאַמען מיט די אינשורענס די פּריווילעגיע פאַר אַנדערע פּאַרזיכערונגען. אויסער דעם באַקומט נאָך דער מיטגליד אָפטמאָל אַ צוגאַב פון ניט קיין אָפּיציעלע בענע־פיטן אין צייט פון נויט און קראַנקהייט.

## 23. צאָלונגען אין דעם אַרבעטער רינג

די צאָלונגען אין דעם אַרבעטער רינג זיינען געבויט אויף די וויסנשאַפטלעכע רעכענונגען פון נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנ־גרעס. די פאָרמע איז דער „לעוול רעיט" אויסגערעכנט אויף 4 פּראָ־צענט.

מיר וועלן זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט דער פראַגע, פאַרוואָס דער „לעוול רעיט" איז ערגער, ווי דער „סטעפּ רעיט". מיר האָבן דאָס שוין געטאָן אין אָנהויב פון דעם 3־טן קאַפּיטל 10). די טאַבעלע 5 אויף זייט 52 איז פּאַקטיש אַ פאַרגלייך־טאַבעלע פון דעם אונטערשייד אין די צאָלונגען אין אַרבעטער רינג און אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. (פאַרגלייך בלויז די קאָלומס 19 און 20.) 11)

די גאַנצע דיסקוסיע, וואָס מיר האָבן געפירט אַרום יענער טאַ־בעלע, ווי אַרום אַלע פאַרצוגן און פעלערן פון „לעוול" און „סטעפּ רעיט", איז גילטיק אויף די צאָלונגען אין דעם אַרבעטער רינג און אין דעם אָרדן. אַפילו די נעמען פון די 2 פריינט קענט איר פאַר־בייטן: יעקב'ן מיט'ן אַרבעטער רינג און זרח'ן מיט דעם אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. אין יענער דיסקוסיע זיינען מיר געקו־מען צום שלום, אַז דער „סטעפּ רעיט" איז די איינציקע מעגלעכע פּראָלעטאַרישע פאָרמע, וואָס איז לויט די היינטיקע אומשטענדן די סאַמע צוגעפּאַסטע פאַר דעם פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם.

דער אַרבעטער רינג ווערט מיט רעכט באַצייכנט, ווי אַ פּראַ־טערנאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. דער אַרבעטער רינג האָט מיט זיין פּראָלעטאַרישן חוש צוריקגעוויזן יענע פאָרמען פון צאָלונגען, וואָס זיינען די זעלביקע, ווי אין די פּריוואַטע אינשורענס קאָמ־פּאַניעס.

מיר דענקען, אַז דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל. דאָס איז

געקומען, ווי אַן אויסדרוק פון דעם זאָרג פאַר די אינטערעסן פון דער מיטגלידערשאַפט.

און דערפאַר, האַלטן מיר, אַז די פירער פון דעם אַרבעטער רינג דאַרפן אָנהויבן ערנסט טראַכטן וועגן דעם אונטערשייד צווישן די „לעוועל" און „סטעפּ" צאָלונגען. ווען דער אַרבעטער רינג איז איבערגעגאַנגען פון דער ניט־וויסנשאַפטלעכער אַסעסמענט פאָרמע פון צאָלונגען צו דעם וויסנשאַפטלעכן מעטאָד פון פּראָטעגנאַלע רעיטס, האָבן זיי, מעגלעך, נאָך ניט איינגעזען דעם פאָרצוג פון דעם „סטעפּ־רעיט". דאָס האָט זיך אפשר אויך גענומען דערפון, וואָס די גרויסע צאָל מיטל־יעריקע און עלטערע מיטגלידער וואָלטן אין יענעם מאָמענט געדאַרפט מאַכן פיל גרעסערע צאָלונגען, לויט דעם „סטעפּ רעיט", איידער „לעוועל רעיט". מען האָט זיי דעמלט דערלויבט צו רעכענען די צאָלונגען, לויט דעם עלטער, אין וועלכן דער מיטגליד האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם אַרבעטער רינג, און ניט לויט דעם עלטער, וואָס דער מיטגליד האָט דערגרייכט, ווען די וויסנשאַפטלעכע פאָרמע איז איינגעפירט געוואָרן.

און אויב אפילו דאָס איז אַזוי, זעען מיר פונדעסטוועגן נאָך אַלץ ניט איין, פאַרוואָס זיי האָבן ניט איינגעפירט דעם „סטעפּ רעיט" כאָטש פאַר די נייע מיטגלידער. דער אַרבעטער רינג האָט געקאָנט האָבן ביידע פאָרמען: דעם „לעוועל רעיט" פאַר די מיט־גלידער, וואָס זיינען געווען אין אַרבעטער רינג ביז דער איינפירונג פון די וויסנשאַפטלעכע צאָלונגען, און דעם „סטעפּ רעיט" פאַר די שפּעטערדיקע מיטגלידער, וואָס מען האָט געדאַרפט ערשט אַריינ־נעמען. איך קען דאָס בלויז באַרעכטיקן מיט דעם איינציקן ענט־פער, אַז די ניט-קלאָרקייט וועגן די צאָלונגען האָט דעם אַרבעטער רינג אָפּגעהאַלטן איינצופירן דעם „סטעפּ רעיט" כאָטש פאַר די נייע מיטגלידער.

דער קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אַרבעטער רינג אַרום דער פראַגע, צי מען זאָל בכלל איינפירן וויסנשאַפטלעכע פּראָטעגנאַלע צאָלונגען, האָט דאַן באַוויזן די קאָנסערוואַטיווקייט פון אַ באַדייטנדן טייל פון דער פירערשאַפט. יענע פירער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר די פּראָטעגנאַלע רעיטס, זיינען געווען פּראָגרעסיוו און אָנטשלאָסן. עס איז אָבער וואַרשיינלעך געווען שווער צופיל אפילו פאַר דער

פראַגרעסיווער פירערשאַפט, ספּעציעל אין יענער אומגעבונג, צו קומען מיט אַזאַ ראַדיקאַלן פּלאַן פון „סטעפּ רעיט".

דער אַרבעטער רינג האָט זיך ביז איצט שוין זיכער איבער־צייגט, ווי וויכטיק עס איז געווען דער איבערגאַנג אויף וויסנשאַפט־לעכע צאָלונגען. היינט וואַרשיינלעך שעמען זיך אַ סך אויסצוזאָגן, און ווילן ניט ליידן, אַז מען זאָל עס זיי דערמאָנען, ווי ביטער און עקשנות'דיק זיי האָבן געקעמפט פאַר דער ניט־וויסנשאַפטלעכער סיסטעם. דערפאַר איז שוין איצטער די העכסטע צייט, אַז דער אַרבעטער רינג זאָל זייער ערנסט אָנהויבן טראַכטן וועגן איינפירן די „סטעפּ רעיטס".

היינט זיינען שוין אויך צוגעקומען די דערפאַרונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. עס איז שוין איצטער אין דער פּראַקטיק דערוויזן געוואָרן דער פאָרצוג פון די „סטעפּ רעיטס".

דער אַרבעטער רינג מוז איינזען, אַז אָן דער איינפירונג פון די „סטעפּ רעיטס" וועט ער קיינמאָל ניט מאַכן קיין איבערברוך צוגונסטן דעם וואוקס פון דער מיטגלידערשאַפט. צוליב די הויכע צאָלונגען, קומט דער אינגערער עלעמענט ניט אַריין אין אַרבעטער רינג. און אויב ער קומט אַריין — פאַלט ער באַלד אַרויס. די שטערבלעכקייט איז אַ גרויסע. זי האַלט אין וואַקסן. פון יעדע טויזנט מיטגלידער אין אַרבעטער רינג זיינען געשטאָרבן אין 1928 מער פון 6 (6.05), אין 1929 — מער פון 7 (7.03), אין 1930 — 7¼ (7.25), אין 1931 — מער פון 8 (8.2), אין 1932 — 8, אין 1933 — כמעט 9 (8.7), אין 1934 — כמעט 10 (9.8), אין 1935 — 10, אין 1936 — שוין איבער 10 (10.2). פון יעדע דערוואַרטעטע 100 טויטן־פאַלן זיינען פאַקטיש געשטאָרבן איבער 99 (99.12). 12)

ווען אַן אָרגאַניזאַציע גייט באַרג אַראָפּ, מוז זי אַריינגיסן פרישע בלוט. דער וועג איז אַריינצונעמען אַן אינגערן עלעמענט. פאַר דעם אינגערן עלעמענט זיינען די „סטעפּ רעיטס" אַמבעסטן צוגע־פּאַסט.

דער אַרבעטער רינג פאַרמאָגט גענוג רעזערוון. מיט אַן אַנט־שלאָסענעם ווילן קען דער אַרבעטער רינג באַקומען די דערלויבעניש איינצופירן דעם „סטעפּ רעיט". אויב דאָס זאָל זיך ניט לוינען פאַר אַ סך פון דער איצטיקער מיטגלידערשאַפט, איז דאָך מעגלעך צו איינפירן ביידע פאָרמען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן.

א טייל פון דער אַרבעטער רינג פּירערשאַפט חזר'ט אַמאָל נאָך איבער די בבא־מעשה, אַז אין 1929, ווען דער לינקער עלעמענט איז געווען געצוואונגען אַרויסצוגיין פון אַרבעטער רינג, האָבן די אַוועקגעגאַנגענע כלומר'שט צעראַבירט די קאַסע פון דעם אַרבעטער רינג. דורך דעם אַנאַליז, וואָס מיר האָבן געמאַכט פון דעם „לעוועל" און „סטעפּ רעיט", ווערט קלאָר, מוז ווערן קלאָר, אַז אויב עמי־צער איז שולדיק צו דעם צווייטן אַ חוב, איז דאָס דער אַרבעטער רינג שולדיק צו אַט־די טויזנטער מיטגלידער 13). די סומע וואָלט געווען, און קען מיט רעכט באַטראַכט ווערן, ווי אַ גוטער האַנט־געלט פאַר אַ פאַראייניקונג. לאָמיר אָננעמען, אַז בלויז 5 טויזנט מיטגלידער האָבן דאַן פאַרלאָזן דעם אַרבעטער רינג. זייער דורכ־שניטלעכע אָנגעהעריקייט צום אַרבעטער רינג איז געווען 10 יאָר. דער אַרויסגעגאַנגענער עלעמענט איז אויך געווען אינגער פון דעם עלטער, ווען דער „סטעפּ רעיט" גלייכט זיך אויס מיט'ן „לעוול רעיט". ווען איר באַטראַכט דערפאַר דעם קאָלום 21 פון דער טאַבעלע 5 14), ווייזט זיך אַרויס, אַז ווינציקסטנס אַרום 150 טויזנט דאָלאַר האָבן די אַרויסגייענדיקע מיטגלידער אי־בערגעלאָזן אין אַרבעטער רינג. (ווען מען זאָל נעמען די דורכ־שניטלעכע סומע אינשורענס אַלס $250 אַף אַ קאָמפּאַונד אינטע־רעסט פון 4 פּראָצענט, וואָס איז די אויסרעכענונג פון אַרבעטער רינג.)

פון דעם אַנאַליז וועגן די צאָלונגען אין אַרבעטער רינג, ווי פון אונזער גאַנצער דיסקוסיע וועגן „לעוול" און „סטעפּ רעיט", ווערט שוין פאַר אונז קלאָר פון וואַנען עס נעמט זיך דער אונטערשייד אין די צאָלונגען צווישן דעם אַרבעטער רינג און דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

לאָמיר זען, ווי עס קוקן פּאַקטיש אויס די צאָלונגען אין אַר־בעטער רינג אין פאַרגלייך מיט די צאָלונגען אין דעם אינטערנאַציאָ־נאַלן אַרבעטער אָרדן. מיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל אַ מיטגליד אין עלטער פון 35 יאָר מיט פולגנדיקע בענעפיטן: 400 דאָלאַר אינ־שורענס, 8 דאָלאַר אַ וואָך קראַנקען־בענעפיט, פיונעראַל, סעמע־טערי און מעדיקל דעפּאַרטמענט בענעפיטן.

## טאַבעלע 13.

| 3 חדשים געצאָלט יעדן קוואַרטאַל | אַרבעטער רינג | אינט. אַרב. אָרדן | אונטער־שייד | אין אָרדן 20 יאָר שפּעטער |
|---|---|---|---|---|
| צאָלונגען צום גענעראַל אָפיס — | $4.95 | $3.39 | | $4.35 |
| צאָלונגען צום פיונעראַל דעפּט. — | .60 | .30 | | .30 |
| צאָלונגען צום מעדיקל דעפּט. — | 1.22 | 1.05 | | 1.05 |
| צוזאַמען — — — — — — | $6.77 | $4.74 | $2.03 | $5.70 |
| 20 יאָר שפּעטער, ווען די צאָלנגען אין אָרדן העכערן זיך — | $6.77 | | $1.07 | |

אויסער דעם זיינען אויך די לאָקאַלע דיוס צאָלונגען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן דורכשניטלעך ביליגער, ווי אין דעם אַרבעטער רינג.

דער אַרבעטער רינג האָט, אמת, אַ פאַרצוג דערמיט, וואָס ער פאַרמאָגט פאַר די מיטגלידער דעם בענעפיט פון אַ סאַניטאַריום, וואָס דער קראַנקער שווינדזיכטיקער מיטגליד קאָן באַנוצן פאַר 15 חדשים צייט. אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן קריגט דער קראַנקער שווינדזיכטיקער מיטגליד 600 דאָלאַר און מען העלפט אים צו באַזאָרגן זיך פאַר דעם געלט מיט 6 חדשים סאַנאַטאָריום.

דער פאַרצוג איז אַ וויכטיקער. ער מוז גענומען ווערן אין אַכט בעת מיר מאַכן דעם פאַרגלייך. דער פאַרצוג איז אָבער פאַר קיין פאַל ניט ווערט דעם אונטערשייד אין די צאָלונגען. ספּעציעל ווען מיר דערוויסן זיך, אַז טובערקולאָז איז ניט די ערשטע, לויט איר פאַרשפּרייטקייט, נאָר די זעקסטע אויפ'ן צעטל קראַנקהייטן, פון וואָס די מיטגלידער, ווי בכלל די גאַנצע באַפעלקערונג ליידט 35). אויך איז אַ פאַקט, אַז 15 חדשים איז ווייט ניט קיין נויטווענדיקייט פאַר אַלע קראַנקע, און אַז די פאַרלענגערונג איז גאָר געקומען הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס דער סאַניטאַריום איז געשטאַנען האַלב ליידיק.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן פאַרמאָגט אָבער מער פאַרצוגן, אַפילו אויסער דעם אונטערשייד אין צאָלונגען, אין פאַר־גלייך מיט דעם אַרבעטער רינג. איין פאַרצוג איז דער „דיסאַבי־ליטי" פאָנד. ווען דער מיטגליד ווערט באַשעדיקט, איז ער באַרעכ־

טיקט צו אַ סומע ביז 400 דאָלאַר 36). אַט־דער פאַרצוג דעקט כמעט דעם פאַרצוג, וואָס דער אַרבעטער רינג האָט דורכ׳ן סאַניטאַריום.

דעם וויכטיקסטן פאַרצוג פאַרמאָגט אָבער דער אָרדן אין פאַרגלייך מיט׳ן אַרבעטער רינג אין דעם צאָלן פאַר דער ערשטער וואָך קראַנקען־בענעפיט. אַזאַ פאַרצוג איז פון גוואַלדיקער באַדייטונג פאַר דעם אַרבעטער און אָרימען מענטשן. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז דער דורכשניטלעכער אַרבעטער איז קראַנק יעדן יאָר 8½ טעג 37). י. באַסקין ברענגט אַרויס אין זיין באַריכט צו דער אַרבעטער רינג קאָנווענשאָן אין 1937, אַז ווען מען זאָל איינפירן צו צאָלן פאַר דער ערשטער וואָך קראַנקען־בענעפיט, וואָלט מען זיך גענויטיקט אין ספּעציעלע 90 טויזנט דאָלאַר יעדן יאָר גוטצומאַכן די צאָלונגען, דאָס הייסט, העכערן די צאָלונגען מיט 34 סענט אַ קוואַרטאַל. 38)

ווי באַסקין גיט אָן אין דעם באַריכט, צאָלט יעדער מיטגליד $5.50 אַ יאָר פאַר׳ן קראַנקען־בענעפיט פאָנד, וואָס מאַכט אויס אַרום $1.39 אַ קוואַרטאַל. די סומע צו דעקן אויך פאַר דער ערשטער וואָך קראַנקען־בענעפיט וואָלט באַטראָפן ווינציגסטנס נאָר אַ פינפטל חלק. הייסט דאָס, אַז דער אָרדן־מיטגליד פאַרמאָגט אַזויפיל בעסערע בענעפיטן. די אָרדן־בענעפיטן זיינען דעריבער פאַקטיש ביליקער פון דעם אַרבעטער רינג מיט נאָך 34 סענט אַ קוואַרטאַל, ווי פריער אָנגעגעבן אין אונזער טאַבעלע 13.

דער אַרבעטער רינג קען ניט אָנווייזן, אַז דורך דעם „לעוועל רעיט" לייזט ער די פּראָבלעם פון עלטער. פון דער גאַנצער דיסקוסיע, וואָס איז אָנגעגאַנגען בײַ דער לעצטער קאָנווענשן וועגן דער „אָלד איידזש האָם", איז געוואָרן קלאָר, אַז אונזער אַנאַליז אין פאַרבינדונג מיט דער פּראָבלעם פון עלטער איז אַ ריכטיקער. 39)

מיר׳ן ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פון דער דיסקוסיע:

ר. גוסקין, דער פאָרזיצער פון אַרבעטער רינג, האָט אין זיין באַריכט אַזוי געזאָגט:

„די קאָמיטע האָט געבראַכט ציפערן, אַז מיר האָבן 200 מיטגלידער איבער 70 יאָר אַלט . . . עס איז אמת, אַז מיר האָבן אין 70־ער יאָרן 200 מיטגלידער. אָבער זינט ווען פּאַסן מיר באַשלוסן נאָר פאַר מיטגלידער פון 70 יאָר, ווייסנדיק, אַז

נאָך 70 לעבט מען שוין ניט לאַנג? איר רעדט וועגן אַז „אַלד איידזש האָום". און די אַלע, וואָס זיצן דאָ, זיינען אין די פּופּציקער. איר ווייסט, אַז צו 60 און 65 יאָר איז מען שוין שוואַך. און וויפיל דערגרייכן דעם עלטער פון 70?" 40)

נאָך שאַרפער ברענגט אַרויס די פּראָבלעם י. עבעריל, אַ וויכ־טיקער טוער אין דעם אַרבעטער רינג:

„עס פאַרמערן זיך בײַ אונז די צאָל אַלטע מיטגלידער, וועלכע זיינען ניט בכוח צו אַרבעטן און קאָנען זייערע בילס אפילו ניט צאָלן. אויב מען צאָלט ניט די בילס, ווערט מען געשטראָכן פון אַרבעטער רינג ... גאָר אַלטע לייט וויל מען באַזאָרגן. אָבער מיר זיינען אַרבעטער. מיר ווערן אַלט צו 60 יאָר". 41)

אינטערעסאַנט זיינען די פאַקטן, וואָס י. באַסקין, דער גענעראַל סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג, האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין באַ־ריכט:

„אָבער איך וויל פון אייך ניט באַהאַלטן דעם סוד, אַז מיר האָבן שוין היינט צו טאָג 590 מיטגלידער אַלטע אָדער איוואַלידן, וועלכע געפינען זיך בײַ אונז אויף דער ליסט פון פרייע בירגער. מיר מאַכן גוט זייערע דיוס. די גרעסטע צאָל פון די, וואָס פּראָפיטירן פון דעם פאָנד, זיינען עלטערע מיטגלידער, וועלכע געפינען זיך אין דער גרופּע פון 63 — 64 יאָר אַלט. נאַטירלעך, וואָס דער עלטער איז העכער, אַלץ ווייניקער פון דער גרופּע געפינען זיך אָפּן צעטל. (איז דאָס ווייל זיי שטאַרבן אויס? — ה. פּ.) דאָס זיינען זייער כאַ־ראַקטעריסטישע און וויכטיקע ציפערן, וועלכע איר דאַרפט געדענקען". 42)

איז שוין קלאָר, אַז די פּראָבלעם פון עלטער איז פיל ערנסטער, איידער דער אונטערשייד אין די צאָלונגען צווישן „סטעפּ" און „לעוול רעיט". דעם „לעוול רעיט" איז דאָך אויך ניטאָ מיט וואָס צו צאָלן. איז אויב דער „לעוול רעיט" לייזט יעדנפאַלס ניט די פּראָבלעם, טאָ פאַרוואָס זאָל דער אַרבעטער רינג ניט טראַכטן ערנסט וועגן דעם „סטעפּ רעיט", וועלכער וואָלט געגעבן אַ מעג־

לעכקייט, אַז אין די אינגערע יאָרן זאָל דער מיטגליד פאַרזיכערן זיין פאַמיליע אויף 2 מאָל אַזוי פיל?

די דורכשניטלעכע סומע אינשורענס אין אַרבעטער רינג איז $250 15). די דורכשניטלעכע סומע אינשורענס אין אָרדן איז 500 דאָלאַר 16). דער אונטערשייד אין די אינשורענס איז אויסער צווייפל צוליב דעם אונטערשייד אין די צאָלונגען.

ווי עס ווייזט אָבער אויס, טראַכט נאָך ניט דער אַרבעטער רינג וועגן די פאַרצוגן פון דעם „סטעפּ רעיט". ווען דער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַרבעטער רינג, האָבן די מיטגלידער פון אינדעפּענדענט פאַרטגעזעצט צו צאָלן לויט דעם „סטעפּ רעיט". דער אַרבעטער רינג האָט פאַר זיי געמאַכט אַן אויסנאַם און געמוזט איינפירן אַזוינע רעיטס. אָבער פון דעם באַריכט, וואָס י. באַסקין האָט געבראַכט צו דער 37-טער אַרבעטער רינג קאָנווענשן, דערוויסן מיר זיך, אַז דער אַרבעטער רינג זוכט אָפּצושאַפן די סיסטעם. באַסקין האָט וועגן דעם אַזוי דערקלערט:

> „ווען מיר האָבן איבערגענומען דעם „אינדעפּענדענט", האָט דער אָרדן געציילט 3,600 מיטגלידער. פון יענער צייט אַז זיינען אין יענע ברענטשעס אריינגעקומען נייע מיטגלידער אויף „לעוועל רעיטס" 657. אַראָפּגענומענדיק פאַר דער גאַנצער צייט די צאָל געשטראָכענע — 781, רעזיגנירטע — 92 און געשטאָרבענע — 128, איז היינט אין די ברענטשעס פאַראַן 3,300 מיטגלידער, פון וועלכע בא 1,900 זיינען נאָך אַלץ אויף דעם „סטעפּ רעיט" סיסטעם. ווי איר האָט שוין געהערט, פּלאַנעוועט דער אָפּיס דורך פאַרשיידענע וועגן און מיטלען אַט־די 1,900 פון די „סטעפּ רעיטס" צו טראַנספערירן צו די „לעוועל רעיטס". 43)

י. באַסקין גיט ניט אָן פאַרוואָס די 19 הונדערט ווילן גראַדע בלייבן אויף דעם „סטעפּ רעיט". עס מוזן דאָך זיין געוויסע אורזאַכן. זיי האָבן דאָך אפילו ניט אָנגענומען די ספּעציעלע פּריווילעגיעס, וואָס דער אַרבעטער רינג האָט פאַר זיי געמאַכט.

א. הילמאַן האָט וועגן דעם אַזוי באַריכטעט צו דער קאָנווענשן:

> „ווען מיר האָבן זיך פאַראייניקט מיט'ן „אינדעפּענדענט", האָבן מיר אריינגענומען די מיטגלידער מיט די זעל-

> בע צאָלונגען . . . דער אינדעפּענדענט האָט געהאַט „סטעפּ רעיטס" . . . פאַר דעם אָפּיס עאָלט געווען זייער באַקוועם, ווען די מיטגלידער, וואָס צאָלן לויט דעם „סטעפּ רעיט" זאָלן טרענספערירט ווערן צום „לעוול רעיט", און עס וואָלט אַ סך פאַרלייכטערט די אַרבעט אין מעמבערשיפּ דעפּאַרטמענט. מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט צו די מיטגלידער פון דעם „אינדעפּענדענט", אַז אויב זיי ווילן צאָלן זייערע אַסעס־מענטס צום מאַרטשועריו פאָנד אויף „לעוול רעיטס", וועלן מיר זיי געבן אַ הנחה דערמיט, וואָס זייערע צאָלונגען וועלן זיין כמעט לויט דיזעלבע יאָרן, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם „אינדעפּענדענט". איך זאָג „כמעט", ווייל אונזער באַשלוס איז געווען, אַז מיר זאָלן רעכענען מיט 4 יאָר מער, ווי ווען זיי זיינען אַריין אין „אינדעפּענדענט". אַ גרויסע צאָל האָט אָנגענומען דעם מאַניפעסט; די איבעריקע צאָלן דעם „סטעפּ רעיט". (44

א. הילמאַן, דער פאָרזיצער פון דער אָפּיס קאָמיטע, גיט אויך ניט אָן די אורזאַכן, פאַרוואָס די מיטגלידער נעמען ניט אָן דעם מאַניפעסט. עס גלויבט זיך ניט, אַז דאָס טוען די עלטערע מיטגלידער. פאַר זיי וואָלט דאָס דאָך געווען אַ געווינס: אין די יונגע יאָרן האָבן זיי געצאָלט לויט דעם „סטעפּ רעיט"; אין די עלטערע יאָרן וועלן זיי צאָלן לויט דעם „לעוול רעיט" פון די יונגע יאָרן. קוקט דערפאַר אויס, אַז די וואָס ווילן ניט איבערבייטן די צאָלונגען, זיינען העכסט וואַרשיינלעך דער יינגערער עלעמענט.

ווען דער אַרבעטער רינג טראַכט וועגן „סטעפּ רעיטס" בלויז פאַר די געוועזענע מיטגלידער פון „אינדעפּענדענט", קאָן זיין, אַז מיר זיינען מסכים מיט פריינט א. הילמאַן, אַז דאָס וואָלט פאַרגרינגערט די אַרבעט פון אָפּיס און עס וואָלט געווען מער באַקוועם. פאַרוואָס אָבער רעדוצירן די פראַגע צו אַזאַ קלייניקייט. פאַרוואָס ניט אָוועקשטעלן די פראַגע אין ליכט פון די אורזאַכן, צוליב וועלכע די מיטגלידער שטעלן זיך קעגן אַזאַ איבערבייט פון צאָלונגען. מיר זיינען זיכער, אַז אַ גרונטלעכע אויספאָרשונג וואָלט באַשטעטיקט, אַז די מערסטע מיטגלידער זיינען פאַר דעם „סטעפּ רעיט", ווייל זיי פילן פּילייכט אַמאָל אומבאַוואוסטזיניק, אַז אַזוינע צאָלונגען זיינען בעסער פאַר זייערע אינטערעסן.

די פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער רינג דאַרף ערנסט טראַכטן וועגן דער איינפירונג פון דעם „סטעפּ רעיט" פאַר די נייע מיט־גלידער, כדי צו עפענען אַ נייעם שטראָם פון מיטגלידער אין דעם אַרבעטער רינג.

מיר זיינען גראַד איינשטימיק מיט באַסקינ'ס פאָלגנדיקן אַנאַליז אין זיין באַריכט:

„זאָל דאָ קלאָר און דייטלעך געזאָגט ווערן, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער קוואַל, פון וועלכן מען קען שעפּן נייע מיט־גלידער אין די פאַרשיידענע טעריטאָריעס פון אַמעריקע, אין דער סאַוט און אין דער וועסט. אין דער ווייטער וועסט קען מען נאָך אַריינעמען הונדערטער און פיליכט טויזנטער מיט־גלידער. איך האַלט, אַז אין לאָס אַנדזשעלעס אַליין קאָנען מיר האָבן טויזנטער נייע מיטגלידער". 45)

מיר ווילן אָבער ציען די אויפמערקזאַמקייט פון פריינט י. באַסקין, אַז ווען ער זאָגט אין באַריכט: „אונזער מיטגלידערשאַפט טראַכט זיך פיליכט ניט אַריין ערנסט אין אונזערע פּראָבלעמען". 46) — זאָל ער דאָס אין דערזעלביקער מאָס אַנווענדן אויך אויף דער פירערשאַפט.

די „לעוועל רעיט" צאָלונגען זיינען צו גרויס. זיי זאַמלען אַ צו גרויסע רעזערוון. די דערפאַרונגען פון אַרבעטער רינג באַשטעטיקן דאָס. י. באַסקין דערקלערט אין זיין באַריכט אַזוי:

„מיר געברויכן דעם מאָרטשועריפאָנד אינדירעקט צו מאַכן גוט דעפיציטן. מיר געברויכן דאָס דורך דעם וועג פון דערקלערן ד י ו י ד ע נ ד ס . . . דורך אָט־דעם אינדירעקטן וועג באַנוצן מיר אַ גאַנצן קוואָרטאַל איינאַמע פון מאָרטשוערי פאָנד, וואָס באַטרעפט 70 טויזנט דאָלאַר צו דעקן דעפיציטן אין די פאַרשיידענע עקספּענס פאָנדס". 47)

דאָס מיינט אין פּשוט'ע ווערטער, אַז אַ פערט חלק פון די צאָלונגען פאַר'ן טויטן־בענעפיט פאָנד ווערט ניט באַנוצט פאַר זיין באַשטימטן צוועק. דער פאָנד פאַרמאָגט יעדנפאַלס געווען זיכערקייט. דאָס וואָס באַסקין גיט אָן, אַז דער אינשורענס דעפּאַרטמענט אַרגומענטירט קעגן דעם, איז נאָך ניט קיין באַווייז, אַז דאָס שטעלט אין געפאַר די פאָנדן. וואָלט ווירקלעך געווען אַ געפאַר,

וואָלט דער אינשורענס דעפּאַרטמענט ניט דערלויבט צו ווידערהאָלן אַזאַ פּראַקטיק.

אַז דער פאָנד איז צו גרויס, באַשטעטיקט אויך די אָנגענומענע רעקאָמענדאַציע באַ דער קאָנווענשן, פאָרגעשלאָגן פון דער פאַר־וואַלטונג קאָמיטע. פּונקט 2 לייענט זיך:

„אונזער קאָנסטיטוציע: אַרטיקל 10, פּאַראַגראַף 9, זאָל אַמענדירט ווערן און עס זאָל אַרויסגענומען ווערן די ווערטער „אָדער מער" און זאָל זיך לעזן: „די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט אַ רעכט פון צייט צו צייט, אויב דער רעזערוו פאָנד דערלויבט דאָס, צו געבן די מיטגלידער ניט מער, ווי איין קוואַרטל דיווידענדס אַ יאָר פון מאַרטשוערי פאָנד". 48)

די פירערשאַפט, מיינט דאָס, ווייסט, אַז דער רעזערוו האָט אַלע מעגלעכקייטן צו זיין צו גרויס. די דיווידענדס ווערן אָבער צו די מיטגלידער ניט געגעבן. זיי ווערן באַנוצט גוטצומאַכן אַנדערע דע־פיציטן, ווי מיר האָבן שוין געזען פון דער פריערדיקער ציטאַטע אונטער'ן נומער 47. דאָ ליגט דער סוד, וואָס צו דער 36־טער קאָנווענשן האָט מען געמאַכט אַ פאָרשלאָג וועגן אַ 3־סענטיקן טעקס פאַר'ן אָרגאַניזאַציע־פאָנד. ווען די מיטגלידערשאַפט האָט דאָס אָבער צוריקגעוויזן, האָט מען באַ דער איצטיקער קאָנווענשן ניט גערעדט מער וועגן אַ נייעם טעקס. די 70 טויזנט דאָלאַר וועלן דאָס דעקן.

אויב די צאָלונגען צום טויטן־פאָנד זיינען צו גרויס, טאָ פאַרוואָס ניט טראַכטן וועגן דעם „סטעפּ רעיט"?

מיר האָבן געבראַכט דעם גאַנצן אַנאַליז וועגן דעם אונטערשייד פון די צאָלונגען אין אַרבעטער רינג און אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָרבעטער אָרדן, כדי צו פירן אַ פריינטלעכע דיסקוסיע מיט דעם אַרבעטער רינג. מיר האָבן געפּרואווט אונטערזוכן וויסנשאַפטלעך און פעסטשטעלן די אורזאַכן, פאַרוואָס די אָרדן־צאָלונגען זיינען בעסער צוגעפּאַסט פאַר די נויטן פון די מאַסן. דער אַרבעטער רינג האָט מיט זיין פּראָלעטאַרישן חוש אַמאָל צוריקגעוויזן יענע צאָלונ־גען פון די פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען ענלעך אַף די צאָלונגען אין פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס. שוין צייט, אַז דער אַרבעטער רינג זאָל טראַכטן ערנסט וועגן „סטעפּ רעיטס" און

בכלל איבערנעמען דעם פּראָלעטאַרישן פּרינציפּ פון פּראַטערנאַ־ליזם אַלס אויסדרוק פון דער עקאָנאָמישער באַזע פון פּראַטערנאַ־ליזם.

פריינט י. באַסקין דערציילט אין זיין באַריכט, אַז אין די אינ־שורענס דעפּאַרטמענטס פון פאַרשיידענע שטאַטן פאַרלאַנגט מען שוין איצט, אַז מען זאָל איינפירן די צאָלונגען, לויט דער טאַבעלע פון „אַמעריקען עקספּיריענס טייבל“ 49). די טאַבעלע איז העכער, איידער די אויסרעכענונגען פון דעם „נעשאָנאַל פראַטוירנאַל קאָנ־גרעס“, ווייל זי איז אַ פאַרעלטערטע. באַסקין דאַרף וויסן, אַז דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל די שטערבלעכקייט אין אַמעריקע האָט זיך פאַרגרעסערט, און צוליב דעם איז ניטאָ די זיכערקייט. נאָר איז דעם ליגט די האַנט פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס. די אינשורענס קאָמישאָנערס זיינען מיט די אינשורענס קאָמפּאַניעס נעענטערע מחותנים, איידער מיט די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

י. באַסקין קאָן זיך ניט דערלויבן צו זאָגן:

> „ווי איר פאַרשטייט, קען מען אַזעלכע זאַכן ניט דעבאַ־טירן, צי מיר זאָלן דאָס איינפירן, צי ניט. ווען דער סטייט אינשורענס דעפּאַרטמענט פאַרלאַנגט, וועלן מיר דאָס מוזן איינפירן“. 50)

ניין, פריינט באַסקין! קעגן דעם וועלן די פראַטערנאַלע אָרגאַ־ניזאַציעס דאַרפן פירן אַ קאַמף, ווי קעגן יעדן אַנדער רעאַקציאָנערן געזעץ, וואָס ברענגט שאָדן די אַרבעטער. דאָ האַנדלט זיך אפילו ניט וועגן אַ געזעץ. דאָס איז בלויז אַ „רעגולאַציע“ פון אַ הויפּט פון אַ דעפּאַרטמענט, וועלכער ווערט אפילו ניט דערוויילט. דאַרפן די אַרבעטער זיין צופרידן צו צאָלן אַ העכערן פרייז פאַר זייער אינשורענס צוליב עמיצנס אַ ביוראָקראַטישן באַשלוס? באַוואוסט־זיניקע אַרבעטער דאַרפן זיכער ניט דערלאָזן אַזאַ זאַך. דער אַר־בעטער רינג, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ רייכע געשיכטע פון שטיצן אַר־בעטער קאַמפן, מוז אין דעם פאַל אַליין ווערן איינער פון די פירער פון אַ קאַמף, וואָס וואַקסט אַרויס פון די נויטן און אינטע־רעסן פון די מיטגלידער. אפילו אויב דאָס איז פאַר די מיטגלידער, וואָס דאַרפן ערשט אַריינקומען.

דער אַרבעטער רינג איז ניט אַליין אין דעם קאַמף. אַזאַ

פאַרלאַנג צו פאַרגרעסערן די צאָלונגען וואָלט אָנגערירט אַלע 41 פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן זייערע געשעפטן, לויט דעם „לעוול רעיט“ פון נעשאָנאַל פראַטוירנאַל קאָנגרעס 49), ווי אויך די 3 אָרגאַניזאַציעס, וואָס אָפּערירן לויט'ן „סטעפּ רעיט“. פאַר דעם קאַמף איז נויטיק און מעגלעך אַ געאייניקטע אַקציע פון אַלע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, איינגעשלאָסן די 84, וואָס באַלאַנגען צו דעם נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנגרעס. און פריער פון אַלע איז פאַר דעם נויטיק די אַקציע, פאַרשטענדיקונג און אָרגאַנישע אייניקייט פון יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַגרייפן די עקזיסטענץ פון קלאַסן-אינטערעסן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט. דער אַרבעטער רינג איז אַ פראַטערנאַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. דער אַרבעטער רינג דאַרף דערפאַר שטיין אין פאָדערגרונט פון אַזאַ קאַמף, וועלכער איז אין עצם אַ קלאַסן-קאַמף. דאָ ווערן פאַרטיידיקט די רעכט פון די אַרבעטער, די מעגלעכקייט פון די אַרבעטער פאַר בעסערער פאַרזיכערונג. די פאַרטיידיקונג איז קעגן די אַפּעטיטן פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס, וועלכע זוכן אָפּצושאַפן די קאָנקורענץ פון די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אונטער אַזוינע באַדינגונגען מוז פאַרשטאַרקט ווערן דער לאָזונג פון אייניקייט פון דער גאַנצער פראַטערנאַלער באַוועגונג, און פריער פון אַלץ פון די פראַטערנאַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. דער אָרדן און דער אַרבעטער רינג זיינען די לאָגישסטע צו זיין די ערשטע אין דער אַרבעט. נאָך אַ מער ברייטערע אייניקייט וועט מוזן קומען שפּעטער. דאָס פאָדערן די אינטערעסן פון די אָרימע מאַסן אין דער פראַטערנאַלער באַוועגונג, אָפּגעזען פון דער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון דער פירערשאַפט אין אַזוינע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די מיטגלידער שפּרייזן אַריבער די גרעניצן פון די פּאָליטישע פּלאַטפאָרמעס.

אין דער איבעראָריענטאַציע פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות אין אַמעריקע היינט צו טאָג וועט אַזאַ אייניקייט, אַזאַ געאייניקטער קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די מיטגלידער, ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין קאַמף פאַר די אַרבעטער אינטערעסן.

מיר ברענגען אָט-דעם אַנאַליז וועגן די נויטן, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער עקאָנאָמישער באַזע פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַ-

ליזם, צו דער אויפמערקזאַמקייט פון דעם אַרבעטער רינג. מיר גלויבן, אַז די אַרבעטער רינג פירערשאַפט, ווי די טויזנטער אַקטי־וויסטן אין די בראַנטשעס, וועלן מיט'ן גאַנצן ערנסט דערכשטודירן אונזער אַנאַליז. זיי וועלן דאַן מוזן קומען צום שלום, אַז „סטעפּ רעיטס" און אייניקייט זיינען דאָס געבאָט פונ'ם פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם.

## 24. צאָלונגען אין דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

צו דעם 25־יאָריקן יובילײ פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד שרייבט לואיס סיגאַל, דער גענעראַל סעקרעטאַר, אַזוי:

„די גרינדער פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד האָבן מיט 25 יאָר צוריק שוין געהאַט באַדייטנדע דערפאַרונג אין דער ניט פּראַקטישקייט און ניט־זיכערקייט פון אַ סיסטעם פון בענעפיטן, וואָס איז געבויט אַף צופעליקייטן און איז ניט צוגעפּאַסט צו דער מאָדערנער צייט. האָט דערפאַר דער פאַר־באַנד באַשלאָסן איינצופירן אין דער אָרגאַניזאַציע דעם מאָ־דערנסטן, פעסטסטן, וויסנשאַפטלעכסטן סיסטעם פון בענע־פיטן און צאָלונגען. אַ סיסטעם, וואָס איז אָנגענומען בא די גרעסטע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן אין אַמעריקע און אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

„איצט מיט 20 יאָר שפּעטער מעג דער פאַרבאַנד מיט רעכט שטאָלץ זיין, וואָס ער איז ניט געגאַנגען אַפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד. ער האָט אויסגעבויט אַ קער־פּערשאַפט, וואָס ווערט אין דער פאַרזיכערונגס־וועלט (צווישן אידישע און ניט־אידישע אָרדנס) באַטראַכט, ווי איינער פון די זיכערסטע סאָלידסטע אָרדנס אין לאַנד. זיינע אָנגע־זאַמלטע רעזערוון (אַרום 600 טויזנט דאָלאַר) זיינען מער ווי גענוגענד אויסצוצאָלן אַלע בענעפיטן צו די מיטגלידער און צו זייערע משפחות, פאַר וועלכע ער טראָגט פאַרפליכטונגען. . . . ווען מען זאָגט צו די מיטגלידער אין אַן אָרגאַניזאַציע קראַנקן אָדער טויטן בענעפיט, דאַרפן די הבטחות זיין באַ־זירט אַף וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען". 17)

מיר זיינען איינשטימיק מיט גאָר אַ גרויסן טייל פון דעם, וואָס מר. סיגאַל שרייבט. מיר וועלן בלויז אַנאַליזירן, ווי אַזוי דער פאַרבאַנד ווענדעט אָן אין דער פּראַקטיק די געדאַנקען, וואָס ער ברענגט אַרויס.

דער פאַרבאַנד גיט אַרויס אינשורענס לויט דער טאַבעלע פון „אַמעריקען עקספּיריענס" אויף אַ רעכענונג פון 4 פּראָצענט. ער פאַרמאָגט די פאַרשיידענע פאָרמען פון אינשורענס, ווי די פּריוואַ־טע אינשורענס קאָמפּאַניעס: אָרדינערי לאַיף, טוועטי פּעימענט לאַיף, פיפטין (15) פּעימענט לאַיף און ענדאָומענט. זיי פאַרמאָגן אַלע „פיטשורס" פון די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס, ווי קעש־וועלו, „פּעיד אַפּ" אינשורענס א. אַז. וו. אַלץ איז געבויט נאַטירלעך אַפן „לעוול רעיט". דער פאַרבאַנד איז איינער פון די 106 אָרדנס, וואָס מיר האָבן דערמאָנט אין אָנהויב פון דעם איצטיקן קאַפּיטל. 18)

מיר וועלן ניט ווידערהאָלן אַלע אַרגומענטן, וואָס מיר האָבן שוין ביז איצטער אַרויסגעבראַכט אין דער אונטערזוכונג וועגן די צאָלונגען פון „לעוול רעיטס" 19) און וועגן אַלע פאָרמען פון די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס 20). מיר וועלן אויך ניט איבער־געבן נאָכאַמאָל די פאַקטן וועגן די צאָלונגען אין די אַמעריקאַנער פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. 21)

דאָס פריער געזאָגטע דאַרף אויך אָנגעווענדעט ווערן צו די צאָלונגען פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. און מיר בעטן דעם לייענער אַליין זיי פאַרגלייכן מיט די צאָלונגען אין די אַנדערע אָרדנס. מיר ווילן דאָ בלויז אַרויסברענגען אַ צאָל פאַקטן, וואָס זיינען ספּעציפיש פאַר די אינשורענס פון דעם פאַרבאַנד.

5. סיגאַל שרייבט אין דעם אויסצוג, וואָס מיר האָבן פריער ציטירט:

> „די גרינדער . . . האָבן מיט 25 יאָר צוריק שוין געהאַט באַ־דייטנדע דערפאַרונג אין דער ניט פּראַקטישקייט . . . פון אַ סיסטעם . . . וואָס . . . איז ניט צוגעפּאַסט צו דער מאָדער־נער צייט" . . . 22)

זיינען מיר פולשטענדיק איינשטימיק, אַז מען מוז גיין מיט דער מאָדערנער צייט. פרעגט זיך אָבער, אויב שוין יאָ אַזוי, טאָ

פאַרוואָס האָט דער פאַרבאַנד אויסגעקליבן גראָד די אויסרעכענונגען פון דער „אַמעריקען עקספּיריענס", וואָס זיינען שטאַרק פאַרעלטערט? 23) ווען דער פאַרבאַנד האָט זיך געגרינדעט, אין יאַנואַר, 1913, זיינען שוין געווען די דערפאַרונגען און וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען פון דעם נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנגרעס, די מער מאָדערנע אויסרעכענונגען. טאָ פאַרוואָס האָט דעמלט דער פאַרבאַנד אויסגעקליבן גראָד די פאַרעלטערטע און ניט די מאָדערנע אויסרעכענונגען? צי וויל אפשר ל. סיגאַל ליקענען די וויסנשאַפטלעכקייט פון די אויסרעכענונגען פון דעם נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנגרעס? וואָס־וואָס, נאָר די „אַמעריקען עקספּיריענס" איז אָבער זייער ווייט פון צו זיין „מאָדערן", און אוואדע ניט אין יאָר 1937.

מיר גיבן צו, אַז דער פאַרבאַנד איז אַ זיכערער אָרדן. איז דאָך דאָס אָבער ניט ווייניקער ריכטיק צו זאָגן וועגן די אַנדערע אָרדנס, וואָס אָפּעררין לויט די רעכענונגען פונ׳ם נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנגרעס. צי דען זיינען די רעזערוון אין די אַנדערע אָרדנס ניט גענוג גוטצומאַכן די צאָלונגען?

לואיס סיגאַל דערקלערט ווייטער אין דעם זעלבן אויסצוג, וואָס מיר האָבן געבראַכט:

> „זיינע אָנגעזאַמלטע רעזערוון זיינען מער ווי גענוגנד אויסצוצאָלן אַלע בענעפיטן צו די מיטגלידער און צו זייערע משפחות, פאַר וועלכע ער טראָגט פאַרפליכטונגען" . . .

מיר גלויבן אין דעם ערנסטן ווילן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צו טראָגן באמת די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו די מיטגלידער און זייערע משפחות.

און טאַקע דערפאַר ווילן מיר ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צו אונזער גאַנצן אַנאַליז, וועלכער באַווייזט זייער קלאָר, אַז די פאָרמען פון אינשורענס אין פאַרבאַנד זיינען קעגן די בעסטע אינטערעסן פון די מיטגלידער און זייערע משפחות.

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד איז דאָך אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זוכט ניט קיין פּראָפיטן אין דעם אינשורענס־געשעפט. ער איז דאָך אַ פראַטערנאַלע קעגנזייטיקע הילף אָרגאַניזאַציע. מוז

דעריבער דער פאַרבאַנד זיך אַרומזען און זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן דעם, אַז ניט וויסנדיק און ניט ווילנדיק האָט ער באַנוצט די זעלביקע שעדלעכע פאָרמען און מעטאָדן, וועלכע עס באַנוצן פּריוואַטע, קאַפּיטאַליסטישע אינשורענס קאָמפּאַניעס, די אינשורענס קאָמפּאַניעס, וואָס זוכן צו מאַכן פּראָפיטן אַף דעם רעכענונג פון דער נויט פון די מאַסן.

ס'איז טאַקע אַ שטאָלץ צו פאַרמאָגן „אַ סיסטעם" פון אינשורענס, „וואָס איז אָנגענומען בײַ די גרעסטע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן אין אַמעריקע". אָבער עס וואָלט שוין גאָר ניט געווען קיין שטאָלץ אָנצוהאַלטן אַזוינע צאָלונגען אויך נאָכדעם, ווי מען געפינט אויס, אַז יענע געזעלשאַפטן זיינען אַ סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער, וואָס באַרויבן פּאַקטיש די אַלמנות און יתומים פון די אינשורטע.

עס איז ניט קיין שאַנדע צוצוגעבן אַ טעות. מיט 25 יאָר צוריק האָט זיך דער פירערשאַפט געקענט דוכטן, אַז אַזעלכע צאָלונגען זיינען די בעסטע, זיכערסטע א. אַז. וו. אויב די דערפאַרונגען האָבן אָבער אין די 25 יאָר באַוויזן, אַז זיי דינען ניט די בעסטע אינטערעסן פון די מיטגלידער, מוזן געמאַכט ווערן ענדערונגען.

צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן האָבן געוויסע מענטשן אין „טאָג" געפּרוּווט שאַפן אַן איינדרוק, אַז די צאָלונגען פון'ם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן זיינען ניט געבויט אַף קיין פעסטן וויסנשאַפטלעכן באַזיס 24). פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן קענען אַזוינע באַהויפּטונגען ניט מאַכן. מיר נעמען אָן, אַז דאָס איז געווען ניט מער, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט, „קאַמפּעין־טאָק", ריידעריי אין היץ פון דער מיטגלידער־קאַמפּאַניע.

די פאַרבאַנד־פירערשאַפט ווייסט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן אָפּערירט לויט די וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען פון דעם נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנגרעס; אַז דער אָרדן איז געטשאַרטערט און אָפּערירט אונטער דעמזעלביקן אויפזיכט פון די שטאַטן און זייערע אינשורענס קאָמישאָנערס, ווי דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד. די פאַרבאַנד־פירער ווייסן, אַז מיט דעם אָרדן וואָלט מען זיכער קיין אויסנאַמען ניט געמאַכט. מיר נעמען אָן, אַז די רייד וועגן אומפאַראַנטוואָרטלעכע צאָלונגען זיינען פון דעם

זעלביקן מין, ווי די רייד איז אַ פּאָר אַנדערע נומערן פון „טאָג“ וועגן דער פּרינציפּנלאָזיקייט פון אָרדן. זיי זיינען פון דעם זעל־ביקן כאַראַקטער.

מיר וועלן דערפאַר דאָ מאַכן אַ פּאַקטישן פאַרגלייך צווישן ביי־דע וויסנשאַפטלעכע סיסטעמען פון צאָלונגען: אין דעם אָרדן און אין דעם פאַרבאַנד.

באַם אויסאַרבעטן די טאַבעלע 14 האָבן מיר אַריינגענומען אַ טייל פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויסגאַבן און צוגערעכנט צו די אינשורענס. וועגן די אָרדן־אינשורענס האָבן מיר דאָסזעלבע געטאָן אין אונזער פאַרגלייך מיט די „רעניועבל טוירם“ 25). מיר האָבן אויך צוגעשטעלט אין דער איצטיקער אויסרעכענונג אַנדערהאַלבן דאָלאַר אַ יאָר. צו די פאַרבאַנד־צאָלונגען האָבן מיר צוגעשטעלט $2.60 אַ יאָר, לויט דער זעלביקער פּראָפּאָרציע פון זייערע צאָלונגען. פון דעם אָרגאַניזאַציע־פּאָנד פון $1.65 אַ קוואַרטל, וואָס דער פאַר־באַנד־מיטגליד צאָלט, האָבן מיר בלויז גענומען די 65 סענט אַ קוואַרטל. דאָס מאַכט אויס $2.60 אַ יאָר.

מיר וועלן ניט ווידערהאָלן דעם גאַנצן אַנאַליז. דעם לייענער איז שוין באַקאַנט דער פּלאַן פון אונזערע טאַבעלן, און ער וועט זיך אין זיי קענען אַליין פאַנאַנדערקלייבן. מיר'ן דאָ בלויז באַנוצן דעמזעלביקן ביישפּיל פון אונזערע 2 פריינט. יעקב איז אַריין אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און זרח איז אַריין אין אָרדן.ביידע אין עלטער פון 25 יאָר. ביידע מיט דעם אַפּמאַך אַרונטערצונעמען די סומע פון $17.68 יעדן יאָר, און זרח זאָל שפּאָרן דעם אונטער־שייד. מיר האָבן דאָ געמאַכט איין אויסנאַם. מיר האָבן אויס־גערעכנט זרח'ס אָנזאַמלונג בלויז אויף 3 פּראָצענט איינקונפט, וואָס מען קען באַקומען אין אַ באַנק. די אויסרעכענונג איז פאַר טויזנט דאָלאַר אינשורענס. לויט אַ 4־פּראָצענטיקער אויסרעכענונג, וואָלטן די פאַרבאַנד־צאָלונגען געוועזן נאָך העכער, אַזוי אַז אונזער אויסרע־כענונג איז קאָנסערוואַטיוו און לטובת דעם פאַרבאַנד.

מיר ווילן דאָ ציען די אויפמערקזאַמקייט צו דעם אונטערשייד אין דער אָנזאַמלונג, וועלכער איז נאָך גרעסער, ווי דער אונטער־שייד צווישן די צאָלונגען פון אַן אָרדינערי פּאָליסי און „רעניועבל טוירם“ אין אַ פּריוואַטער לאַיף אינשורענס קאָמפּאַניע 26). דאָס

# פאַרגלייך פון צאָלונגען אין דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן

| עלטער | אין קראַפט | צאָלונגען אין פאַרבאַנד | נען אין צאָלונ־ אָרדן | נעשפאַרט | 3 פּראָצענט | פאַקטיש געצאָלט | פאַקטישע פאַרזי־ כערונג | פאַקטישער קאָסט | פאַקטישער פאַרמעגן | פעיד אַפּ אינשורנס | קאָסט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 25 | 1 | $17.68 | $ 6.78 | $ 10.90 | $ .32 | $17.68 | $989.10 | $18.00 | $1,010.90 | | |
| 34 | 10 | 17.68 | 7.62 | 132.73 | 3.98 | 21.66 | 867.23 | 23.88 | 1,132.73 | 12 | $14.25 |
| 44 | 20 | 17.68 | 10.02 | 281.86 | 8.46 | 26.14 | 718.14 | 35.00 | 1,281.86 | 15 | 22.25 |
| 54 | 30 | 17.68 | 16.26 | 448.11 | 13.46 | 31.14 | 552.45 | 54.60 | 1,448.11 | 17 | 34.80 |
| 62 | 38 | 17.68 | 27.00 | 527.30 | 15.26 | 32.94 | 472.70 | 66.50 | 1,527.30 | 15 | 48.00 |
| קאָלום 77 | 78 | 79 | 80 | 81 | 82 | 83 | 84 | 85 | 86 | 87 | 88 |

טאַבעלע 14.

נעמט זיך דערפון, וואָס די אָרדן־צאָלונגען זיינען קלענער, איידער די רעניועבל טוירם, און דעם פאַרבאַנד'ס „אָרדינערי" איז נאָך עט־וואָס טייערער פון פּריוואַטע אינשורענס, צוליב דעם באַזונדערן אָפּצאָל פאַר די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויסגאַבן.

ווען איר וועט אַנאַליזירן די טאַבעלע, וועט מוזן ווערן קלאָר, אַז אַזאַ סיסטעם פון צאָלונגען, ווי דער פאַרבאַנד פאַרמאָגט, איז שעדלעך פאַר דעם מיטגליד און איז נאָך שעדלעכער פאַר דער פאַמיליע. דער מיטגליד אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן קען פּאַקטיש פאַר דיזעלבע געלט פאַרזיכערן זיין פאַמיליע אַף כמעט 3 מאָל אַזוי פיל.

נאָך מער זעט זיך אָן די שעדלעכקייט, ווען מיר באַטראַכטן דעם צוזאָג פון „פּעיד אָפּ" אינשורענס. איר ווייסט שוין פון פריער געזאָגט, וואָס עס מיינט „פּעיד אָפּ" אינשורענס און וויפיל דער אינשורטער פאַרלירט דורכדעם. 27)

אין די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס ווערט אַמווינציקסטן אָנגעגעבן צו וויפיל „פּעיד אָפּ" אינשורענס דער מיטגליד איז באַרעכטיקט. יעדע פּאָליסי האָט אַ טאַבעלע, וואָס גיט אָן גענוי די צאָל יאָרן און טעג, לויט דעם געגעבענעם עלטער פון דער פּאָליסי. ווען מיר האָבן אָבער אין קאָלום 81 פון דער טאַבעלע 14 אָנגעגעבן די באַשטימטע צאָל יאָרן, איז דאָס בלויז געווען אַ ביישפּיל אין פאַרגלייך מיט די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס. אין דער פּאָליסי פון פאַרבאַנד, וואָס געפינט זיך אין אונזערע הענט, איז אַפילו אַזאַ אָנגאַבע ניט פאַראַן.

ווען מיר עקזאַמינירן די קאָנסטיטוציע פון דעם פאַרבאַנד, געפינען מיר יע אויס, וואָס פאַר אַ „פּעיד אָפּ" אינשורענס דער מיטגליד באַקומט אַף אָט־דער „פּאָליסי". אָט־וואָס די קאָנסטיטוציע שרייבט:

> „דער פאַרבאַנד דאַרף האָבן אַ רעזערוו אין איינקלאַנג מיט דער סיסטעם, בכדי צו קענען האָבן די פּריווילעגיעס פון די אינשורענס־געזעצן צו געבן די חברים „פּעיד אָפּ" פּאָליסיס, פאַרלייגערטע אינשורענס (עקסטענדעט אינשורענס) גלייך צום ווערט פון דעם טייל פון רעזערוו, וואָס גייט פאַר'ן קרעדיט פון די מיטגלידער, צום מזומן־ווערט פון די פּאָליסיס

## „טווענטי פעימענט לאַיף“ פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. פאַרגלייך מיט די צאָלונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

| עלטער | אין קראַפט | פאַרבאַנד־צאָלונגען | אָרדן־צאָלונגען | געשפּאָרט | פּראָצענט | פאַקטיש געצאָלט | פאַקטישע פאַרזיכערונג | פאַקטישער קאָסט | פאַקטישער פאַרמעגן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 35 | 1 | $29.40 | $ 7.74 | $ 21.66 | $ .86 | $29.40 | $ 978.34 | $ 29.40 | $1,021,60 |
| 44 | 10 | 29.40 | 10.02 | 249.24 | 9.98 | 39.38 | 750.76 | 52.50 | 1,249.24 |
| 54 | 20 | 29.40 | 16.26 | 568.17 | 22.73 | 52.13 | 431.83 | 110.00 | 1,568.17 |
| 77 | 21 | | 17.34 | 576.06 | 23.06 | 23.06 | 423.74 | 50.00 | 1,576.36 |
| 55 | 31 | | 36.42 | 577.27 | 23.09 | 23.09 | 422.73 | 50.00 | 1,577.27 |
| 65 | 43 | | 103.40 | | | | 1,000.00 | 103.40 | 1,000.00 |
| קאָלום 89 | 90 | 91 | 92 | 93 | 94 | 95 | 96 | 97 | 98 |

טאַבעלע 15.

און הלוואות, לויט דעם ווערט פון די פאָליסים. דאָס קען געגעבן ווערן, ווען דער חבר מאכט אויס אַן אַפּליקיישן, נאָכ־דעם, ווי ער האָט געצאָלט דריי (3) יאָר צייט (12 קוואָר־טאַלן) זיינע דיוס, לויט דער סיסטעם אין גאַנצן". 28)

פון דעם דערוויסן מיר זיך, אַז דער פאַרבאַנד־מיטגליד קען באַקומען „פּעיד אָפּ" אינשורענס בלויז אָפּהענגיק אַן דעם צושטאַנד פון די פאַרבאַנד־רעזערוון און לויט אַזעלכע רעזערוון, וועלכע די אינשורענס־געזעצן פאַרלאַנגען. דאָס מיינט פּשוט, אַז די „פּעיד אָפּ" אינשורענס אינגאַנצן גענומען איז פון אַן אומבאַשטימטן כאַ־ראַקטער, ווייל דער מיטגליד קען קיינמאָל אין פאָראויס ניט וויסן, וויפיל ער וועט באַקומען. דאָס איז נאָך פיל ערגער, ווי אין אַ פּריוואַטער אינשורענס קאָמפּאַניע.

נאָך ערגער איז דאָס אויך מיט דעם, וואָס כדי צו באַקומען די „פּעיד אָפּ" אינשורענס, מוז דער מיטגליד אָנהאַלטן זיינע צאָ־לונגען צו אַלע אַנדערע פאָנדן, וואָס זיינען גאַנץ הויך, איינגע־שלאָסן דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן אָפּצאָל. די צאָלונגען באַטרעפן אַ מאָל מער, איידער די צאָלונגען פאַר אינשורענס אויף „רעניוועבל טוירם", און זיכער מער, ווי אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

דער פאַרבאַנד, וואָס איז, ווי איך גלויב, ערנסט אין זיין פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט צו די מיטגלידער און זייערע משפחות, מוז זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן אַזוינע מאָדערנע און בעסטע אינשורענס־פאָרמען.

לאָמיר איצט פּרואוון פאַרגלייכן אַ פאַרבאַנד־פּאָליסי פון „טווענטי פּעימענט לאַיף" מיט אַן אָרדן־פּאָליסי. די איבערצאָלונג איז אויסגערעכנט אויף 4 פּראָצענט (טאַבעלע 15).

דאָ זעט זיך נאָך שאַרפער אָן די שוועריקייט פאַר דעם פאַר־באַנד־מיטגליד אָנצוהאַלטן די צאָלונגען. דאָ זעט מען נאָך בולט'ער, אַז אין דער צייט, ווען דער מיטגליד נויטיקט זיך אין וואָס מער אינשורענס, איז ער פּאַקטיש זייער ווייניק פאַרזיכערט.

די טאַבעלע 15 איז, פאַרשטייט זיך, לויט אונזער אָנגענומענעם פּלאַן. דערפאַר ווידערהאָלן מיר ניט די גאַנצע דיסקוסיע.

באַ דער געלעגנהייט איז ווערט איבערצוגעבן, וואָס די פאַר־באַנד־קאָנסטיטוציע זאָגט וועגן די איבערגעצאָלטע געלטער:

„דער בענעפישערי פאָנד פון פאַרבאַנד זאָל באַשטיין פון די צאָלונגען פון יעדן חבר נאָך דער ענדע פון ערשטן יאָר, און פון די צאָלונגען פון יעדן נייעם מיטגליד פון ערשטן יאָר, וואָס גייט פאַר די לויפנדע טויטן־פאַלן און פון עקסטרע־צאָלונגען, אויב אַזעלכע ווערן, אונטער די אינשורענס געזעצן פון ניו־יאָרק סטייט, קאָלעקטירט.

„דער אַלגעמיינער פאָנד באַשטייט פון די צאָלונגען פון די מיטגלידער פאַר'ן ערשטן יאָר (אַרונטעררעכענענדיק די טויטן־פאַלן אויסגאַבן) פון פער קאַפּיטאַ טעקס און ספּעציע־לע צאָלונגען, אויב אַזעלכע ווערן געמאַכט פאַר דיזן פאָנד". 29)

אַזאַ דערקלערונג באַשטעטיקט, אַז דער רעזערוו איז פאַקטיש די אָנזאַמלונג פון דער איבערגעצאָלטער סומע. דער רעזערוו, אין זיין גרעסטן טייל, באַלאַנגט פאַקטיש צו דער משפּחה, ווען דער מיטגליד שטאַרבט.

דער פאַרבאַנד פאַרמאָגט ניט קיין גרעסערע שטערבלעכקייט, איידער עס גיט אָן די „אַמעריקאַן עקספּיריענס" טאַבעלע. אַפילו ניט קיין גרעסערע, ווי לויט דער טאַבעלע פון דעם נאַציאָנאַלן פראַ־טערנאַלן קאָנגרעס. אין 1927 איז די שטערבלעכקייט פאַר יעדע טויזנט מיטגלידער געווען 3½ (3.5). אין 1928 — עטוואָס איבער 6 (6.2). אין 1929 — ווינציקער פון 5 (4.7). אין 1930 — עטוואָס מער פון 4 (4.29). אין 1931 — 7, אין 1932 — 6. אין 1933 — עטוואָס מער פון 6 (6.14). אין 1934 — עטוואָס מער פון 8 (8.4). אי 1935 — 7 און אין 1936 — ווינציקער פון 7 (6.6) 30). אַזאַ שטערבלעכקייט האָט זיכער געקאָנט געדעקט ווערן דורכ'ן „סטעפּ רעיט" פון נאַציאָנאַלן פראַטערנאַלן קאָנגרעס. די אָנגעזאַמלטע רעזערוון דורך די איבערגעצאָלטע סומען פון די פאַרשטאָרבענע מיטגלידער האָבן געקאָנט אומגעקערט ווערן צו זייערע פאַמיליעס.

צו דער געלעגנהייט פון דעם 25־יאָריקן יובילייִ האָט דער פאַר־זיצער פון פאַרבאַנד דוד פּינסקי געהאַלטן אַ רעדע אין ניו־יאָרקער היפּאָדראָם. פון זיין רעדע ציטירן מיר דעם פאָלגנדיקן טייל:

„אָבער אַ נייער אָרדן האָט אָנגעוויזן אויף נייע מעגלעכ־קייטן צוצוקומען צו די מאַסן. אַ נייער אָרדן פון ארבעטער און פאָלקס מענטשן מיט אַ נייער וויסנשאַפטלעכער פאַרזי־כערונגס־סיסטעם קאָן ווערן אַ וועג צו גרעסערע מאַסן און געבן די מעגלעכקייט צו געווינען זיי און מדריך צו זיין זיי פאַר טעטיקייטן, וועלכע זיינען נויטיק פאַר דער האַלטונג פון דער אידישער קולטור דאָ אין לאַנד". 31)

וועגן דער „נייער וויסנשאַפטלעכער סיסטעם" פון פאַרבאַנד האָבן מיר שוין געקראָגן אַ באַגריף. און ווי קומט דאָס טאַקע, וואָס „דער נייער אָרדן, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף נייע מעגלעכקייטן צוצו־קומען צו די מאַסן", איז געבליבן אַזוי אָפּגעשניטן פון די מאַסן? אין משך פון 25 יאָר, אין אַ פּעריאָד פון אויפשוואונג פון נאַציאָ־נאַליזם און פון ציוניסטישע באַוועגונגען, האָט דער פאַרבאַנד ניט געקוקט אויף אַלע זיינע אָנשטריינגונגען, קוים באַוויזן צו דערגרייכן 10 — 12 טויזנט מיטגלידער. און דאָס איז אויך ערשט דערגרייכט געוואָרן אין די לעצטע פּאָר יאָר. אין דעם פּראָספּעריטי־יאָר 1928, נאָך 16 יאָר עקזיסטענץ, האָט דער פאַרבאַנד אינגאַנצן פאַרמאָגט אַרום 6 און אַ האַלב טויזנט מיטגלידער (6.556). 32)

וואָלטן די פאַרבאַנד־פירער זיך ערנסט אַריינגעטראַכט, וואָלטן זיי אויסגעפונען, אַז זייער „נייער וויסנשאַפטלעכער סיסטעם פון אינשורענס" איז געוואָרן דער באַריער אויפ'ן וועג פון און צו די מאַסן. זינט 1929 איז דער פאַרבאַנד געוואַקסן, צוגעקראָגן אַרום 5 טויזנט נייע מיטגלידער. דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן (איך האָב אין זינען די אידישע סעקציע אַליין), איז אין משך פון 8 יאָר צייט אויסגעוואַקסן ביז 35 טויזנט מיטגלידער, פּונקט 7 מאָל אַזוי פיל. און איך רעכן דאָ ניט די העכער צען טויזנט אידן, וואָס געפינען זיך נאָך אין די אַנדערע סעקציעס פון דעם א. אַ. אָ.

די פאַרבאַנד־פירערשאַפט דאַרף זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן די אורזאַכן פון דעם דורכפאַל. מיר וועלן דאָ פּרואוון אָנווייזן אויף אַ צאָל פון זיי: 1) אינשורענס, אַז און פאַר זיך, קען ניט באַנוצט ווערן, ווי אַ מיטל גלאַט אַזוי זיך, צו גרייכן די מאַסן. מען קען ניט טראַכטן באַ זיך: מיר ווילן האָבן די מאַסן, וועלן מיר זיי אַריינציען, פאַרנאַרן צו זיך, דורך אינשורענס. 2) די באַדערפעניש

פון אינשורענס וואַקסט אַרויס פון דער עקאָנאָמישער נויט פון די מאַסן. צוליב דעם מוז די אינשורענס פריער פאַר אַלץ זיין צוגע־פּאַסט צו אָט־דער עקאָנאָמישער נויט. און 3) אויב די עקאָנאָמישע נויט פון די מאַסן זוכט אַ לייזונג, מוז דאָס ווערן אַ געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר. אין דער אידישער גאַס מוז עס ווערן אַ אידישער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר.

צוליב דעם באַגריף, אַז דורך אינשורענס וועט ער גרייכן די מאַסן, זיי צו באַווירקן מיט זיין נאַציאָנאַליסטישער און ציוניסטי־שער אידעאָלאָגיע, האָט דער פאַרבאַנד זיך אָבער אָפּגעטיילט פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די זעלבע אידישע מאַסן, וועלכע ער האָט געזוכט צו געווינען. ער האָט זיך אויך אָפּגעטיילט פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער און האַרע־פּאַשנער באַפעלקערונג. צוליב דעם זיינען פאַר דעם פאַרבאַנד גע־בליבן פרעמד די יסודות פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם.

דער פאַרבאַנד האָט אויסגעקליבן אַ פאַרעלטערטע פאָרמע פון אינשורענס, וואָס האָט אין זיך אַלע שעדלעכע און כאַראַקטערים־טישע עלעמענטן פון קאַפּיטאַליסטישע אינשורענס־געשעפטן. אַזאַ פאָרמע אין דער פראַטערנאַלער באַוועגונג איז בלויז אין די אינטע־רעסן פון דעם הערשנדיקן קלאַס. דער פאַרבאַנד איז דאָ געפאַלן אַ קרבן צוליב זיין ניט פאַרשטיין די עקאָנאָמישע קלאַסן־באַזע פון פראַטערנאַליזם, די קלאַסן־קעגנזאַצן אין די אינשורענס־פאָרמען גופא.

מיר וועלן איצט באַווייזן דורך אַ פּאָר קאָנקרעטע פאַקטן, וואָס דאָס מיינט אין דער פּראַקטיק פאַר די מיטגלידער. די דורכשניט־לעכע אינשורענס אין פאַרבאַנד האָט אין 1936 באַטראָפן $316 (33). אין אָרדן — $500. דער אינשורענס־דורכשניט פון דעם נייעם צוגע־קומענעם מיטגליד אין פאַרבאַנד איז בלויז $185 (34). פון וואַנעט נעמט זיך אַזאַ קליינע סומע אינשורענס? ניט צוליב דעם, ווייל אַזוי פאָדערט די נויט פון די מאַסן. די מאַסן דאַרפן וואָס מער אינשורענס. אָבער די הויכע צאָלונגען דערלאָזן דאָס ניט. דער אָרדן־מיטגליד איז במעט אינשורט אויף צוויי מאָל אַזויפיל. דאָס איז געוויס ניט קיין צופאַל. דאָס נעמט זיך פון די קלענערע צאָ־לונגען אין אָרדן פאַר אינשורענס.

נאָך שאַרפער זעט זיך אָן דער אונטערשייד, ווען מיר פאַר־גלייכן די אַלגעמיינע צאָלונגען אין פאַרבאַנד און אין דעם אָרדן. אין עלטער פון 35 יאָר, פאַר טויזנט דאָלאַר אינשורענס, $6 א וואָך קראַנקן־בענעפיט, סעמעטערי און פיונעראַל, — צאָלט דער אָרדן־מיטגליד $4.35 א קוואַרטל. דער מיטגליד פון נאַציאָנאַלן אַרבע־טער פאַרבאַנד צאָלט אָבער $7.86, אַן אונטערשייד פון $3.51 א קוואַרטל.

און אַפילו מיט גאַנצע 20 יאָר שפּעטער, אין עלטער פון 55 יאָר, צאָלט דער אָרדן־מיטגליד $6.48 — נאָך אַלץ מיט $1.38 ווייני־קער. אויסער דעם איז פאַראַן נאָך א גרויסער אונטערשייד: דער פאַרבאַנד־מיטגליד באַקומט בלויז $100 קאָנסאָמפּשן־בענעפיט. דער אָרדן־מיטגליד — $600.

דער אונטערשייד אין די צאָלונגען איז דורכשניטלעך גרויס גענוג פאַר דעם אָרדן־מיטגליד צו באַזאָרגן זיך מיט נאָך $1,000 עקסטרע אינשורענס אין דעם עלטער, ווען ער מוז דאָס אַזוי נויטיק האָבן.

דאָס איז נאָך אויך ניט אַלץ. דער אָרדן־מיטגליד האָט נאָך אַנדערע פאָרצוגן איבער דעם פאַרבאַנד־מיטגליד. דער פאַרבאַנד האָט אויך, ווי דער אָרדן, א מעדיקל דעפּאַרטמענט, פאַר וועלכן דער מיטגליד צאָלט 30 סענט א קוואַרטל עקסטרע. פאַר די 30 סענט באַקומט אָבער דער פאַרבאַנד־מיטגליד בלויז די פּריווילעגיע צו צאָלן דעם דאָקטאָר א רעדוצירטן פּרייז.

דער אָרדן־מיטגליד קריגט דאָקטאָר־באַהאַנדלונג אינגאַנצן פריי פאַר בלויז 25 סענט א חודש עקסטרע. אַזא פרייע דאָקטאָר־באַ־האַנדלונג מיינט אָפטמאָל פאַר דעם מיטגליד צו שפּאָרן א סומע, וואָס איז די גרויס פון דער גאַנצער צאָלונג צום אָרדן.

די פאַרבאַנד־מיטגלידער טראָגן אויך אויף זיך א שווערע לאַסט פון הויכע לאָקאַלע צאָלונגען, וואָס באַטרעפן אָפט צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

דער אַנאַליז וועגן דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד איז געמאַכט געוואָרען אויף אַן אויפריכטיקן אָביעקטיוון אופן, אָן שום בייזוויליקע כוונות. איך גלויב, זאָג איך דאָ נאָכאַמאָל, אַז די פאַר־באַנד־פירערשאַפט איז ערנסט אין איר באַציאונג צו די מיטגלידער.

און טאָקע צוליב די אורזאַכן, לייג איך זיי פֿאַר דעם אַנאַליז און די אָפּשאַצונג פֿון די רוויבערישע געשעפֿטן פֿון די אינשורענס קאָמפּאַניעס און די שעדלעכקייט פֿון געוויסע אינשורענס פּאָליסים. און בלויז דערפֿאַר ציען מיר זייער אויפֿמערקזאַמקייט צו דעם פֿאַקט, אַז די רעיט־צאָלונגען אין אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער פֿאַרבאַנד, דינען ניט די עקאָנאָמישע נויטן פֿון זייער מיט־גלידערשאַפֿט; אַז ניט געקוקט אױף די בעסטע כּוונות פֿון דער פֿירער־שאַפֿט, ליידן פֿון די פֿאַרעלטערטע רעיטס די מיטגלידער און זייערע משפּחות.

דער פֿאַרבאַנד, וואָס ווערט מיט רעכט באַצייכנט, ווי אַ פּראָ־טערנאַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, מוז פֿירן זיינע געשעפֿטן אין איינקלאַנג מיט די באַגריפֿן און אינטערעסן פֿון דעם פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם. דער פֿאַרבאַנד דאַרף ערנסט טראַכטן, ווי אַזוי איינצופֿירן ווינציקסטנס דעם „סטעפּ רעיט" פֿאַר די נייע מיט־גלידער. ער קען ראַדיקאַל לייזן זיינע פּראָבלעמען דורך דעם וועג פֿון אייניקייט מיט דער גאַנצער פּראָטערנאַלער אַרבעטער באַוועגונג און מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

אויך דוד פּינסקי'ס וואונטש צו דערגרייכן די מאַסן פֿאַר דער אויפֿהאַלטונג, און מיר ווען צוגעבן, פֿאַר דער ווייטערדיקער בויאונג פֿון דער אידישער קולטור, קען אַמבעסטן פֿאַרווירקלעכט ווערן בלויז דורך דעם וועג פֿון אייניקייט און פֿאַראייניקונג. פּראָטערנאַליזם איז באַזירט טאָקע אויף עקאָנאָמיק. פּראָטערנאַליזם איז אָבער אויך ברידערלעכקייט, די גרעסטע אייניקייט, די גרעסטע קולטור.

# זעקסטער קאַפּיטל

25) אינדוסטריעלע אינשורענס.
26) די פרוי און איר ראָל אין פאַרבינדונג מיט אינשורענס.
27) דערפאַרונגען פון אינדוסטריעלע אינשורענס אין שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס.
28) „גרופּ"-אינשורענס.

## 25. אינדוסטריעלע אינשורענס

איינע פון די פּאָפּולערסטע פאָרמען פון פאַרזיכערונג איז „אינדוסטריעלע" אינשורענס. פּראָפעסאָר געפּהארט זאָגט וועגן איר, ווי פאָלגט:

„דער נאָמען אינדאַסטריעל באַשטעטיקט, אַז אַט־די פּאָליסי האָט באַזונדערס אינזינען די אַרבעטנדיקע קלאַסן . . . דער אונטערשייד צווישן אָרדינערי און אינדאַסטריעל אינשורענס באַשטייט דערין, וואָס אָרדינערי איז אינשורענס אין האָלסייל און די צווייטע איז אינשורענס אין ריטייל. אַזוי איז אויך דער פּרייז אונטערשייד". 1)

די מציאה פון אינשורענס אין „האָלסייל" האָבן מיר שוין געזען. און מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פּרייז מען מוז באַצאָלן פאַר אינשורענס אין "ריטייל" (איינצל־פאַרקויף). דער פּרייז ווערט נאָך העכער צוליב דעם, וואָס דאָס ווערט פאַרקויפט אויף דעם „אינסטאָלמענט" (אויסצאָלונג) פּלאַן.

דזשאָזעף ב. מעקליין שרייבט דאָס פאָלגנדיקע וועגן אַזאַ פאַרזיכערונג:

„אינדאַסטריעל אינשורענס איז אַ געשעפט פון פאַרזיכערונג, פאַר קליינע סומען אויף מאָנאַטלעכע אָדער וועכנטלעכע אויסצאָלונגען, פאַר דעם אַרבעטער קלאַס. די מיטגלידער פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן קענען זיך ניט דערלויבן צו האָבן פאַרזיכערונג, ווען זיי דאַרפן צאָלן יאָרלעכע אָדער האַלב־יאָרלעכע צאָלונגען, וועלכע די קאָמפּאַניעס פאַרלאַנגען אין דעם פאַל פון געוויינלעכע אינשורענס. די אַרבעטער מאַסן

האָבן מורא צו אונטערנעמען אַף זיך אַזוינע צאָלונגען. דורך דעם, וואָס עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אינשורענס אַף וועכנטלעכע 5-סענטיקע אָפּצאָלונגען, ווערט געשאַפן די מעג־לעכקייט, אַז אינשורענס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די באַדינ־גונגען פון אָט־די מענטשן . . . אויסער פּראָטערנאַלע אָרגאַ־ניזאַציעס איז ניטאָ קיין אַנדער וועג, דורך וועלכן די מענטשן, וואָס לעבן פון שכירות, זאָלן זיך קענען באַזאָרגן מיט אינשורענס פאַר סומען, וואָס זיי קענען זיך דערלויבן, און אַף באַדינגונגען, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו זייערע אומשטענדן". 2)

דר. מאָריס טעילאָר זאָגט אויך, אַז אינדוסטריעלע אינשורענס טראָגט דעריבער אַזאַ נאָמען, ווייל די סיסטעם איז געפּלאַנירט צו לינדערן די נויטן פון לוין־אַרבעטער, פון באַשעפטיקטע אין פאַב־ריקן. לויט דער באַשעפטיקונג פון די פּאָליסי־אייגנטימער, ווערט פעסטגעשטעלט, אַז די פּאָליסים נעמען אַרום אַלע עלעמענטן פון דעם נידעריק־באַצאָלטן קלאַס פון דער באַפעלקערונג, אין פאַבריק און אויסער דער פאַבריק. ניט בלויז עקאָנאָמיש, נאָר אויך פּסי־כאָלאָגיש איז דער פּלאַן פאַר זיי צוגעפּאַסט. דאָס ווערט באַשטע־טיקט פון דעם מעטאָד איינצוזאַמלען די צאָלונגען נאָענט פון דעם טאָג, ווען דער אָרימער מענטש באַקומט זיין לוין. 3)

די אינדוסטריעלע פּאָליסים, — זאָגט טעילאָר, — ווערן גע־וויינלעך געקויפט פון אַזעלכע מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר לוינען אין פאַבריקן, שאַכטעס, טראַנספּאָרט און אַנדערע אינדוסטריעלע באַשעפטיקונגען. דאָס איז אַ גרופּע וואָס קען מיט זיכערקייט באַצייכנט ווערן, ווי דער שטאָטישער שכירות־פאַרדינער.

מיר קענען דעריבער מיט זיכערקייט דערקלערן, אַז אינדוסט־ריעלע אינשורענס ווערט הויפּטזעכלעך פאַרקויפט צו דעם נידע־ריק־באַצאָלטן קלאַס פון דער באַפעלקערונג. אַרום 53 מיליאָן מענטשן פאַרמאָגן אַזוינע אינשורענס. דאָס איז דער אָרימסטער טייל פון דער באַפעלקערונג.

באַם סוף פון יאָר 1935 האָבן זיך אין אַמעריקע געפונען נאָענט צו 84 מיליאָן פּאָליסים (83,970,853), וואָס האָבן באַטראָפן העכער פון 18 ביליאָן דאָלאַרן ($18,297,543,092). 4) דאָס מיינט, אַז די

דורכשניטלעכע פּאָליסי האָט באַטראָפן אַרום $200. דאָס באַווייזט, אַז די סומע אינשורענס איז געוויינלעך אַ קליינע, כאָטש אָפט פאַרמאָגט איין מענטש מער, ווי איין פּאָליסי.

מיר האָבן געזען, אַז ווען מעקליין דערמאָנט די אינדוסטריעלע פּאָליסי, פאַרבינדעט ער זי מיט די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס 5). דאָס איז ניט קיין צופאַל. די אינדוסטריעלע אינשורענס איז געבויט אויף דער זעלביקער עקאָנאָמישער באַזע, ווי די פראַטער־נאַלע באַוועגונג. מעקליין ברייננגט אויך אַרויס, אַז אין די מערסטע פאַלן ווערן אַזוינע פּאָליסיס גענומען צו דעקן מעדיצינישע און באַערדיקונג־אויסגאַבן. אויך דער געדאַנק איז פאַרבונדן מיט דער מיטגלידערשאַפט אין די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. דערפון ווערט קלאָר, אַז אינדוסטריעלע אינשורענס האָט נאָך אַ גרעסערע שייכות מיט דער פראַטערנאַלער באַוועגונג, איידער די אַלגעמיינע אינשורענס.

אינדוסטריעלע אינשורענס איז טאַקע אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אַמעריקע אין 1875 דורך דער געוועזענער „פּרודענשל פרענדלי סאָסייעטי", וואָס איז פון אַ פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן אינשורענס קאָמפּאַניע, די איצטיקע „פּרו־דענשל לאַיף אינשורענס קאָמפּאַניע".

איינצייטיק מיט'ן וואוקס פון דער צאָל אינדוסטריעלע אַר־בעטער אין אַמעריקע, וואַקסן די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, און נאָך שטאַרקער וואַקסט אינדוסטריעלע אינשורענס.

| יאָר | וואוקס פון אינדוסטריעלע אַרבעטער | וואוקס פון פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס | וואוקס פון דער צאָל אינד. פּאָליסיס |
|---|---|---|---|
| 1880 | 2,053,000 | 78 | 200,000 |
| 1890 | 4,251,000 | 124 | 3,900,000 |
| 1900 | 6,305,000 | 136 | 11,200,000 |
| 1910 | 8,750,000 | 230 | 23,000,000 |

טאַבעלע 16.

נאָך אַ גרעסערער וואוקס קומט אין די ווייטערדיקע יאָרן.

## וואוקס פון אינדוסטריעלע אינשורענס קאָמפּאַניעס

### אינשורענס, צאָל פּאָליסים און אינשורענס ווערט

| עלטער | צאָל קאָמפּאַנים | נעשריבן נייע אינשורנס | צאָל פּאָליסים | דער ווערט פון די אינשורנס |
|---|---|---|---|---|
| 1880 | 3 | 35,000,000 | 200,000 | 20,000,000 |
| 1890 | 9 | 242,000,000 | 3,900,000 | 428,000,000 |
| 1900 | 18 | 566,000,000 | 11,200,000 | 1,468,000,000 |
| 1910 | 22 | 750,000,000 | 23,000,000 | 3,179,000,000 |
| 1920 | 20 | 1,546,000,000 | 49,200,000 | 7,121,000,000 |
| 1930 | 76 | 5,014,000,000 | 89,200,000 | 18,275,000,000 |
| 1935 | 65 | 4,036,032,266 | 84,000,000 | 18,279,000,000 |

טאַבעלע 17.

דער וואוקס פון די פּאָליסים איז פאַרגעקומען הויפּטזעכלעך אין די שטעט, כאָטש אויך אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד געפינען מיר אַ פאַרגרעסערונג פון אַזוינע אינשורענס.

ווי גרויס איז די פאַרזיכערונג, וואָס די אָרימע מאַסן באַקומען דורך אַזוינע פּאָליסים? די אינדוסטריעלע אינשורענס פאַרמאָגט פאַרשיידענע סאָרטן פּאָליסים. עס איז וויכטיק זיך מיט זיי צו באַקענען.

## א) „די אינפאַנטייל האָל לאַיף"

אָט־די פּאָליסי איז פּאָפּולער פאַר אינשורן קליינע קינדער. די אינשורענס קען אָנגעהאַלטן ווערן פאַר'ן גאַנצן לעבן. מערסטנס איז דאָס אָבער בלויז פאַר דעם קינדהייט־פּעריאָד. מען צאָלט פאַר אַזאַ פּאָליסי אין 5־סענטיקע סומען. פאַר 5 סענט אַ וואָך באַקומט מען אַ פּאָליסי, וואָס ביז דעם עלטער פון 10 יאָר איז זי ניט קיין גלייכמעסיקע. ערשט נאָך 10 יאָר באַקומט זי אינשורענס אין ווערט פון 200 דאָלאַר. די טאַבעלע, וואָס מיר ברייננגען דאָ, איז די ניט־גלייכמעסיקע סומע פון אינשורענס ביז דעם עלטער פון 10 יאָר.

די געבראַכטע טאַבעלע באַווייזט, אַז אין אַזאַ פּאָליסי פאַר אַ קינד אין עלטער פון ערשטן יאָר איז די אינשורענס ווערט $10 פריער פון 3 חדשים (קאָלום 2). 3 חדשים און מער — $20 (קאָלום 3). און ווען די פּאָליסי ווערט אַלט אַ גאַנצן יאָר, איז די אינ־שורענס ווערט $50. די אינשורענס באַקומט אַ ווערט פון דעם מאַק־סימום $200 (קאָלום 12), ווען די פּאָליסי איז אין קראַפט 9 יאָר צייט. פון דעם 10־יאָריקן עלטער אָן קען מען די פּאָליסי אָנהאַלטן פאַר אַ גאַנצן לעבן. מען דאַרף צאָלן ביז דעם עלטער פון 75 יאָר. די סומע פון אינשורענס איז 200 דאָלאַר.

וועלן מיר דאָ תיכף מאַכן אַ פאַרגלייך מיט די אינשורענס אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. אין דער קינדער סעקציע פון אָרדן באַקומט מען אין יעדן עלטער ביז 10 יאָר אַזוינע סומען אינשורענס: אויב געשטאָרבן נאָך 3 חדשים — $35. נאָך 6 חדשים — $70. נאָך דעם ערשטן יאָר — $140. נאָך דעם צווייטן יאָר — $210. און נאָך דעם דריטן יאָר און ווייטער — $350. פאַר אַזאַ פּאָליסי צאָלט מען בלויז 12 סענט אַ חודש, אַריינגערעכנט די

**טאבעלע 18.**

**אויב געשטאָרבן, ווען די פאליסי איז געווען אין קראפט**

| עלטער פון דעם קומענדיקן געבורטס־טאג | אונטער 3 חדשים | 3 חדשים | 1 יאר | 2 יאר | 3 יאר | 4 יאר | 5 יאר | 6 יאר | 7 יאר | 8 יאר | 9 יאר |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | $ 10. | $ 20. | $ 50. | $ 75. | $100 | $120 | $140. | $160. | $175. | $190. | $200. |
| 2 | 50. | 50. | 75. | 100. | 120. | 140. | 155. | 170. | 185. | 194. | |
| 3 | 75. | 75. | 100. | 120. | 135. | 150. | 165. | 180. | 194. | | |
| 4 | 100. | 100. | 120. | 135. | 150. | 165. | 180. | 191. | | | |
| 5 | 115. | 115. | 130. | 145. | 160. | 175. | 188. | | | | |
| 6 | 130. | 130. | 145. | 160. | 170. | 183. | | | | | |
| 7 | 140. | 140. | 155. | 165. | 178. | | | | | | |
| 8 | 150. | 150. | 160. | 173. | | | | | | | |
| 9 | 160. | 160. | 1.67 | | | | | | | | |
| קאלום | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 | 10 | 11 | 12 |

ארגאניזאציאנעלע אויסגאבן. ווען מען רעכנט אויס פּראזיכטיק, זעט מען, אז די ארדן־אינשורענס קאסטן ווינציקער, ווי א פערט חלק, וואס דאסזעלבע דארף קאסטן אין די פריוואטע אינשורענס קאמפּאניעס.

ווען אזא פּאליסי ווערט אין א פּריוואטער אינשורענס קאמפּא־ניע אנגעהאלטן אויך שפּעטער אין דעם דערוואקסענעם עלטער, צאלט דער אינשורטער נאך אלץ 2 און 3 מאל אזויפיל, ווי דער ארדן־מיטגליד ביז אריבער דעם עלטער פון 53 יאר.

מיר געפינען דעריבער, אז אפילו לויט דער געבראכטער פארמע פון אינדוסטריעלער אינשורענס, וואס איז די בעסטע, באצאלט דער ארדן 2, 3 און 4 מאל אזויפיל פארזיכערונג פאר די ארימע מאסן, איידער די פריוואטע אינשורענס קאמפּאניעס. די קויפער פון אינדוסטריעלער אינשורענס דארפן דאס וויסן.

## ב) „אדאלט לאיף“

נאך שארפער זעט זיך אן דער אונטערשייד אין דער פּאליסי, וואס איז די אינדוסטריעלע פארמע פאר דערוואקסענע. מיר וועלן אויך דא באלד ברייננען א פארגלייך צווישן אזא פּאליסי און דער אינשורענס פון דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער ארדן. מיר וועלן באנוצן זיך דא ווידער מיט אונזער אלטן ביישפּיל פון 2 פריינט, וואס באשטימען ארויסצונעמען די 2 פארשיידענע פּאליסים. מיר וועלן זיך אויך באנוצן מיט דעם זעלביקן פּלאן פון אויסרעכענונג. פאר אזא טויזנט דאלארדיקער פּאליסי פון אידוסטריעלן אינשורענס וואלט מען געדארפט צאלן 50 סענט א וואך. ארונטעררעכענענדיק דעם מעגלעכן דיווידענד, נעמען מיר דאס אן פאר א „נעט“ סומע פון $25 א יאר.

מיר וועלן ניט אנאליזירן יעדן טייל פון דער טאבעלע. דער לייענער וועט זיך אליין שוין קענען פּאנאנדערקלייבן אין איר, אויס־נוצנדיק די ארגומענטן, וואס מיר האבן שוין אנגעגעבן וועגן אלער־ליי אינשורענס אין די פריערדיקע קאפּיטלען. מיר וועלן בלויז ציען די אויפמערקזאמקייט אף עטלעכע אינטערעסאנטע שטריכן, וועלכע זיינען ספּעציפיש פאר דער איצטיקער טאבעלע.

ווען מיר האבן אין דער טאבעלע 18 אנגעגעבן די ארדן־צאלונ־גען, האבן מיר שוין צוגערעכנט $1.50 א יאר ארגאניזאציאנעלע

## טאַבעלע 19.

### „אַדאָלט לאַיף“ (אינדוסטריעלע אינשורענס)
### פאַרגלייך מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן

| עלטער | אין קראַפט | אינדור־סטריעלע | אָרדן צאָלונג | נעשפּאַרט | 3 פּראָ־צענט | פאַקטיש געצאָלט | פּראַקטישע פאַרזי־כערונג | פאַקטישער קאָסט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 25 | 1 | $25.00 | $ 6.78 | $ 18.22 | $ .54 | $25.00 | $981.78 | $ 25.00 |
| 35 | 11 | 25.00 | 7.74 | 218.22 | 6.54 | 31.54 | 782.00 | 40.00 |
| 45 | 21 | 25.00 | 10.38 | 534.42 | 16.03 | 41.03 | 465.58 | 90.00 |
| 55 | 31 | 25.00 | 15.84 | 839.66 | 25.19 | 50.19 | 160.34 | 310.00 |
| 61 | 36 | 25.00 | 36.42 | 1,016.02 | 30.48 | 55.48 | | 55.48 |
| קאָלום 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 |

אויסגאבן. מען דאַרף אויך געדיינקען, אַז די אָרדן־צאָלונגען זיינען מאָנאַטלעכע. די שווערקייט פון צאָלן איז דעריבער אויך אין אָרדן פאַרגרינגערט, ווי דאָס איז, לויט דער אינדוסטריעלער אינשורענס.

באַזונדערס ווילן מיר אָבער ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לייענער צו דעם, וואָס עס פּאַסירט, ווען דער עלטער פון דער פּאָליסי דערגרייכט 36 יאָר. דער אָרדן־מיטגליד וואָלט אין פאַרגלייך מיט אונזער צווייטן פריינט, דעם אינשורטן דורך דער אינדוסטריעלער פּאָליסי שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט פולע טויזנט דאָלאַר (קאָלום 5 א ר י ב ע ר די צאָלונגען פון זיינע טויזנט דאָלאַר אינשורענס. און דער אָרדן־מיטגליד, אונזער ערשטער פריינט, האָבנדיק די טויזנט דאָלאַר אין מזומן, דאָס הייסט ער האָט איינגעקאַסירט זיין אינשורענס בעת זיין לעבן און באַקומט נאָך פונדעסטוועגן אויף דעם אַן איינקונפט פון איבער 30 דאָלאַר אַ יאָר.

פאַקטיש איז דער צווייטער פריינט, אין פאַרגלייך מיט דעם אָרדן־מיטגליד, שוין מער ניט אינשורט. און פונדעסטוועגן וועט אויך נאָך דעם פאַר 14 יאָר צייט כסדר קומען דער אינשורענס־אַגענט יעדע וואָך צו קאָלעקטן 50 סענט. אויסער דעם וועט נאָך די אינשורענס קאָמפּאַניע פאַרהאַלטן פאַר זיך די פּראָצענטן, וואָס די טויזנט דאָלאַר ברייינגען אריין. פאַרוואָס קומט דער אינשורענס קאָמפּאַניע די סומע געלט? דער „אינשורטער" איז דאָך מער ניט אינשורט. וואָס גיט זי דעם אינשורטן פאַר די ביידע סומען? ס'איז דאָך ניט מער, ווי אַן אילוזיע, אַז די קאָמפּאַניע גיט אינשורענס פאַר'ן געלט.

מיר בעטן דעם לייענער זיך ערנסט אריינטראַכטן אין דעם ענין. מיר באַווייזן דאָ עפּעס, וואָס איז ניט קיין חלום, נאָר אַ טרויעריקע ווירקלעכקייט. עס קוקט אויס אומגלויבלעך, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז אין אַ ציוויליזירטן לאַנד, אין 20־טן יאָרהונדערט, זאָלן מענטשן זיך לאָזן שענדלעך אָפּנאַרן פון דעם קאָלאָסאַלן שווינדל, וואָס הייסט אינדוסטריעלע אינשורענס. מען נאַרט אָפּ מיליאָנען מענטשן פון די אָרימסטע שיכטן, ווען אין דעם עלטער פון איבער 60 מיינט פאַר זיי צו צאָלן 50 סענט אַ וואָך זייער פיל. אין דערזעלבער צייט וואָלטן די מעגלעכע פּראָצענטן און די מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך

אויף די עלטערע יאָרן מיט דער אָנגעזאַמלטער סומע, דאָך געווען בא מענטשן פון דער קאַטעגאָריע, וואָס נעמען אינדוסטריעלע אינשור־רענס — א גאַנצער פאַרמעגן.

דער אָרדן־מיטגליד, ווי מיר האָבן אָנגעגעבן אין אונזער ביי־שפּיל, האָט אָנגעזאַמלט טויזנט דאָלאַר, אָדער ער האָט פאַר די זעלביקע צאָלונגען געקאָנט דורך דער צייט פּאַקטיש פאַרזיכערן זיין פאַמיליע אויף 4 מאָל אַזוי פיל. פאַר דער אָרימער אַרבעטער פאַמי־ליע איז דאָך דאָס פּשוט א לעבנס־רעטונג. און אויב נאָכ'ן אָנזאַמ־לען אַזאַ סומע, וויל ער נאָך אָנהאַלטן זיין אָרדן־מיטגלידערשאַפט צוליב די אַנדערע בענעפיטן, וואָס זיינען זייער נויטיק אין אַזאַ עלטער, וואָלט ער צו 75 יאָר פּאַקטיש איבערגעלאָזט, אויסער זיינע טויזנט דאָלאַר אינשורענס, נאָך $1875 אין מזומן.

קען עמיצער אַרויסקומען מיט אַזאַ טענה: אייער חשבון שטימט טאַקע. אָבער די אינשורענס קאָמפּאַניע לייגט דאָך ניט אַוועק אַזאַ סומע פאַר דעם „סייווינג״־פאָנד. זי דאַרף דאָך אויס־צאָלן קאָמישנס צו די אַגענטן. זי האָט נאָך אַנדערע אויסגאַבן אויך.

איז דאָס טאַקע אַלץ אמת. אָבער עס באַקומט זיך דאָך לויט דעם בעל־טענה, אַז מיר דאַרפן זיך מער זאָרגן פאַר די פּראָפּיטן פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס, איידער פאַר די אינטערעסן פון די מיליאָנען אינשורטע.

מיר האָבן שוין געוויזן א חשבון, ווי אַזוי די מיליאָנען אָרימע האָרעפּאַשניקעס, פאַר וועמען אינשורענס איז אַן עקאָנאָמישע נויט־ווענדיקייט, קאָנען זיך בעסער פאַרזאָרגן. מיר האָבן אָנגעגעבן צוויי־ערליי וועגן. איין וועג איז אָנצוזאַמלען די סומע. דער בעס־טער וועג איז אָבער צו אינשורן זיך אויף 3 און 4 מאָל אַזויפיל אין דעם עלטער, ווען דער אָרימער מענטש מוז אַמשטאַרקסטן פאַרזאָרגן זיין פרוי און קליינע קינדער. דעם אָרימען מענטש דאַרף ניט אָנגיין, אויב די פּראָפּיטן פון דער אינשורענס קאָמפּאַניע זיינען גרויס גענוג אָדער ניט. ער דאַרף זען פאַרזאָרגן אויפ'ן בעסטן אופן זיינע אייגענע עקאָנאָמישע אינטערעסן.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן ברענגט א לעזונג דורך זיינע פּראָלעטאַרישע צאָלונגען צו די עקאָנאָמישע נויטן און

אינטערעסן אויך פון אַ־דער פיל מיליאָניקער גרופּע אינשורטע, וועלכע איז די באַזע פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם.

## ג) „אינדוסטריעל ענדאָומענט"

מיר האָבן שוין אַנאַליזירט די גליקן פון דער ענדאָומענט פּאָליסי אין „האָלסייל" 5). מיר וועלן איצטער באַטראַכטן די זעלביקע פּאָליסי אין „ריטייל". צווישן די קויפער פון אינדוסטריעלער אינשורענס כאַפּט מען זיך אָן נאָך מער אָן אַזאַ פּאָליסי. פאַר דעם אָרימען מענטשן איז אַ גאַנצער חלום צו דערגרייכן אַ באַדייטנדיקע סומע, וועלכע ער זאָל נאָך באַקומען באַם לעבן. דער אָרימער מענטש באַצאָלט אָבער צו טייער פאַר דעם חלום.

מיר וועלן דאָ ווידער פאַרגלייכן אַזאַ פּאָליסי מיט אַן אָרדן־פּאָליסי. פאַר 30 סענט וועכענטלעך באַקומט מען אַ פּאָליסי פאַר $240 פאַר אַ 20־יאָריקן ענדאָומענט.

### טאַבעלע 20.

| עלטער | אין קראַפט | יערלעכע צאָלונג אינדוסטריעל | יערלעכע צאָלונג אין אָרדן | געשפּאָרט | פּראָצענט |
|---|---|---|---|---|---|
| 35 | 1 | $15.60 | $1.56 | $ 14.04 | .42 |
| 39 | 5 | 15.60 | 1.80 | 73.85 | 2.22 |
| 44 | 10 | 15.60 | 2.28 | 158.00 | 4.74 |
| 49 | 15 | 15.60 | 2.88 | 252.20 | 7.56 |
| 54 | 20 | 15.60 | 3.72 | | |
| קאָלום 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 |

פון דער טאַבעלע געפינען מיר אויס, אַז צום אָנהויב פון די 15 יאָר וואָלט דער אינשורטער געהאַט אָפּגעשפּאָרט $252.20 (קאָלום 5). אפילו אראָפּרעכענענדיק אַלע דיווידענדס, וואָלט דער אינשורטער געהאַט זיין גאַנצן „ענדאָומענט" באַ זיך אין קעשענע. פונדעסטוועגן וועט דער אַגענט נאָך אַלץ קומען 6 יאָר צייט יעדע וואָך אויפצומאָנען פאַר דער אינשורענס קאָמפּאַניע די 30־סענטיקע. פאַרווען און פאַרוואָס? אויסער דעם פאַרלירט נאָך דער אינשורטער די פּראָצענטן.

דער חלום אָנצוזאַמלען די ‎$240‎ האָט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן פאַר דיזעלבע צאָלונגען, דיזעלבע אויסגאַבן, מיט פולע 6 יאָר פריער. אַזאַ פּעריאָד איז באַ דעם אָרימען מענטשן זייער פיל ווערט. אויב פון חלום לאָזט זיך יעדנפאַלס אויס אַ טייך, איז דען ניט בעסער צו באַזאָרגן די פאַמיליע מיט 5 — 6 מאָל אַזוי פיל אינשורענס? דאָס איז דאָך דער בעסטער מיטל קעגן דער עקאָנאָ־מישער ניט־זיכערקייט פון די מיליאָנען, וואָס זוכן פאַר דעם אַ לעזונג דורך די אינדוסטריעלע פּאָליסים. און אין דעם זעט מען אַמ'בולט'סטן די קאָלאָסאַלע ראָל, וואָס דער פּראָלעטאַרישער פּראָ־טערנאַליזם דאַרף שפּילן צו געווינען אַט־די מיליאָנען האָרעפּאַש־ניקעס.

וואָס פאַר אַ פּרייז באַצאָלט דער אָרימער מענטש פאַר דער נישטיקער פאַרזיכערונג פון אינדוסטריעלע אינשורענס? אין דעם יאָר 1935 האָבן 65 אינדוסטריעלע אינשורענס קאָמפּאַניעס איינגע־זאַמלט איינצאָלונגען, וואָס האָבן באַטראָפן העכער פון אַנדערהאַלבן ביליאָן דאָלאַר (‎$1,579,813,375‎) 6). פון דער סומע זיינען בלויז אין קאָמישנס און געהאַלטן פאַר אַגענטן און בעאַמטע אויס־געצאָלט געוואָרן די ריזיקע סומע פון העכער 275 מיליאָן דאָלאַר (‎$275,579,390‎). דאָס איז אויסער אַ גאַנצער ריי אַנדערע אויס־גאַבן. אין משך פון דעם זעלבן יאָר איז אויסגעצאָלט געוואָרן אין טויטן־בענעפיט בלויז קאַרגע 154 מיליאָן דאָלאַר (‎$153,719,925‎) און אין פּעליק־געוואָרענע ענדאָומענטס ווינציקער פון 29 מיליאָן דאָלאַר (‎$28,814,306‎). 7)

דאָס מיינט, אַז אין קאָמישנס און געהאַלטן איז אויסגעצאָלט געוואָרן מיט פולע 93 מיליאָן דאָלאַר (‎$93,045,159‎) מ ע ר, איידער פאַר טויטן־בענעפיט און פּעליקע ענדאָומענטס צוזאַמענגענומען. אַט־די לעצטע צוויי זיינען דאָך די וויכטיקסטע פאַרזיכערונג פאַר־מען, פאַר וועלכע די אָרימע מענטשן זיינען געווען גרייט אָפּצורייסן אַנדערהאַלבן ביליאָן דאָלאַר אַ יאָר פון זייערע מאָגערע פאַרדינסטן. פאַר דער קאָלאָסאַלער סומע האָבן זיי אָבער באַקומען פאַרזיכערונג פון בלויז צוויי דריטל אַפילו פון דעם, וואָס עס איז אויסגעצאָלט געוואָרן אין קאָמישנס און געהאַלטן צו באַזאָרגן זיי מיט אַזאַ גוואַלדאָוונער פאַרזיכערונג.

די אינדאָסטריעל פּאָליסי קאָסט אַזויפיל מער, איידער די אָרדי־

נערי פּאָליסי, דערפאַר, ווייל אירע קאָמישנס באַטרעפן כמעט 2 מאָל אַזוי פיל. די ערשטע 2 יאָר צאָלט מען איבער אין קאָמישנס אַן אונטערשייד פון $41.13 איבער דער נעט־קאָסט פון דער אינדאַסט־ריעל. דעם 5־טן יאָר — $19.54, דעם 10־טן יאָר — $14.77, דעם 15־טן יאָר — $13.62, און אין דעם 20־טן יאָר צאָלט מען נאָך אַלץ איבער — $11.01 (8. בלויז פאַר'ן איבערגעצאָלטן געלט קען מען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן באַקומען 15 הונ־דערט דאָלאַר אינשורענס.

צוליב די הויכע צאָלונגען ווערן יעדן יאָר אויפגעגעבן מיליאָנען פּאָליסים. ניט געקוקט דערויף, וואָס די אָרימע מאַסן פּרואוון אָנ־האַלטן מיט ציין און נעגל זייער איינציקן מיטל פון פאַרזיכערונג ניט בלויז אין די קריזיס יאָרן, ווען די אויפגעבונג פון די פּאָליסים האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אמת'ער קאַטאַסטראָפע, נאָר אפילו אין אַזאַ יאָר, ווי 1935, ווען די שאַרפקייט פון קריזיס האָט שוין אַ היבש ביסל נאָכגעלאָזן, זיינען אויפגעגעבן געוואָרן דורך „לעפּסעס“ (ניט באַצאָלן) אויף איבער 2½ ביליאָן דאָלאַר אינשורענס ($2,534,096,925), און דורך דעם אַרויסציען דעם קעש־ווערט, נאָ־ענט צו אַ ביליאָן דאָלאַר אינשורענס ($944,983,986). צוזאַמען — אַרום 3½ ביליאָן דאָלאַר ($3,479,080,911). (9

די אינשורענס קאָמפּאַניעס נוצן אויס די שוועריקייט, וואָס די אָרימע מענטשן האָבן אָנצוהאַלטן זייער מאָגערע פאַרזיכערונג. די אינשורטע קענען, צום ביישפּיל, ניט באַקומען קיין קעש־ווערט אויף זייערע פּאָליסים פריער פון 10 יאָר. די אינשורענס קאָמפּאַניעס טוען עס כלומר'שט צו אָנטמוטיקן די אינשורטע, זיי זאָלן אַליין ניט אויפגעבן די פּאָליסים. דאָס מיינט, אַז ווען איינער גיט אויף זיין פּאָליסי פריער פון דער צייט, גייט זיין גאַנצע אָפּשפּאָ־רעניש פאַרלוירן. וואָס קען זיך אָבער העלפן דער אָרימער מענטש, ווען ער קען די צאָלונגען ניט אָנהאַלטן צוליב אַרבעטלאָזיקייט אָדער צוליב קראַנקהייט אין דער פאַמיליע? דער יושר פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס איז אָבער, אַז ער מוז פאַרלירן זיין אָפּגעשפּאָרט געלט.

קענט איר זיך אפשר פאָרשטעלן, וויפיל אַזעלכע פּשוט'ע קיש־קע־געלט עס איז פאַרלוירן געגאַנגען בלויז אין די 3 יאָר 1930, 1931 און 1932? אין יענע 3 יאָר זיינען אויפגעגעבן געוואָרן פּאָ־

ליסים, וואָס האָבן באַטראָפן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי 14 און אַ האַלב ביליאָן דאָלאַר ($14,416,000,000).

דר. מאָרים טעילאָר באַווייזט, אַז בלויז 3 קאָמפּאַניעס, די מעטראָפּאָליטן, פּרודענשל און דזשאָן הענקאָק, האָבן געהאַט אַ נעט פאַרדינסט אויף אַזוינע פּאָליסים פון העכער 129 מיליאָן דאָלאַר אין די 6 יאָר פון 1927 ביז 1932. דער פאַרדינסט איז געקומען בלויז פון יענע פּאָליסים, פון וועלכע מען האָט שוין אויסגעצאָלט דעם קעש־ווערט. אויסער דעם האָבן זיי אין די זעלביקע 6 יאָר פאַרדינט נאָך 95 מיליאָן דאָלאַר אויף פּאָליסים, וואָס זיינען אויפגעגעבן געוואָרן אָן אַ קעשווערט.

פרייט זיך דעריבער, אינשורטע, ווען איר לייענט אין די צייטונגען, אַז אייערע אינשורענס קאָמפּאַניעס ווערן רייכער פון יאָר צו יאָר! די אָרימע אינשורטע, וואָס רייסן דעם לעצטן ביסן פון מויל, ווייסן כאָטש וואו זייער געלט קומט אַהין!

דר. טעילאָר דערקלערט, אַז עס קומען פאַר אַזויפיל „לעפּסעס" צוליב דעם, וואָס די קויפער פון אינדוסטריעלע אינשורענס זיינען פינאַנציעל ניט אימשטאַנד אָנצוהאַלטן די צאָלונגען. מיר זעען טאַקע, אַז אין קריזיס־יאָרן ווערן אויפגעגעבן אַ סך מער פּאָליסים. דאָס באַשטעטיקט, אַז די גרויסע מאַסן, וועמענס פאַרדינסטן עס קענען קוים קלעקן אויפצוהאַלטן דאָס לעבן, קענען זיך ניט פאַרגינען אַזוינע צאָלונגען פאַר אינשורענס.

דאָ קומען מיר ווידער צו דער ראָל פון דעם פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם. זיין ווייטגייענדיקסטער ציל איז דער קאַמף פאַר פולשטענדיקער סאָציאַלער פאַרזיכערונג. ער וויל אָבער שוין היינט מעגלעך מאַכן, אַז די ברייטע, אָרימסטע מאַסן זאָלן פאַר די מינימאַלסטע סומען זיך קאָנען כאָטש אַביסל פאַרזיכערן. דער פּראָלעטאַרישער פּראָטערנאַליזם וויל באַשיצן די מאַסן קעגן די רויבערישע אַפּעטיטן פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס.

דער פאַרלוסט דורך „לעפּסעס" האָט צו טאָן מיט דעם שלעכטן עקאָנאָמישן צושטאַנד פון דעם קלאַס מענטשן, וואָס באַזאָרגט זיך מיט אינדוסטריעלע אינשורענס. דער קלאַס באַצאָלט אַ שרעקלעכן פּרייז צוליב זיין עקאָנאָמישער לאַגע.

דזשאָזעף ב. מעקליין באַווייזט, אַז די שטערבלעכקייט צווישן דעם קלאַס אינשורטע איז אַ פּיל גרעסערע, איידער צווישן די, וואָס נעמען געוויינלעכע פאַרזיכערונג 10). דערמיט פּרואוון די אינשור־רענס קאָמפּאַניעס צו באַרעכטיקן די העכערע צאָלונגען. די אינשור־רענס קאָמפּאַניעס באַנוצן אַ ספּעציעלע טאַבעלע פאַר דער אויסרע־כענונג פון די אינדוסטריעלע צאָלונגען. די טאַבעלע גיט אָן נאָך אַ גרעסערע שטערבלעכקייט, איידער די „אַמעריקען עקספּיריענס". זייער טאַבעלע הייסט „סטאַנדאַרט אינדאָסטריעל". מיר וועלן דע־ריבער ברייגען אַ פאַרגלייך צווישן דער אויסרעכענונג און די אַנ־דערע אויסרעכענונגען.

## טאַבעלע 21.

| עלטער | סטאַנדאַרד אינדאַסט־ריעל טאַבעלע | אַמעריקן עקס־פּיריענס | נאַציאָ־נאַלער פּראַטער־נאַלער קאָנגרעס | יו. עס לעבנס 1910 | אַמעריקן מען פּול־שטענדיג | אַמעריקן מען אויסגע־קליבן |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 20 | 9.6 | $ 7.81 | $ 5.00 | 4.7 | 3.9 | 2.7 |
| 30 | 11.6 | 8.43 | 5.55 | 6.5 | 4.5 | 3.0 |
| 40 | 14.7 | 9.79 | 7.17 | 9.4 | 5.8 | 3.7 |
| 50 | 21.6 | 13.78 | 11.44 | 14.4 | 11.6 | 6.8 |
| 60 | 39.2 | 26.69 | 22.75 | 28.6 | 26.7 | 14.9 |
| 70 | 82.5 | 61.99 | 53.65 | 59.5 | 61.5 | |
| 80 | 183.8 | 144.47 | 138.09 | 130.3 | 135.7 | |
| קאָלום 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 |

ווען מיר עקזאַמינירן קאָלום 2, — די דערפאַרונגען פון שטערב־לעכקייט צווישן דעם קלאַס, וואָס באַזאָרגט זיך מיט אינדוסטריעלע אינשורענס, און די איבעריקע קאָלומס אין יעדן עלטער, — ווייזט זיך קלאָר אַרויס, אַז די עקאָנאָמישע נויט פון די איבער 50 מיליאָן איז דעם קלאַס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ שטערבלעכקייט, וואָס איז צוויי מאָל אַזוי די גרויס אין דעם עלטער צווישן 20 און 50. דאָס איז זייער אַ שאַרפע אָנקלאַגע קעגן דער גאַנצער איצטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג.

אַפילו אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז די אינשורענס קאָמפּאַניעס

איבערטרייבן אָבזיכטלעך (זיי לוינט זיך צו מאַכן אויסרעכענונגען פון אַ גרעסערער שטערבלעכקייט), איז אָבער זיכער פאַראַן אַ גרע־סערע שטערבלעכקייט צווישן דעם אינדוסטריעלן אינשורענס קלאַס. לויט די אויסרעכענונגען פון דר. טעילאָר, געפינען מיר אַזאַ לאַגע:

## טאַבעלע 22.

| יאָרן | שטערבליכקייט צווישן אָרדינערי | אינדאַסטריעל | פּראָצענט אינ־דאַסטריעל איבער אָרדינערי |
|---|---|---|---|
| 1911 | 9.79 | $13.24 | 135.2 |
| 1920 | 8.46 | 10.06 | 118.9 |
| 1930 | 7.80 | 9.37 | 120.1 |
| קאָלום 1 | 2 | 3 | 4 |

מיר זעען פון דער טאַבעלע, אַז די שטערבלעכקייט האַלט זיך בכלל אין פאַרקלענערן, אָבער באַזונדערס שאַרף צווישן די אינ־דוסטריעלע קלאַסן. דאָס נעמט זיך פון דעם: א) וואָס די אַר־בעטער האָבן דורך דער צייט אויסגעקעמפט בעסערע לעבנס־באַדינ־גונגען. מיר זעען טאַקע, אַז אויב אין משך פון דעם קריזיס איז זיין לאַגע געוואָרן ערגער, וואַקסט דעמלט ווידער אויס דער פּראָ־צענט פון שטערבלעכקייט (זע קאָלום 4 אין פאַרגלייך צווישן די יאָרן 1920 און 1930). דאָס איז די פּאָזיטיווע זייט. ב) די טאַבעלע ווייזט אַ פאַרקלענערונג ניט אַזויפיל, ווייל די לאַגע האָט זיך ווירק־לעך געביטן, נאָר דערפאַר, וואָס די אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען געוואָרן שטריינגער באַם אונטערזוכן דעם געזונט־צושטאַנד, ווען זיי גיבן אַרויס אינדוסטריעלע אינשורענס.

מען דאַרף יעדנפאַלס באַקעמפן אַפילו אַ 20־פּראָצענטיקע גרע־סערע שטערבלעכקייט. פאַרגעסט ניט, אַז אויך די קויפער פון געוויינלעכע אינשורענס זיינען ניט אַלע קיין רייכע מענטשן. און עס איז זיכער, אַז צווישן די אָרימערע אין יענעם קלאַס אינשורענס איז די שטערבלעכקייט אויך אַ גרעסערע.

דער עקאָנאָמישער עלעמענט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזאַ פאַרגרעסערונג אין דער שטערבלעכקייט, איז אַ וויכטיקער

קלאַסן־פאַקטאָר, וועלכער דאַרף אויסגענוצט ווערן פון דעם פראָלע־טאַרישן פראַטערנאַליזם.

## 26. די פרוי און איר ראָל אין פאַרבינדונג מיט אינשורענס

ריידנדיק וועגן אינדוסטריעלע אינשורענס, מוז מען זיך כאָטש עטוואָס אָפּשטעלן אף דער ראָלע פון דער פרוי אין פאַרבינדונג מיט אינשורענס בכלל. די פראַגע איז זייער אַ ברייטע. זי פאָדערט אַ שטודיום פאַר זיך אַליין. דאָ ווילן מיר בלויז איבערגעבן עטלעכע כאַראַקטעריסטישע פאַקטן.

אינשורענס בכלל און אינדוסטריעלע אינשורענס בפרט קומט אויף מיט דעם וואוקס פון אַן אינדוסטריעלן אַרבעטער קלאַס. גלייכ־צייטיק הויבט אָן די פרוי צו פאַרנעמען איר אָרט אין דער אינ־דוסטריע. אַפילו אַ הויז־פרוי לעבט אונטער דער ווירקונג פון די עקזיסטירנדיקע אינדוסטריעלע באַדינגונגען.

די אינסטיטוציע פון אינשורענס איז שטאַרק פאַרבונדן מיט'ן געדאַנק צו באַזאָרגן די פאַמיליע. די טרייב־קראַפט פון אינשורענס איז די נויטווענדיקייט צו באַזאָרגן די פרויען און די קינדער. ווען דער שפּייזער שטאַרבט, איז דאָס די פרוי, וואָס דאַרף דורכטראָגן אף אירע פּלייצעס דעם יאָך פון שפּייזן די קינדער. די פרוי זעט אָפּשר אַמשאַרפסטן די נויטווענדיקייט פון פאַרזיכערונג. זי איז אויך באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע, און איז אָפטמאָל אַליין די שפּייזערן פון דער פאַמיליע, טיילווייז אָדער אינגאַנצן. די לאַגע איז נאָך שאַרפער פאַר דער הויז־פרוי. זי איז נאָכמער אָפּהייגיק אָן פאַרזיכערונג.

דאָס איז אמת וועגן אַלע פאָרמען פון אינשורענס. אָבער נאָך מער ריכטיק איז דאָס אין פאַרבינדונג מיט אינדאָסטריעל אינ־שורענס. אין דער פאָרמע איז דאָס הויפּטזעכלעך די פרוי, וואָס טראָגט אף אירע פּלייצעס דעם יאָך פון אָנהאַלטן די פּאָליסים. די פרוי רייסט עס אָפּ פון דעם מאָגערן בודזשעט צו צאָלן די פּאָליסים. זי איז די געלט־געבערן פאַר די פּאָליסים. אין דער אינדוסטריעלער פאָרמע פון אינשורענס האָט דער אַגענט דעם אוממיטלבאַרסטן צו־טריט צו דער פרוי, וועלכע ער רעדט צו צו שפּאָרן, כדי צו פאַרזיכערן

אי זיך, אי די פאַמיליע. אף מאָרגן, אָדער אפילו אין דעם זעלבן טאָג פון לוין־געצאָלט, באַווייזט זיך דער אַגענט איינצוקאַסירן דעם אָפּצאָל, איידער עס ווערן „צערונען" די מאָגערע פאַרדינסטן. דורך דער פרוי ווערט אויך אויסגעאיבט דער איינפלוס אויפ'ן מאַן צו באַזאָרגן זיך מיט אינשורענס. אָפטמאָל ווייס דער מאַן אפילו ניט פון אַ צאָל פּאָליסים אין זיין הויז־געזינד.

לויט אַן אויסרעכענונג ווערן 54 פּראָצענט פון די אינדוסטריעלע פּאָליסים גענוצט פון פרויען. אין 1915 האָט די מעטראָפּאָליטן געפונען גאַנצע 69 פּראָצענט פרויען. די סומען פון די פּאָליסים זיינען אין דורכשניט גרעסער פאַר'ן מאַן. אָבער די אַלגעמיינע סומע פאַר קינדער איז די גרעסטע אין דער פאַמיליע. און די פרוי איז הויפטזעכטלעך די יעניקע, וואָס צאָלט פאַר אַלעמענס פּאָליסים.

די דורכשניטלעכע פאַמיליע גיט אויס צווישן $1.12 און $1.74 וועכנטלעך פאַר אינדוסטריעלע אינשורענס. די מערסטע פאַמיליעס גיבן אויס צווישן 50 סענט און אַ דאָלאַר אַ וואָך. פאַראַן פאַמיליעס, וואָס גיבן אַף דעם אויס אַזוי הויך, ווי 3 דאָלאַר אַ וואָך. פון די אָרימע שווער־פאַרהאָרעוועטע געלטער, ארויסגעריסען פון די מאָגערע בודזשעטן, איז אין 1935 באַצאָלט געוואָרן איבער אַ ביליאָן און אַ האַלב פאַר די אינדוסטריעלע אינשורענס. פון די מאָגערע בודזשעטן זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אַזוינע ריזיקע סומען. פאַר אַזעלכע בלוטיקע געלט באַקומט די אָרימע פאַמיליע אַזאַ נישטיקע סומע פאַרזיכערונג.

די דורכשניטלעכע סומע פון אינדוסטריעלער אינשורענס פאַר אַ פאַמיליע איז צווישן טויזנט און אַכצן הונדערט דאָלאַר. פאַר דער זעלביקער סומע פון איינצאָלונגען האָט די פאַמיליע געקאָנט זיך פאַרזיכערן דורך געוויינלעכע אינשורענס אַף צווישן 3 און 4 טויזנט דאָלאַר. צוליב דעם, וואָס זיי מאַכן די צאָלונגען וועכנטלעך, צוליב זייער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, קריגן זיי פאַרזיכערונג אַף ווינציקער, ווי אַ העלפט פון אַנדערע אינשורענס־פּאָליסיעס.

דאָ מוז זיך אריינמישן דער פּראָלעטאַרישער פּראַטערנאַליזם, וועלכער באַמיט זיך צו שאַפן די מעגלעכקייטן און די בעסטע באַ־

דינגונגען אַף צו פאַרזיכערן די אָרימע פאַמיליע. אין דעם אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, צום ביישפיל, קען מען פאַר דיזעלבע סומען, דורך מאַנאַטלעכע אַפּצאָלונגען, זיך באַזאָרגן מיט 3 טויזנט דאָלאַר אינשורענס און דערצו אויך געניסן פון אַלע אַנדערע בענע־פיטן.

פון דעם פריער געזאָגטן, מוז אויך ווערן קלאָר, אַז מאַנאַטלעכע צאָלונגען זיינען אַ וויכטיקער באַדינג פאַר׳ן פּראָלעטאַרישן פּראַ־טערנאַליזם.

די סיסטעם פון אינדוסטריעלער אינשורענס איז טאַקע געבויט אַף דעם געדאַנק, אַז דער אָרימער מענטש מוז צאָלן ביסלעכווייז פאַר זיין פאַרזיכערונג, ווייל ער קען ניט ארויסנעמען מיטאַמאָל קיין באַדייטנדיקע סומען.

נאָכאַמאָל: פון דעם אַנאַליז מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז די ראָל פון דער פרוי איז זייער אַ וויכטיקע אויך אין דעם פּראָלע־טאַרישן פראַטערנאַליזם. פאַר איר איז דאָס ניט קיין פראַגע פון צייט־פערטרייב אָדער פון גלאַט געזעלשאַפטלעכקייט. פאַר איר איז דאָס אַ פראַגע, וואָס רירט אָן דעם עצם פון איר עקאָנאָמישער פּאָזיציע, איר קלאַסן־פּאָזיציע.

פון דעם מוזן מיר אויך דרינגען, אַז די פרויען־סעקציעס, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן בויט אין די ברענטשעס, טאָרן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין „אָקזילעריס״, אין עפּעס אַ געהילף־זאַך, און צוליב גלאַט אַזוי זיך געזעלשאַפטלעך אויסצולעבן. די פרויען־סעקציעס פון אָרדן האָבן זעלבסטשטענדיקע וויכטיקע פונקציעס, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער עקאָנאָמישער פּאָזיציע פון דער פרוי אין דער היינטיקער געזעלשאַפט.

## 27. דערפאַרונגען מיט אינדוסטריעלן אינשורענס אין דער צייט פון אַ שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס.

בשעת מיר באַהאַנדלען די עקאָנאָמישע באַזע פון פּראָלעטאַ־רישן פראַטערנאַליזם, קענען מיר ניט פאַרבייגיין די דערפאַרונגען פון אינדאָסטריעל אינשורענס אין שלעכטע קריזיס־צייטן, ווען פאַ־מיליעס זיינען געצוואונגען אָנצוקומען צו „טשאַריטי״ און „רעליף״.

טשאַריטי־אינסטיטוציעס קומט אוים צו רעכענען זיך מיט צוויי־ערליי אומשטענדן: ערשטנס, אין דעם פאַל, וואו די פאַמיליע האָט פאַרמאָגט אינשורענס, אײדער זי איז געקומען צו דער איצטיקער שווערער לאַגע. דאָ שטייט די פראַגע, צי זאָל מען מיט דער הילף פון דעליף העלפן דער פאַמיליע אָנצוהאַלטן די אינשורענס; צווייטנס, אויב אַ פאַמיליע, וואָס איז שוין געצוואונגען צו לעבן מיט דער הילף פון טשאַריטי, זאָל דערלויבט זיין אָדער זאָל דערמוטיקט ווערן זיך איינצושאַפן אינשורענס, ווען די צאָלונגען וועלן דאַרפן געדעקט ווערן דורך רעליף־פאָנדן.

די פראַגע איז ניט בלויז אַ טעאָרעטישע. צווישן 40 און 95 פראָצענט פון אַזוינע פאַמיליעס צאָלן פאַר אינשורענס. אַרום 90 פראָצענט פון אַזאַ אינשורענס איז אינדאָסטריעל אינשורענס. דעם צווייטן אָרט פאַרנעמט פראַטערנאַלע אישורענס.

אַזוינע פאַקטן באַווייזן, אַז אינשורענס — אין אַלע אירע פאַר־מען — שאַפט ניט קיין סאָציאַלע פאַרזיכערונג. מענטשן קומען אָן צו „טשאַריטי", ניט געקוקט אף דעם, וואָס זיי האָבן זיך גע־פּרובירט פאַרזיכערן דורך אינשורענס און פראַטערנאַליזם. דער־מיט וואָס אַ פאַמיליע דאַרף אָנקומען צו „טשאַריטי", ווערט באַ איר ניט אָפּגעשטעלט דער פאַרלאַנג פאַר זיכערקייט. פאַרקערט, עס איז נאַטירלעך, אַז גראָד דאַן זאָל אַזאַ פאַרלאַנג פאַרשטאַרקט ווערן. די שרעק פאַר'ן מאָרגן האָט זיי געטריבן צו זוכן פאַרזיכע־רונג. און היינט, ווען זיי זיינען שוין הילפלאָז, ווילן זיי זיך געוויס ניט שיידן מיט'ן געדאַנק און מיט דער האָפענונג, אַז ווען עס איז וועלן זיי זיין כאָטש מיט עטוואָס פאַרזיכערט.

די פראַגע פון העלפן אָנהאַלטן די אינשורענס איז נאָך באַזונ־דערס שאַרף צוליב דעם „סייווינג"־עלעמענט אין אינשורענס. די טשאַריטי־אינסטיטוציעס זיינען זיכער ניט גרייט נאָך צו העלפן דעם קבצן אין זיבן פאַלעס צו „שפּאָרן" געלט.

אויב מען העלפט אָנהאַלטן די אינשורענס, שרייען די טשאַריטי־אינסטיטוציעס, אַז די טשאַריטי־פאָנדן ווערן באַנוצט פאַר צוועקן, פאַר וועלכע זיי זיינען ניט באַשטימט. אויב זיי דאַרפן געבן צייט־ווייליקע הילף, ווי אין פאַל פון קראַנקהייט, זוכן די טשאַריטי־אינס־

טיטוציעס אויסצוגעפינען, אויב עס איז ניט מעגלעך אַרויסצוציען אַ סומע געלט אויף די פּאָליסים פון די געהאַלפענע.

פונדעסטוועגן זיינען זיי אָפּטמאָל געצוואונגען צו העלפן אָנ־צוהאַלטן די אינשורענס. זיי טוען דאָס געוויינלעך בלויז אין אַזוינע פאַלן, ווען זיי רעכענען אויס, אַז צום סוף וועט זיך דאָס זיי באַ־צאָלן. זיי העלפן אָנהאַלטן פאַר אַ געוויסער צייט די אינשורענס בעת זיי רעכענען אויס, צום ביישפּיל, אויף אַ טויטן פאַל, וואָס זיי קענען דערוואַרטן אין צייט פון קראַנקהייטן. אין אַזאַ פאַל לוינט זיך עס זיי, ווייל זיי וועלן שפּאָרן אַרויסצוגעבן אין טשאַריטי די גאַנצע סומע, וואָס די אינשורענס באַטרעפט. אָדער דעמאָלט, ווען דורך מאַכן עטלעכע צאָלונגען וועט אויף דער פּאָליסי דערגרייכט ווערן אַ קעש־ווערט, וואָס איז גרעסער איידער די איינצאָלונג. דעם קעש־ווערט קענען זיי נאָכדעם אַרונטעררעכענען פון די רעליף, וואָס זיי האָבן געגעבן. זיי באַשטימען וועגן דעם אין יעדן פאַל באַזונ־דער. די טשאַריטי־אינסטיטוציעס וועלן ניט לאָזן זייערס איבער־גיין.

פונדעסטוועגן זיינען פאַראַן אַ סך רעליף־אַגענטורן, וואָס האָבן אַ שטענדיקע פּאָליסי פון העלפן אָנהאַלטן אינשורענס פאַר די שטיי־צע־נעמער. אין אַלבאַני קאַונטי, ניו־יאָרק, גיט אויס די „מוטערס הילף פאַר פאַמיליעס" אַרום 17 פּראָצענט פון איר בודזשעט פאַר אינשורענס איינצאָלונגען. אין דעם מעטראָפּאָליטן דיסטריקט פון ניו־יאָרק איז פון עטוואָס איבער אַ מיליאָן ($1,900,736) אויסגע־געבן געוואָרן העכער הונדערט טויזנט דאָלאַר ($111,072), אָדער אַרום 11 פּראָצענט אָנצוהאַלטן אינשורענס. אין באָסטאָן — אַרום 17½ פּראָצענט. 12)

אַזאַ באַדייטנדיקער פּראָצענט פון טשאַריטי פאָנדן ווערט אויס־געגעבן אויף אינשורענס ניט צוליב גוטהערציקייט. עס איז בלויז אַ באַווייז, אַז די אָרימע מאַסן כאַפּן זיך אָן אַפילו אָן אַ שטרוי, כדי צו שאַפן באַ זיך אָן אילוזיע פון זיין פאַרזיכערט געגן אַ „רעגנדיקן טאָג". דאָס וואַקסט אַרויס פון דעם אומזיכערקייט־געשפּענסט, וואָס פאַרפאָלגט זיי פון דער פריסטער יוגנט ביז דעם טיפסטן עלטער.

די געבראַכטע פאַקטן זיינען וויכטיק צוליב צוויי אורזאַכן. ערשטנס, באַווייזט עס נאָכאַמאָל, ווי אַזוי די קאַפּיטאַליסטישע אינ־שורענס קאָמפּאַניעס נוצן אויס די נויט פון די אָרימע מאַסן פאַר אַ קוואַל פון פּראָפיטן. מיר האָבן געזען, אַז אַפילו ווען דער קאַפּיטאַ־ליזם איז שוין געצוואונגען מיט טוואַס ארויסצוהעלפן זיינע קרבנות, ווערט אַפילו אַ טייל פון דער טשריטי־הילף ווידער פון זיי איינ־געזאַמלט, ווי פּראָפיטן אויף די אינשורענס. צווייטנס, איז דאָ פאַראַן אַ וויכטיקער קאַמפּס־מאָמענט פאַר דעם פּראָלעטאַרישן פּראַטער־נאַליזם. דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק גענומען צוזאַמענרופן קאָנפערענצן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג. דאָרטן איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ ריכטיקער באַשלוס צו פאָדערן פון די רעליף־ביוראָס, אַז צוזאַמען מיט די רעליף, וואָס דער ארבעטלאָזער באַקומט, זאָל צוגעגעבן ווערן די סומע, וואָס ער דאַרף צאָלן צו זיין פּראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע.

באַוואָפנט מיט די פאַקטן, אַז דאָרטן, וואו די רעליף־אַגענטורן זיינען געצוואונגען, העלפן זיי אַפילו אָנהאַלטן די הויכע צאָלונגען אין פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס, איז געווען אַ גרויסע מעג־לעכקייט אויסצוקעמפן דעם גערעכטן פאַרלאַנג פאַר די מיטגלידער פון די פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַקומען רעליף.

צום באַדויערן מוזן מיר אָבער אָנווייזן, אַז דער אָרדן, ווי אַ גאַנצער, און די ברענטשעס אין די געגנטן, האָבן כמעט ווי גאָרניט געטאָן אויף דעם געביט. דאָ איז דורכגעלאָזן געוואָרן אַן אישו, ארום וועלכער, עס האָט געקאָנט געשאַפן ווערן די ברייטסטע פאַר־אייניקטע אַקציע פון צענדליקער פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס אויף אַ געביט, וואָס ליגט אין עצם פון דעם פּראָלעטאַרישן פּראַטערנאַ־ליזם און זיין קלאַסן־באַזע.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז ארום 3 מיליאָן מיטגלידער זיינען אין פאַרלויף פון שאַרפן קריזיס ארויסגעפאַלן פון די פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס צוליב דעם, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט אָנהאַלטן די צאָלונגען. די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געפּרוואווט מיט איי־גענע כוחות אָנצוהאַלטן די מיטגלידערשאַפט, זיינען אָפטמאָל דער־פירט געוואָרן צום שוועל פון באַנקראָט. די פראַגע איז אַקטועל אויך פאַר אונזער אָרדן.

און גראָד אין צייט פון שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס נויטיקט זיך דער אָרימער מענטש אין זיין פּראָטערנאַלער אָרגאַניזאַציע אַמ־שטאַרקסטן. צוליב דער אַרבעטלאָזיקייט פאַרמערט זיך קראַנקהייט אין זיין פאַמיליע. דאַרף ער די ברודערלעכע האַנט צום נויטיקסטן. דאָ האָט דער אָרדן געקאָנט שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָל און העלפן לעזן די פּראָבלעם פון אָנהאַלטן די צאָלונגען. דער אָרדן, ווי דער טרעגער פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם, האָט געדאַרפט ווערן דער אָנפירער פון דעם קאַמף, אַז די צאָלונגען צו דער פּראָטערנאַלער אָרגאַניזאַציע זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אין די רעליף־סומען צום אַרבעטלאָזן.

מיר ברענגען דאָ אַרויס די דורכרייסן, כדי צו פאַרשטיין בעסער אונזערע ווייטערדיקע אויפגאַבן. דער קריזיס איז ווידער דאָ. מיליאָנען אַרבעטלאָזע לעבן נאָך אַלץ פון רעליף. מעגלעך, אַז די מערסטע פון זיי זיינען שוין אַרויסגעפאַלן פון זייערע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. דאָס מיינט ניט, אַז זיי נויטיקן זיך ניט אין זיי. אָבער פיל פון זיי האַלטן נאָך אָן זייער מיטגלידערשאַפט מיט גרויסע שוועריקייטן פאַר זיך און זייערע אָרגאַניזאַציעס. דערפאַר איז די נויטווענדיקייט פון דעם קאַמף נאָך ווייט ניט פאַראיבער. מיר ווייסן, אַז אויב אַפילו עס קומט אָן אַ פּעריאָד פון „פּראָספּעריטי", איז ער אויך ניט שטאַנדהאַפטיק. צוליב דעם געבוי פון דער היינטיקער אָרדענונג זיינען אַלעמאָל פאַראַן מיליאָנען אַרבעטלאָזע. בלייבט דעריבער נאָך אַלץ די אויפגאַבע צו קעמפן פאַר דער פאָדערונג דורך קאָנקרעטע פאַראייניקטע אַקציעס. דאָס איז דער געבאָט פון דעם פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם.

אַז די פראַגע פון אויפהאַלטן די מיטגלידער, וועלכע זיינען ניט אימשטאַנד אָנצוהאַלטן די צאָלונגען, איז זייער שאַרף, אַפילו ווען די שאַרפקייט פון קריזיס האָט עטוואָס נאָכגעלאָזן, געפינען מיר אויס פון דעם באַריכט צו דער לעצטער אַרבעטער רינג קאָנווענשן 12). דאָס איז זיכער ריכטיק אויך וועגן אַנדערע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. די פּראָבלעם שטייט אויך פאַר'ן אָרדן, אויב ניט צוליב אַלטקייט, איז אין פאַל, אויב איינער ווערט אַן אינוואַליד.

עס איז אַ שיינער אויסדרוק פון ברידערלעכקייט און סאָלידאַריטעט אין אַ פּראָטערנאַלער אָרגאַניזאַציע אַרויסצוהעלפן אין די

צאָלונגען פאַר אַרבעטלאָזע מיטגלידער. דאָס איז די שיינע זייט פון פּראָטערנאַליזם. מיר מוזן זיך אָבער שטעלן די פראַגע, אויב דער פראַטערנאַליזם דאַרף און קען זיך בלויז באַנוגענען מיט דער הילף פון די אייגענע כוחות.

איידער די געזעצן וועגן קאָמפּענסיישן (פאַרגיטיגונג אין צייט פון צעשעדיקונג בא דער אַרבעט) זיינען איינגעפירט געוואָרן, האָבן אַרבעטער אין גרעסערע אונטערנעמונגען זיך אַלעמאָל סאָלידאַריש און ברידערלעך אָפּגערופן צו העלפן דער פאַמיליע פון דעם צע־שעדיקטן. דאָס איז געווען זייער שיין. היינט איז שוין אָבער קלאָר, אַז ווי ניט גענוגנד די קאָמפּענסיישן־געזעצן זאָלן נאָך ניט זיין, פונדעסטוועגן איז דער וועג פאַר דעם אַרבעטער געווען אויס־צוקעמפן, אַז דער אונטערנעמער זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער באַזאָרגונג פון דעם צעשעדיקטן אַרבעטער.

די אַרבעטער־סאָלידאַריטעט איז דאָ אָנגעווענדעט געוואָרן פאַר אַ ברייטערן ציל, פאַר אַ קלאַסן־געווינס.

פונקט אַזוי איז וויכטיק, אַז די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס זאָלן אָנהויבן איינזען, אַז זיי אַליין קענען ניט לייזן אַזאַ נויט. זיי שטעלן אָפטמאָל אין געפאַר זייער אייגענע עקזיסטענץ דורך וועלן לייזן אַלע נויטן פון דעם אַרבעטער. אין עצם ווערט דאָ אויסגענוצט דער שיינער און געזונטער אינסטינקט פון דעם אַרבע־טער פאַר סאָלידאַריטעט, כדי צו באַפרייען די אינדוסטריע, דעם הערשנדיקן קלאַס, פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס מיינט ניט־ווילנדיק נאָכצוגעבן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע אין דער פּראַטערנאַלער באַוועגונג. 13)

אַ ברייטערע סאָלידאַריטעט איז אויסצוקעמפן, אַז די רעגי־רונג און די אינדוסטריע זאָלן טראָגן די שווערקייט פון דעם אַרבע־טער׳ס לאַגע אויף זייערע פּלייצעס. עס מוז קומען די פאָדערונג, אַז די צאָלונגען אין די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס פאַר די אַלטע מיטגלידער, פאַר דעם אינוואַליד, זאָלן געמאַכט ווערן פון דער רעגירונג. אַזאַ פאָדערונג איז פון באַלדיקער באַדייטונג. דאָ פאָ־דערט זיך די אויסקריסטאַליזירונג פון דעם קלאַסן־פאַקטאָר, וואָס זיין טרעגער דאַרף זיין דער פּראָלעטאַרישער פראַטערנאַליזם.

## 28. „גרופּ"־אינשורענס

ווען מען שטודירט דעם ענין „לאַיף־אישורענס" אין פאַר־בינדונג מיט דער פראָטערנאַלער באַוועגונג, מוז אויך ערנסט באַ־טראַכט ווערן די פראַגע פון „גרופּ"־אינשורענס. אַזאַ פאָרמע פון אינ־שורענס טראָגט אַף זיך דעם שאַרפסטן שטעמפּל פון אַ באַשטימטן קלאַסן־כאַראַקטער. פיל מער איידער אַפילו אינדאַסטריעל אינשו־רענס. „גרופּ"־אינשורענס האָט אַן אויסנאַמען צו טאָן מיט דעם אַרבעטער, ווי אַ קלאַס.

„גרופּ"־אינשורענס איז אַ סיסטעם, וואָס פאַרזיכערט אַ גרופּע אַרבעטער פון איין אונטערנעמונג, אַ גרופּע ניט ווינציקער, ווי 50 אין צאָל. דריי פערטל פון דער מינימום־צאָל מוזן אַרויסנעמען אַזוינע אינשורענס. די אַלגעמיינע פּאָליסי ווערט אַרויסגעגעבן צו דעם באַלעבאָס. די אַרבעטער באַקומען בלויז סערטיפיקאַטן. נאָ־מינאַל דאַרף דער באַלעבאָס דאָס צאָלן די גאַנצע סומע אָדער ווינ־ציקסטנס אַ טייל דערפון.

באַ דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון אינשורענס קאָמישאַ־נערס (1918) איז אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע דעפיניציע וועגן דעם, וואָס „גרופּ"־אינשורענס איז:

> „גרופּ לאַיף אינשורענס איז אַ פאָרמע פון לאַיף אינשו־רענס, וואָס כאַפּט אַרום אַ גרופּע ניט ווינציקער פון 50 אַר־בעטער, דורך אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג אָדער אָן דעם, וואָס זיינען אונטערגעשריבן אונטער אַ פּאָליסי, וועלכע ווערט אַרויסגעגעבן צו דעם אונטערנעמער. די צאָלונגען זאָלן קו־מען פון אונטערנעמער, אָדער געמיינזאַם מיט די אַרבעטער. די פּאָליסי פאַרזיכערט אַלע זיינע באַשעפטיקטע, אַ קלאַס פון באַשעפטיקטע אָדער אַ טייל פון זיי. די סומע איז לויט אַ פּלאַן, שליסט אויס פערזענלעכן אויסוואַל, פאַר דעם בענע־פיט פון אַנדערע אויסער דעם אונטערנעמער. אונטער אַזאַ פּלאַן ווערט אָפטמאָל אויך פאַרזיכערט אַ גרופּע אין אַ טרעיד־יוניאָן".

אַזאַ פאָרמע פון אינשורענס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אַרום דעם יאָר 1921 און האָט געמאַכט ריזיקן פאָרטשריט, באַזונ־דערס אין דעם פּעריאָד, ווען עס ווערט אַנטוויקלט דער אַזוי גערו־פענער „פּראָגרעסיווער קאַפּיטאַליזם". צום סוף פון 1935 האָבן אין אַמעריקע זיך שוין געפונען אַזוינע פּאָליסים אין איבער 28 טויזנט

אונטערנעמונגען (28,203) מיט אַן אינשורענס־ווערט פון 10 און אַ האַלב ביליאָן דאָלאַר ($10,469,576,619) (13) דאָס איז מיט נאָענט צו 4 ביליאָן דאָלאַר אינשורענס מער ($3,750,897,307), איידער עס האָט יענעם יאָר באַטראָפן די גאַנצע אינשורענס פון די פּראָטער־נאַלע אָרגאַניזאַציעס ($6,718,679,312) (14) אָדער בעסער געזאָגט מיט 50 פּראָצענט מער, ווי די אינשורענס פון אַלע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס צוזאַמענגענומען.

צוערשט זיינען די צאָלונגען געקומען פון די בעלי־בתים. ביס־לעכווייז זוכט דער „פּראָגרעסיווער קאַפּיטאַליזם" איינפירן דעם מעטאָד, אַז די אַרבעטער זאָלן ביישטייערן צו די אויסגאַבן. אַרום 95 פּראָצענט פון די גרופּ־אינשורענס איז שוין לויט דעם „נייעם" פּלאַן, אין וועלכן די אַרבעטער טראָגן צו אַ טייל פון די צאָלונגען. ווי ווערן די ביישטייערונגען איינגעטיילט? לויט דעם דורכשניט־לעכן פּלאַן צאָלט דער אַרבעטער זיין גאַנץ לעבן 60 סענט אַ חודש פאַר טויזנט דאָלאַר אינשורענס. דאָס איבעריקע דערלייגט דער אונטערנעמער. וויפיל צאָלט דער אונטערנעמער?

## טאַבעלע 23.

| עלטער | יאָרלעכע צאָלונגען צו די אינשורנס קאָמפּאַניס | צאָלט דער אַרבעטער |
|---|---|---|
| 15 | $ 5.39 | $7.20 |
| 20 | 5.87 | 7.20 |
| 25 | 6.27 | 7.20 |
| 30 | 6.43 | 7.20 |
| 35 | 6.76 | 7.20 |
| 37 | 7.32 | 7.20 |
| 40 | 7.85 | 7.20 |
| 45 | 10.02 | 7.20 |
| 50 | 13.78 | 7.20 |
| 60 | 29.37 | 7.20 |
| 70 | 65.34 | 7.20 |
| 78 | 142.09 | 7.20 |

ווען מיר באַטראַכטן די געבראַכטע טאַבעלע 23 ווייזט זיך אַרויס, אַז אַלע אַרבעטער אין דער אונטערנעמונג ביז דער עלטער

פון 37 יאָר צאָלן אַ העכערן אָפּצאָל צום אונטערנעמער, איידער דער אונטערנעמער צאָלט צו דער אינשורענס־קאָמפּאַניע. ערשט אין דעם עלטער פון 37 יאָר דאַרף דער אונטערנעמער דערלייגן גאַנצע 12 סענט אַ יאָר. און ערשט אין דעם עלטער פון 51 יאָר דאַרף דער אונטערנעמער בייטראָגן אַ גלייכן חלק מיט דעם אַרבעטער. דער דורכשניטלעכער עלטער פון דעם אַרבעטער, וואָס אַרבעט אין פאַבריק, איז אָבער ניט פיל מער פון 40 יאָר. ווערט פאַר אונז קלאָר, אַז די איבערגעצאָלטע סומע פון די אייגענע אַרבעטער איז איבערגענוג צו דעקן די נויטיקע סומע פאַר די אַרבעטער אַפילו ביז דעם עלטער פון 50 יאָר.

אין דעם עלטער פון 55 יאָר און העכער דאַרף שוין דער אונ־טערנעמער דערלייגן אַ היפּשע סומע. דער „פּראָגרעסיווער קאַפּי־טאַליזם" האָט שוין אָבער זיך פאַרזיכערט, אַז איר וועט ניט געפינען קיין 80, 70 אָדער 60־יאָריקע אַרבעטער אין די פאַבריקן, און אויך זייער ווייניק 50־יאָריקע. אַזוי, אַז דער פּראָגרעסיווער קאַפּי־טאַליזם דערלייגט זעלטן אַ קלייניקייט, אויב ער דערלייגט עפּעס בכלל צו דער גרופּ־אינשורענס סיסטעם.

ס'איז ווערט צו דערמאָנען נאָך עטוואָס. אין פיל פון די סערטיפיקייטס איז פאַראַן אַ פּונקט, וואָס גיט אַ רעכט דעם אונ־טערנעמער, אַף זיין איינענעם איינזען, אַראָפּצונעמען ביז 500$ פון די אינשורענס. ער האָט אויך רעכט דאָס אויסצאָלן צו יעדן איינעם, וואָס ער, דער אונטערנעמער, דיינקט, אַז ער האָט אויסגעגעבן געלט פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם אַרבעטער אָדער פאַר זיין באַערדיקונג. דאָס מיינט פאַקטיש געשניטן די אינשורענס אַף אַ העלפט.

אויסער דעם זיינען צוגעשטעלט נאָך פּונקטען און פּונקטעלעך, וועלכע שטעלן אַלעמאָל די פּאָליסי אין געפאַר. ווען מען אַנאַלי־זירט די אַלע פּונקטען, דערזעט מען נאָך בולט'ער דעם נישטיקן באַדייט פון אַזאַ פּאָליסי. און זיכער איז אַזאַ פּאָליסי ניט ווערט דעם ווירקלעך גרויסן פּרייז, וואָס דער אַרבעטער באַצאָלט פאַר איר.

דורך דער גרופּ־אינשורענס סיסטעם ווערן אָבער דערגרייכט גאַנץ באַשטימטע רעזולטאַטן פאַר די אונטערנעמער. די גרופּ־

אינשורענס איז געוואָרן די באַזע פאַר דעם, וואָס עס איז באוואוסט, ווי „קעגנזייטיקע הילף־אָרגאַניזאַציעס פאַר באַשעפטיקטע" (עמפּלאָ־אים מיוטשועל בענעפיט־סאָסייעטיס). אַזוינע אָרגאַניזאַציעס זיי־נען איינפאַך קאָמפּאַני פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. די גרופּ־אינ־אינשורענס סיסטעם צוזאַמען מיט די פּראַטעראַנלע קאָמפּאַני אָרגאַ־ניזאַציעס זיינען דער רוקן־ביין פון די קאָמפּאַני־יוניאָנס אין אַמע־ריקע.

דאָ זעען מיר, ווי גרופּ־אינשורענס איז פון אַזאַ באַדייטונג, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס מוז זייער ערנסט באַטראַכטן. דער קאַמף פון דער „סי־אַי־אָ" ווערט הויפּטזעכלעך געפירט קעגן יענע אינדוסט־ריען, וואָס פאַרמאָגן קאָמפּאַני־יוניאָנס. און אין פאַרבינדונג דער־מיט ווערט וויכטיק פאַר דעם אַרבעטער קלאַס אין אַמעריקע די פראַגע פון גרופּ־אינשורענס. די צעשמעטערונג פון דעם קאָמ־פּאַני־יוניאָניזם איז אין זייער אַ גרויסער מאָס אָפּהייִנגיק פון דער מעגלעכקייט צו צעשמעטערן דערפאַרלגרייך דעם קאָמ־פּאַני־פּראַטערנאַליזם.

אין זיין קאַמף קעגן דער „סי־אַי־אָ" שטיצט זיך הענרי פאָרד פריער פון אַלץ אויף זיין קאָמפּאַני פּראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע. זי וועט זיין די פעסטונג, דיינקט ער, וואָס וועט אים אויך איצט באַ־שיצן פון דער אָרגאַניזירונג פון זיינע אַרבעטער אין אַ טרעיד יוניאָן. די דזשענעראַל מאָטאָרס, וואָס איז געווען געצוואונגען צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער אויטאָמאָביל אַרבעטער יוניאָן, האָט נאָך זיכער ניט אויפגעגעבן די האָפענונג צו צעשמעטערן אין דעם גינסטיקן מאָמענט די געווינסן פון דער יוניאָן און די יוניאָן אַליין. און אַזוי לאַנג, ווי די קאָמפּאַני פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע פון דער דזשע־נעראַל מאָטאָרס וועט עקזיסטירן, איז די געפאַר זייער אַן ערנסטע.

אַז די פּראַטערנאַלע קאָמפּאַני אָרגאַניזאַציעס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אָנהאַלטונג פון דעם קאָמפּאַני־יוניאָניזם, דערעווייזן מיר זיך פון די אונטערנעמער אַליין. די באַריכטן פון דער „אינדאָסטריעל רילייישנס קאָנפערענס באָרד", — אַ קאָמיטעט, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון די גרעסטע אונטערנעמער און באַ־שעפטיקט זיך מיט די פראַגן פון זייער וואוילזיין אין קאַמף קעגן די אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן — באַשטעטיקן דעם געדאַנק.

אין זייער געדרוקטן רעפּאָרט נומער 65, אַרויסגעגעבן אין 1929, מיט אַ צוגאָב אין 1931, גיבן זיי זיך ספּעציעל אָפּ מיט די פּראָ־טערנאַלע קאָמפּאַני־אָרגאַניזאַציעס. דאָרטן ווערט אַרויסגעבראַכט, אַז דורך אַזוינע אָרגאַניזאַציעס גיט זיך איין דעם אונטערנעמער צו האַלטן דעם אַרבעטער אין צאַם. עס ווערט פאַרקלענערט די פליסיקייט פון דער אַרבעטערשאַפט (דאָס בייטן זיך פון די אַרבע־טער). עס ווערן געשאַפן „פאַרבעסערטע" באַציאונגען צווישן די פאַרוואַלטער און די אַרבעטער. עס ווערט דערגרייכט די „באַפריי־אונג" פון דעם אונטערנעמער: ער ווערט ניט באַטראַכט, ווי אַ שותּף אין דער לאַגע פון דער פאַמיליע, ווען עס שטאַרבט דער שפּייזער.

גרופּ־אינשורענס ווערט באַטראַכט פון דעם אונטערנעמער, ווי אַ מיטל צו געווינען דעם „גוטן ווילן פון די אַרבעטער", ווי אַ מיטל „אָפּצושאַצן" „איבערגעבנקייט" פון דעם אַרבעטער צו דעם אונ־טערנעמער, אַז די אַרבעטער זאָלן „אָננעמען אַלץ פאַר גוט און זיין רואיק". די אונטערנעמער ווייסן, אַז אָפטמאָל וועט די געפאַר צו פאַרלירן די אינשורענס צובינדן דעם אַרבעטער צו דער פאַבריק.

פּראָפעסאָר ה. א. מילים באַשטעטיקט, אַז:

> „אַזוינע סאָסייעטיס ווערן מערסטנס געגרינדעט פון די אַרבעטגעבער... ווי אַ מיטל אָנצוהאַלטן דעם „אָפּן שאָפּ" און צו באַזיגן טרעיד־יוניאָניזם". („קראַנקהייט און אינשור־רענס", זייט 19).

דער באַוואוסטער בורזשואַזער אינשורענס־עקספּערט ל. ק. פריינקל שרייבט וועגן גרופּ־אישורענס, ווי פאָלגט:

> „אין די לעצטע יאָרן הויבן די אונטערנעמער אָן צו באַ־גרייפן, אַז דורך זייער קאָאָפּעראַציע מיט די בענעפיט־פאַר־איינען פון די באַשעפטיקטע קאָן געשאַפן ווערן אַן אינסטרו־מענט איינצושטעלן דעם נויטיקן צוטרויען און גוטן ווילן צווישן אונטערנעמער און אַרבעטער, וואָס וועט פאַרקלענערן שטרייטיקייטן און דאָס בייטן זיך פון פערסאָנאַל". 16)

אביסל ווייטער שרייבט ער אַזוי: „פילע אונטערנעמער האָבן שוין אַרויסגעגעבן זייער גינסטיקע מיינונג וועגן אַזוינע

מיוטשועל בענעפיט סאָסייעטיס. די קעדילאַק מאָטאָר קאָ., אינטערנעשאָנאַל הארוועסטער און אַ סך אַנדערע דערקלערן עס אין אַ זייער באַשטימטער שפּראַך: זיי זיינען געווען דערפאָלגרייך אין פאַרמיידן צווויסטיקייטן. זיי ברייינגען דעם אַרבעטער צוריק צו דער אַרבעט מיט אַ גרינגערער אָנלאָדונג פון שולד. זיי בלאָזן אַריין דעם גייסט פון קאָאָפּעראַציע צווישן די אַרבעטער און אונטערנעמער. זיי דערמוטיקן די אַרבעטער צופרידנשטעלן זיך מיט זאַכן, ווי זיי זיינען. זיי זיינען ווערט מער צו דער אונטערנעמונג, איידער די קאָסטן זיי אויפצוהאַלטן". 17)

ל. ק. פריינקל האָט זיין בוך געשריבן אין 1920. די דערפאַ־רונגען פון דער „אינדאַסטריעל רילייִשנס קאָנפערענס באָרד" האָבן דאָס באַשטעטיקט אין 1929 און 1931.

נאָך אין יאָר 1909 האָט דער קאָרט אָוו אַפּילס אין ניו־יאָרק אַרויסגעגעבן אַזאַ אַנטשיידונג:

„אַ קאָרפּאָריישאָן קען צאָלן אירע אַרבעטער ניט נאָר דעם פאַקטישן לוין. עלטער־פּענסיעס, הילף אין צייט פון קראַנקהייט א. אז. וו., דאַרפן ניט פאַרטיידיקט ווערן אַפן גרונט פון רחמנות און טשאַריטי, נאָר זיי גייען אַריין אין די פאַרהעלטענישן צווישן דעם אונטערנעמער און אַרבעטער. זיי ווערן אַ טייל פון צוריידן דעם אַרבעטער אָנצונעמען באַ־שעפטיקונג, צו דינען מיט איבערגעבנקייט פאַר דעם לוין, וואָס איז פון אָנהויב באַשטימט געוואָרן. זיי ווערן אַ טייל פון די באַדינגונגען פון דער אַרבעט". 18)

די פאַרדינסטן פון גרופּ־אינשורענס פאַר די בעלי־בתים זיינען זייער וויכטיקע. ווי אַזוי גיט זיך איין צו פאַרבינדן די אַרבעטער מיט אַזאַ סאָרט אינשורענס? וואו ליגט די צוציאונגס־קראַפט פאַר די אַרבעטער?

ל. ק. פריינקל שרייבט וועגן דעם אַזוי:

„דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז דער אונטערנעמער וועט אַף אַזויפיל געווינען פון גרופּ־אישורענס, אַף וויפיל די אַר־בעטער וועט געגעבן ווערן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס באַטייט.

ערשט דאַן וועלן זיי אָפּשאַצן די בענעפיטן. עס וועלן ניט דערגרייכט ווערן די בעסטע רעזולטאַטן, אויב די גאַנצע זאַך ווערט רעדוצירט צום באַצאָלן די פּרעמיע און אויסצאָלן די אינשורענס. מען מוז די אידייע פאַרקויפן צו דעם אַרבעטער. איין אונטערנעמונג האָט ניט נאָר דערגרייכט די אַרבעטער, נאָר האָט סיסטעמאַטיש געזען, אַז די וויכטי־קייט און נוצן פון גרופּ־אינשורענס זאָלן פאַרשטאַנען ווערן אויך אין די היימען און פון זייערע פאַמיליעס". 19)

צום זעלביקן אויספיר קומט אויך עדוואַרד א. וואודס, וועלכער שרייבט:

„גרופּ־אינשורענס פאַר די באַשעפטיקטע איז אַן אויס־דרוק פון דעם אונטערנעמער'ס אינטערעס צו זיינע אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס. איינע פון די וויכטיקסטע מאָמענטן איז, וואָס די אינשורענס דרינגט אַריין אין זיין היים. זי בינדט צו דעם אַרבעטער'ס פאַמיליע צו דעם אונטער־נעמער. עס איז באַוואוסט, אַז פילע פרויען פון אַרבע־טער האַלטן זייערע מענער אָפּ זייערע דזשאָבס, כדי צו פאַרמיידן דעם פאַרלוסט פון די אינשורענס". 20)

פאַרוואָס זיינען די אַרבעטער־פאַמיליעס אַזוי פאַראינטערע־סירט אין די אינשורענס? עדוואַרד א. וואודס ענטפערט:

„אַרום 800 אַרבעטער, וואָס פאַרמאָגן גרופּ־אינשורענס, שטאַרבן יעדע וואָך. 40 פּראָצענט, אָדער 350 פון זיי, פאַר־מאָגן ניט קיינע אַנדערע אינשורענס". 21)

נאָכ'ן אויספאָרשן 10 פּאָליסים פון גרופּ־אינשורענס האָט וואודס אויסגעפונען דאָס פאָלגנדיקע:

„פון 1,000 אינשורטע האָבן 346 ניט פאַרמאָגט קיינע אַנדערע אינשורענס. 300 האָבן געהאַט ווייניקער ,ווי 500 דאָלאַר אינשורענס. 139 האָבן געהאַט אינשורענס צווישן 500 און טויזנט דאָלאַר. 127 — צווישן טויזנט און 2 טויזנט דאָלאַר אינשורענס. 62 — צווישן 2 און 5 טויזנט און בלויז 26 האָבן פאַרמאָגט מער פון 5 טויזנט אינשורענס". 22)

ווען פאַמיליעס פאַרמאָגן אַזוי ווינציק אינשורענס, צווינגט דאָס

זיי צו זיין אָפּהייננגיק אָן דער גרופּ־אינשורענס. זוכט דעריבער דער אונטערנעמער, און אים גיט זיך דאָס איין אָן שווערקייטן, צו באַווירקן דער פרוי, אַז זי זאָל ניט לאָזן דעם מאַן צו פאַרלירן זיין דזשאָב. דאָס מיינט אין דער ווירקלעכקייט, אַז ער זאָל ניט קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען. ווערט שוין די אינשורענס אויף אַזאַ אופן אַן אינסטרומענט פון דעם באַלעבאָס קעגן דעם אַרבעטער.

פאַרוואָס נעמט ניט דער אַרבעטער קיין אַנדערע אינשורענס? דערפאַר, ווייל אַנדערע אינשורענס איז צו טייער. אין אונזער אַנאַליז וועגן אינדאַסטריעל אינשורענס האָבן מיר שוין געזען, וויפיל דער אָרימער מענטש איז געצוואונגען צו צאָלן פאַר אַזאַ אינשורענס. 23)

ווען ל. ק. פריינקל רעדט וועגן „אויפקלערונג" 24), מיינט ער דערקלערן די אַרבעטער דעם פאָרצוג פון גרופּ־אינשורענס איבער אינדאַסטריעל אינשורענס. אַזאַ פאַרגלייך ווערט אויך געמאַכט אין דעם פריער דערמאָנטן באַריכט פון דער „אינדאַסטריעל רילײשנס קאָנפערענס באָרד". דער פאַרגלייך דאַרף עס איבערצייגן די אָרימע אַרבעטער־פאַמיליע, אַז גרופּ־אינשורענס איז פאַר זיי אַ „רעטונג".

אָט־וואָס פּראָפעסאָר מאָובריי שרייבט וועגן דעם:

„עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע אורזאַכן, פאַרוואָס מען באַזאָרגט זיך ניט מיט אינשורענס. מען קען ניט דערוואַרטן, אַז מענטשן מיט אַ באַשריינקטן איינקונפט, וואו יעדער סענט דאַרף געציילט ווערן און אויסגעגעבן ווערן פאַר עסנוואַרג, זאָלן אויסגעבן געלט פאַר אַ זאַך, וואָס איז אין באַלדיקן מאָמענט ניט נויטיק. בשעת עס איז נאָך ניט באַצאָלט דער ביל צום גראָסערימאַן פאַר די עסנוואַרג פון יענער צייט, ווען די פאַבריק האָט ניט געאַרבעט, קען די פאַרצווייפלטע פרוי ניט טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט אויסצוצאָלן געלט צו פאַרזיכערן דזשאָנ׳ס לעבן. ער איז איצטער געזונט און שטאַרק. די קינדער וואַקסן אונטער און וועלן קענען שפּעטער ארויסהעלפן אין אַ נויט. אַי, ער וועט מעגלעך דורך אַ צופאַל דער׳הרג׳עט ווערן? זאָל גאָט אויסהיטן! איך וועל תפילה טאָן. פאַרוואָס זאָל איך אָבער הונגערן איצטער, כדי

איך זאָל שפּעטער ניט דאַרפֿן הונגערן? אפשר וועט אַזאַ אומגליק ניט קומען? אויסער דעם זיינען די צאָלונגען זייער הויך! אָבער עטלעכע סענט אַ וואָך פאַר אַ ביסעלע אינ־שורענס־געלט פאַר באַערדיקונג, — דאָס מוזן מיר אויסגעבן. (אינדאָסטריעל־פּאָליסי — ה. פּ.) דאָס איז אויך שווער גע־נוג". 25)

אָט פאַרוואָס דער אַרבעטער איז ניט אינשורט! און טאַקע דערפאַר ווערט די גרופּ־אינשורענס באַטראַכט פון דעם אַרבעטער און זיין פאַמיליע אַלס אַ „רעטונג". און דערפאַר באַמיען זיך די אונטערנעמער אַריינצוברענגען די גליקן־אילוזיעס פון גרופּ־אינשו־רענס אין די היימען און צו די פאַמיליעס פון די אַרבעטער.

אין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער עקאָנאָמישער באַזע פון גרופּ-אינשורענס, וואָס מיר האָבן אַרויסגעבראַכט, מוז ווערן בעסער פאַרשטאַנען די ראָל פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם. דורך דעם אַנאַליז ווערט נאָך קלאָרער דער אומבאַשטרייטבאַרער פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם: ביליקע צאָלונגען פאַר אינשורענס. דורך אָט־דעם פּראָלעטאַרישן פּרינציפּ פון צאָלונגען ווערט געשאַפֿן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן און צו פאַרניכטן דעם הויפּט־אָנשפּאַר פון קאָמפּאַני־יוניאָניזם.

פון דער טאַבעלע 23, וואָס מיר האָבן געבראַכט אויף זייט 174, ווייזט זיך אַרויס, אַז די אָרדן־צאָלונגען גראָבן אונטער דעם קאָמ־פּאַני־פראַטערנאַליזם. ביז דעם עלטער פון 40 יאָר באַזאָרגט דער אָרדן מיט טויזנט דאָלאַר פאַר די זעלביקע 60 סענט אַ חודש, וואָס דער אַרבעטער דאַרף צאָלן דורך זיין קאָמפּאַני־אָרגאַניזאַציע. איי־דער דער אַרבעטער דערגרייכט דעם עלטער פון 40 יאָר, צאָלט ער נאָך ווייניקער.

און דער פאַקט, וואָס דער אַרבעטער וועט ניט זיין געבונדן ניט צו דער קאָמפּאַני פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע און ניט צו דער קאָמפּאַני־יוניאָן, וועט זיין זיכער פאַר אים אַ סך מער ווערט, איידער דער אונטערשייד פון די צאָלונגען, וואָס זיינען נויטיק אַריבער דעם עלטער פון 40 יאָר.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן, דער טרעגער פון פּראָ־לעטאַרישן פראַטערנאַליזם, מוז דערפאַר באַטראַכטן די עקאָנאָמישע

באַזע פון די געברויכער פון גרופּ־אינשורענס, ווי זיין באַזע. דער אָרדן קען דורך דער באַזע פאַרנעמען אַ אַנגעזעענעם אָרט אין די קאַמפּן און זיגן קעגן קאָמפּאַני־יוניאָניזם. דער אָרדן קען אַ סך העלפן צו אונטערגראָבן דעם וואָרצל פון קאָמפּאַני־יוניאָניזם דורך פאַרניכטן דעם קאָמפּאַני־פּראַטערנאַליזם.

דער אָרדן טאָר ניט באַטראַכטן די מיטגלידערשאַפט פון דעם קאָמפּאַני־פּראַטערנאַליזם, ווי אַן עלעמענט, וואָס איז פיינטלעך צו דעם פּראָלעטאַרישן פּראַטערנאַליזם. דאָסזעלבע זעען מיר, אַז אַ טרעיד־יוניאָן באַטראַכט ניט די מיטגלידער פון אַ קאָמפּאַני־יוניאָן, ווי פיינט פון דעם אַרבעטער קלאַס. און פונקט, ווי די טרעיד־יוניאָן באַמיט זיך צו אַריבערגעווינען די אַרבעטער פון דער קאָמפּאַני־יוניאָן, אַזוי דאַרף דער אָרדן זיך באַמיען צו אַריבערגעווינען די מיטגלידער פון די קאָמפּאַני פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

עס דאַרף נאָך אָנגעוויזן ווערן, אַז די צאָלונגען פון גרופּ־אינשורענס זיינען געבויט, לויט דעם „סטעפּ רעיט“. דאָס באַווייזט, אַז וואו די קאַפּיטאַליסטישע אינשורענס קאָמפּאַניעס קומען צו הילף קאַפּיטאַליסטן, באַנוצן זיי דאָס געזעץ פון ריינע אינשורענס. ל. ק. פריינקל שרייבט וועגן דעם אַז: „גרופּ־אינשורענס איז די איינציקע סיסטעם, דורך וועלכער די פאַמיליע פון לוין־אַרבעטער איז גענוג (?) פאַרזיכערט, ווייל דער הויפּט־פּרינציפּ פון אינשורענס ווערט נאָכגעפאָלגט“ 26). אין אַ צווייטן אָרט שרייבט ער: „גרופּ־אינשורענס ווערט גערעכנט, לויט דעם נידעריקן קאָסט. פון איין־יאָריקער רעניועבל טוירם אינשורענס“. 27)

אַ סך פּאָליסים פון גרופּ־אינשורענס ווערן גענוצט אויך פון טרעיד־יוניאָנס. אָט־די טענדענץ האָט אַגב אַ היסטאָרישן הינטערגרונט, ווען עס איז כמעט ניט געווען מעגלעך אָפּצוטיילן די טרעיד־יוניאָן פון דער פּראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע. אָבער דער עיקר נעמט זיך דאָס פון דעם פאַרזוך פון די יוניאָנס צו קאָנקורירן מיט דעם קאָמפּאַני פּראַטערנאַליזם. אָפטמאָל דיינקען די יוניאָנס, אַז דאָס איז דער בעסטער מיטל צוזאַמענצוהאַלטן די מיטגלידערשאַפט.

לעצטנס מערקט זיך אַזאַ טענדענץ אַפילו אין אַ צאָל פּראָגרעסיווע יוניאָנס.

מיר וועלן איצטער ברייט אין דער פראַגע ניט אַריינגיין. אַזאַ

זאַך פאָדערט אַ גרינטלעכע באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. מיר קלייבן זיך דאָס צו טאָן אויף אַ גרונט פון אַ זייער רייכן מאַטעריאַל. דערווייל ווילן מיר אָבער שוין אונטערשטרייכן, אַז אַזאַ טענדענץ טראָגט מיט זיך אַן ערנסטע געפאַר. דער מאַרש פון פּראָגרעסיוון און מיליטאַנטן טרעיד־יוניאָניזם איז אין געפאַר אָפּגעשטעלט צו ווערן, אויב די פּראָבלעם זאָל זייער פּראַקטיק און ערנסט ניט געלעזט ווערן. דער פּראָלעטאַרישער פראַטערנאַליזם האָט דאָ פאַר זיך אַ ספּעציעלע אויפגאַבע: צו העלפן אויסקריסטאַליזירן זיין ראָל אין פאַרבינדונג מיט דעם בעסטן מיטל צו באַקעמפן און פאַרניכטן דעם קאָמפּאַני פראַטערנאַליזם. יעדע איינציקע טרעיד־יוניאָן, יעדע איינציקע אינדוסטריעלע יוניאָן, קאָן די פראַגע באַזונדער ניט לייזן. אין אָט־דער עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט פאָדערט זיך די אָנווענדונג פון דעם קלאָרן פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם.

## זיבעטער קאַפּיטל

29) דער אינשורענס־אַגענט.

30) פּאַרזיכטיק אויסרעכענען די אינשורענס־פּראָבלעם.

31) דער פּראָלעטאַרישער פּראַטערנאַליזם — דער וועג־ווייזער.

---

## 29. דער אינשורענס־אַגענט.

אין אונזער גאַנצער אָפּהאַנדלונג האָבן מיר געבראַכט איבער־גענוג פאַקטן צו באַווייזן, אַז דער אינשורטער ווערט אָפּגענאַרט פון די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס. דער אינשורטער קומט אָבער אין דירעקטן קאָנטאַקט בלויז מיט דעם אַגענט. בּאַ דעם אינשורטן קען דערפאַר פון׳ם געזאָגטן זיך שאַפן אַן איינדרוק, אַז יעדער אַגענט איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס מען האָט אים, דעם אינ־שורטן, אָפּגענאַרט. באַזונדערס מוז דאָ גענומען ווערן אין אַכט דער פאַקט, אַז דער אינשורענס־אַגענט ווערט געוויינלעך באַטראַכט, ווי אַ פריינט, אָפטמאָל איז ער אַ משפּחה־מיטגליד. אַזאַ אַגענט וועט מען אָבער איצט מער ניט וועלן אָנקוקן פאַר די אויגן.

מוזן מיר דאָ קלאָר מאַכן דעם אונטערשייד צווישן דעם אַגענט און דער אינשורענס קאָמפּאַניע, וועמען ער פאַרטרעט. אין דער צייט, וועז די פירער פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס ווייסן געוויינ־לעך זייער גוט די ווירקלעכע ראָלע פון אינשורענס, איז אָבער דער אַגענט געוויינלעך אינגאַנצן אומוויסנד אין דעם ענין.

דעם אינשורענס־אַגענט ווערן איבערגעגעבן אַרום הונדערט פאַרשיידענע סאָרטן פּאָליסים. יעדע פּאָליסי האָט אַ באַזונדער פּרייז און אַ באַזונדער פּרעמיע — פאַרדינסט פאַר דעם אַגענט. אויסער דעם קנעלט מען מיט דעם אַגענט וועגן די „גליקן" פון יעדערער באַזונדערער פּאָליסי. מען לערנט אים, אַז די פּאָליסים זיינען פּשוט אימשטאַנד צו ראַטעווען יעדן איינעם, לויט זיין קע־שענע נאָך. די טעקסט־ביכער פאַר די אינשורענס־אַגענטן, ווי פאַר דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, ווערן געשאַפן לויט די באַשטעלונגען פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס.

דער אינשורענס־אַגענט איז געוויינלעך אַ מענטש מיט אַ באַ־שריינקטער בילדונג. די אַגענטן, וואָס פאַרמאָגן יע אַ מיטעלע אָדער אַ העכערע בילדונג, האָבן דאָך דאָס באַקומען אין קאַפּיטאַליסטישע אינסטיטוציעס. זיי באַטראַכטן אינשורענס, ווי יעדע אַנדערע קאַ־פּיטאַליסטישע אונטערנעמונג. און אַגענטן, וואָס פאַרמאָגן אַפילו אַ וועלכן עס איז סאָציאַליסטישן הינטערגרונט, האָבן נאָך בכלל נים דערטראַכט זיך צו דעם קלאַסן־אינהאַלט פון אינשורענס.

אָט־דער פאַרשיידנאַרטיקער עלעמענט גלויבט געוויינלעך אַליין אַלץ, וואָס מען דערציילט אים וועגן די גליקן פון אינשורענס, ווי זיי גלויבן אין דער זיכערקייט פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס, פאַר וועלכע זיי אַרבעטן. פאַר זייערע אויגן ווערן הונדערטער מיליאָנען אויסגעצאָלט צו די פּאָליסי־אייגנטימער. זיי פאַלט דעריבער גאָר קיינמאָל נים איין, אַז מיט פאַרקויפן די אָדער יענע פּאָליסי באַ־גייען זיי אַן עולה קעגן דעם אינשורטן, אָדער אַז איין סאָרט אינ־שורענס איז פאַר דעם אינשורטן בעסער, ווי אַ צווייטער.

זיי גלויבן אַליין אין דעם קעש־ווערט, הלוואות־ווערט, „פּעיד אַפּ“ אינשורענס, און אַפילו אין דעם גליק פון דער „ענדאָומענט“ פּאָליסי. דעם אינשורענס אַגענט קענען מיר דעריבער נים האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס. און אַפילו ווען דער אינשורנס־אַגענט זאָל אָנהויבן צווייפלען אין די אַלע „גליקן“ פון אינשורענס, מיינט דאָס נים, אַז מיר וועלן פון אים פאַרלאַנגען אויפצוגעבן זיין באַשעפטיקונג, זיין חיונה.

אונז וועט דאָך, צום ביישפּיל, נים איינפאַלן צו באַטראַכטן, ווי מערדער, די אַרבעטער, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אויף אַמוני־ציע־פאַבריקן. מיר וועלן אָנווייזן אויפן אימפּעריאַליזם, אויפן קאַפּי־טאַליזם, אויף דער בלוטדורשטיקייט פון די אַמוניציע־פאַבריקאַנטן. מיר וועלן אָבער נים באַשולדיקן די אַרבעטער, וועלכע זיינען באַ־שעפטיקט אין דער קריגס־אינדוסטריע, אַז זיי זיינען דאָס בעי מלחמה־צינדער.

דער אינשורענס־אַגענט דאַרף באַטראַכט ווערן, ווי אַן אַרבע־טער, ווי אַן אָנגעשטעלטער, וועלכער ווערט אַליין עקספּלואַטירט פון די קאַפּיטאַליסטישע אינשורענס קאָמפּאַניעס. ער ווייסט פּשוט נים די קאָמפּליצירטע מאַניפּולאַציעס, וואָס די קאָמפּאַניעס מאַכן.

און די אַגענטן זיינען אָפּטמאָל געצוואונגען אָפּצונאַרן זייערע נאָ־ענטסטע, אַליין ניט וויסנדיק דערפון.

אין אַמעריקע זיינען פאַראַן אַרום 65 טויזנט אינשורענס־אַגענטן. אין די יאָרן פון פּראָספּעריטי איז דער דורכשניטלעכער פאַרדינסט פון דעם אַגענט געווען אַרום $52 א וואָך. א סך האָבן אָבער פאַרדינט א סך ווייניקער. מיט דעם אָנקומען פון דעם לעצטן קריזיס, האָבן די אַגענטן געדאַרפט פירן א שווערן קאַמף אָנצוהאַלטן אַן איינקונפט כאָטש פון 25 דאָלאַר א וואָך. די אַרבעט פון דעם אַגענט איז ניט אַלעמאָל מקנא צו זיין.

צוליב דעם, וואָס די אַגענטן ווערן רעקרוטירט פון פאַרשיידנאַרטיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, איז זיי שווער צו אָרגאַניזירן. עס ווילט זיך האָפן, אַז דער „סי־איי־אָ" וועט עס יע געלונגען. ביז איצט זיינען אַלע פאַרזוכן דורכגעפאַלן.

אין יאָר 1923 זיינען אין די אינשורענס קאָמפּאַניעס פון דער סאָוט געווען באַשעפטיקט 5,147 אַגענטן. אין דעם איין יאָר זיינען 4,430 פון זיי אָפּגעזאָגט געוואָרן. דער איבערבייט פון אַגענטן איז דער „מעטראָפּאָליטן" האָט באַטראָפן 55 פּראָצענט אין די יאָרן: 1928, 1929, 1930. ווען דער אַגענט פאַרלאָזט אַן אינשורענס קאָמ־פּאַניע, איז פאַר אים כמעט ניט מעגלעך צו באַקומען באַשעפטיקונג בא א צווייטער. די קאָמפּאַניעס פאַרמאָגן אַן אַלגעמיינעם אַפּליקאַציע־בלאַנק. און זיי טיילן זיך מיט דער אינפאָרמאַציע וועגן יעדן באַשעפטיקטן. דער אַפּליקאַנט ווערט גענוי אויסגעפאָרשט פיזיש און „מאָראַליש". מען אונטערזוכט אפילו זיינע פאַמיליע־פאַרבינדונגען און זיין אָפּשטאַמונג.

באַזונדערס איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין דעם אַגענט פון אינ־דאָסטריעל אינשורענס. דער אַגענט דאַרף גאַנצע טעג אַרומקריכן אויף די „טאָפּ פלאָרס" צו זאַמלען די צאָלונגען אויף די 5 און 10־סענטיקע פּאָליסים.

ער ווערט געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פינאַנציעל פאַר יעדער פּאָליסי, וואָס „לעפּסד" (ווערט אויפגעגעבן), א זאַך, וואָס ער קאָן בשום אופן ניט קאָנטראָלירן. און וואָס איז די גרעסטע סומע גע־האַלט פאַר אַזאַ אַרבעט? ווען ער האָט שוין דעם „גליק" צו האָבן א „דעביט" פון איינגעזאַמלטע $246 אין משך פון א וואָך צייט פון

די ניקלס און דיימס, באַקומט ער ‎$28.‎ זייער פיל אַגענטן פאַרדינען דערפון בלויז 18 אָדער 19 דאָלאַר אַ וואָך.

דער מענעדזשער און דער געהילף יאָגן דעם אַגענט צו קריגן נייע אינשורענס. אין דער זעלביקער צייט היטן זיי, אַז עס זאָלן חלילה ניט ליידן דער פּרעסטיזש און די אינטערעסן פון דער אינשורענס קאָמפּאַניע. אויב דער אַגענט, יאָגנדיק זיך נאָך די נייע פּאָליסים, זאָל, צום ביישפּיל, האַלטן אין ברייננגען בלויז רעניועבל־טוירם פּאָליסים, וועט ער קיין אַגענט לאַנג ניט בלייבן.

כדי צו קענען אָנהאַלטן זיין באַשעפטיקונג, ווי אַן אַגענט, און צוליב דער שרעקליכער יאָג־סיסטעם, איז דער אַגענט ניט אַלעמאָל איבערקלייבעריש אין זיינע מעטאָדן.

מיר מוזן דעריבער קומען צום שלוס, אַז מיר קענען פאַר קיין פאַל ניט האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך דעם אַגענט פאַר די געשעפטן פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס. דער פּראָלעטאַרישער פּראָטערנאַליזם איז קודם כּל פאַראינטערעסירט, אַז דער אַגענט זאָל זיין אָרגאַניזירט. דורך זיין אָרגאַניזירטקייט וועט ער אויך ווערן אַ פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דעם פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם.

די באַזע פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם שליסט דערפאַר אויך איין דעם אינשורענס־אַגענט, וואָס ליידט אַליין פון דער עקאָנאָמישער אומזיכערקייט אונטער דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג.

## 30. פּאָזיטיווע אויסרעכענען די אינשורענס־פּראָבלעמען

מיר האָבן שוין ביז איצט קלאָר באַוויזן, אַז מענטשן ווייסן ניט, וואָס אינשורענס איז. צוליב דעם שאַפן זיי זיך איין אַזאַ אינשורענס, וואָס איז אין דער אמת'ן קעגן זייערע אייגענע אינטערעסן. אָבער מיר ווילן דאָ וואָרענען קעגן אַן אַנדערער מעגלעכער געפאַר.

ווען די לייענער וועלן זיך דערוויסן דעם אמת וועגן אינשורענס, וועלן אַ היפּשע צאָל פון זיי וועלן אויפגעבן זייערע שלעכטע פּאָלי־

סים. אָבער אויפגעבן אַ שלעכטע פּאָליסי איז נאָך שווערער, איידער איינצושאַפן זיך אַ גוטע פּאָליסי.

ווילן מיר דעריבער וואָרענען, אַז באַם אויפגעבן אַ פּאָליסי מוז מען זיין זייער פּאָרזיכטיק. יעדע פּאָליסי דאַרף גענוי באַטראַכט ווערן באַזונדער און מען מוז זיך רעכענען מיט דעם צושטאַנד פון דעם אינשורטן. מיר וועלן פּרואוון אָנווייזן אויף אַ פּאָר קאָנקרעטע ביישפּילן, ווייל קיין אַלגעמיין געזעץ פאַר אַלעמען איז ניטאָ און קאָן ניט זיין.

אויב איר פאַרמאָגט אַ פּאָליסי מיט אַ גרויסן קעש־ווערט, איז די בעסטע זאַך זי אויסבייטן אויף אַ „רעניועבל טוירם". ווען מיר זאָגן אויסבייטן, מיינט דאָס ניט, אַז איר קענט אריינגיין צו דער אינשורענס קאָמפּאַניע און זיי וועלן דאָס שוין פאַר אייך באַלד טאָן. אויב איר וועט אפילו בלויז אָנפרעגן וועגן דעם, וועט איר שוין מער קיין „רעניועבל טוירם" ניט באַקומען. מיר וועלן אייך דעריבער אָנווייזן, ווי אַזוי אויסצובייטן.

די ערשטע זאַך גייט אריין צו אַ דאָקטאָר, ער זאָל אייך גוט עקזאַמינירן. אויב אייער צושטאַנד איז ניט צו־גוט, איז פאַרפאַלן: דעמלט האַלט זיך בעסער מיט דער שלעכטער פּאָליסי. עס איז שוין אַלץ איינס צו שפּעט. אויב אָבער אייער געזונט־צושטאַנד איז פולשטענדיק נאָרמאַל, טאָ פרעגט ניט קיין עצה באַ אייער אַגענט, דערציילט אים ניט קיין שום מעשות. איר דאַרפט בלויז פון אים פאַרלאַנגען (פון אַ ווילד־פרעמדן אַגענט איז נאָך בעסער), אַז ער זאָל אייך געבן אַ יערלעכע רעניועבל טוירם פּאָליסי. אויב ער קען אייך ניט געבן קיין יערלעכע — נעמט אַ 5־יאָריקע. גיט בלויז אכטונג, אַז זי זאָל טאַקע זיין רעניועבל, אַז ניט — טויג ניט.

ווען איר מאַכט אויס די אַפּליקאַציע, געפינט זיך דאָרטן אַן אומשולדיקע פראַגע: אויב איר דיינקט אויפצוגעבן וועלכע ניט איז אַנדערע אינשורענס. זייט דעמלט פאָרזיכטיק מיט אייער ענט־פער, ווייל אויב איר ענטפערט: יאָ! — וועט איר שוין קיין רעניועבל פּאָליסי ניט באַקומען, אפילו ווען די פּאָליסי, וואָס איר דאַרפט אויפגעבן, איז פון אַן אַנדער קאָמפּאַניע.

נאָכ'ן באַקומען די פּאָליסי, טראָגט אריין אין צייט די קומענ־דיקע איינצאָלונג פון אייער אָריגינעלער פּאָליסי. אויב עס איז

נאָך ווייניקער, ווי 6 חדשים, זינט איר האָט אַרויסגענומען די רע־ניועבל טוירם, טאָ צאָלט נאָך אַלץ איין. און ערשט צו דער ענדע פון צווייטן יאָר זאָלט איר אַרויסנעמען דעם קעש־ווערט. אויב די קומענדיקע איינצאָלונג פון דער אָריגינעלער פּאָליסי איז נאָך 6 חדשים — גייט און נעמט דעם קעש־ווערט.

אויב איר האָט אַזוי געטאָן, האָט איר קיינעם ניט אָפּגענאַרט. איר האָט בלויז פאַר זיך געטאָן אַ גוטע זאַך. איר האָט, צום ביי־שפּיל, אַ 20־יאָריקע ענדאָומענט פּאָליסי, פאַר 5 טויזנט דאָלאַר. די פּאָליסי האָט היינט אַ קעש־ווערט (ווען זי איז אַלט 10 יאָר) פון, לאָמיר זאָגן, $2,035. נעמט איר דאָן אַ רעניועבל טוירם פאַר 5 טויזנט. אַזוי שנעל, ווי איר באַקומט די פּאָליסי, זייט איר שוין אינשורט אויף די זעלביקע 5 טויזנט. נאָכדעם האָט איר איינגעקאַ־סירט די $2,035, וואָס איר האָט אַרויסגענומען. אייער פאַמיליע איז פּאַקטיש שוין אין דעם מאָמענט אינשורט אויף 7 טויזנט דאָלאַר. איר האָט קיינעם ניט אָפּגענאַרט. איר האָט גענומען אַ געזעצלעכע פּאָליסי. איר האָט בלויז פאַרבעסערט די פאַרזיכערונג פאַר אייער פאַמיליע.

אין פאַל, אויב איינער קען קיין דאָקטאָר עקזאַמען מער ניט דורכגיין, וואָלטן מיר געראַטן, ער זאָל זיך האַלטן מיט זיין פּאָליסי. ער דאַרף אָבער אויסרעכענען, צי זיין קעש־ווערט קען אים געבן „פּעיד אָפּ" אינשורענס פאַר אַ לאַנגער צייט, לאָמיר זאָגן, פאַר 20 יאָר. ער אַליין איז שוין אַלט, לאָמיר זאָגן, 50 יאָר. איז אויב זיין קראַנקהייט איז אַן ערנסטע, וואָס דאָס מיינט, אַז ער האָט ווינציק האָפענונג אַריבערצולעבן די 20 יאָר; און אויב זיין פּאָליסי איז אַ „האָל לאַיף", אַזאַ וואָס ער דאַרף צאָלן פאַר איר דעם גאַנצן לעבן — אין אַזאַ פאַל לוינט זיך מער ניט אָנהאַלטן די צאָלונגען. אַזאַ מענטש דאַרף נעמען „עקסטענדעט אינשורענס". אין פאַרלויף פון די 20 יאָר וועט זיין פּאָליסי ווערט זיין פּונקט אַזוי פיל, ווי ווען ער זאָל אָנהאַלטן די צאָלונגען. זיין קעש־ווערט וואָלט טאַקע געוואָרן גרעסער. ער וועט אָבער זיין קעש־ווערט קיינמאָל ניט אָנזען, ווייל אים לוינט זיך אַוודאי ניט אויפצוגעבן די אינשורענס. איז דעריבער אין אַזאַ פאַל יעדער איינגעצאָלטער דאָלאַר אַרויסגע־וואָרפן. זאָל ער דאָס געלט בעסער באַנוצן פאַר זיך און זיין פאַ־מיליע.

פון די פּאָר פאַקטן ווערט שוין קלאָר, אַז יעדע פּאָליסי פון יעדן מענטשן איז אַ פּראָבלעם פאַר זיך אַליין. וועגן יעדער ענדע־רונג מוז מען זיך פריער דורכשמועסן מיט אַן עקספּערט, וועלכער פאַרשטייט דעם כאַראַקטער פון אינשורענס פון אונזער ארויסגע־בראַכטן שטאַנדפּונקט. ווייל אויב דער אינשורטער איז פריער ניט געווען פאַרזיכטיק צוליב זיין אומוויסנקייט אין אינשורענס פראַגן, דאַרף ער זיך היטן ניט אריינצופאַלן איצט אין אַ נייעם פּלאָנטער, פילייכט אַן ערגערן.

נאָכאַמאָל: אינשורענס ווערט פון אונז ניט באַטראַכט, אַלס אַ „רעקעט" (שווינדל). מיר באַטראַכטן אינשורענס, ווי יעדע קאַפּיטאַליסטישע ביזנעס־אונטערנעמונג, וואָס שאַפט פּראָפיטן פון דער מענטשלעכער נויט. פאַר די קאַפּיטאַליסטן זיינען קוואַלן פון פּראָפיט אי וואַסער, אי פייער, אי קראַנקהייט, אי נויט. ווען דער קאַפּיטאַליזם וואָלט נאָר געקאָנט, וואָלט ער מאָנאָפּאָלי־זירט אפילו די לופט, מיט וועלכער מיר אָטעמען. ער האָט אויסגע־נוצט די אומזיכערקייט פון די מאַסן, כדי צו שאַפן אַ נייעם קוואַל פון פּראָפיטן.

פונקט ווי מיר קעמפן קעגן דעם הויכן קאָסט פון אַלערליי לעבנס־מיטלען, אַזוי דאַרפן מיר קעמפן קעגן די פּראָפיטן, וואָס קומען אַלס רעזולטאַט פון דער ניט־זיכערקייט פון דעם מאַרגן איז דער היינטיקער געזעלשאַפט. דער איינציקער אונטערשייד איז דער, וואָס אין דעם פאַל, קעמפן מיר ניט בלויז קעגן דעם הויכן קאָסט, מיר קעמפן קעגן דער ניט־זיכערקייט זעלבסט. איז — פונקט ווי איר האָט אַ רעכט צו קויפן אַלע אייערע לעבנס־מיטלען וואָס ביליגער, האָט איר דעם זעלביקן רעכט מיט אייערע אינשורענס. די פּראָבלעם פון יעדן איינציקן אינשורטן קען געלייזט ווערן בלויז אידיווידועל, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דער אויסוועג צו דער ברייטערער פּראָבלעם איז אַ קאָלעקטיווער. וואָרענען מיר דעריבער צו זיין פאַרזיכטיק באַ דער לייזונג פון אייער אינדיווידועלער פּראָב־לעם. עס איז ניט גענוג, וואָס איר פאַרשטייט אונזער אַנאַליז. איר מוזט יעדן פאַל פאַרזיכטיק באַטראַכטן מיט דער הילף פון אַן עקס־פּערט.

# 31. דער פּראָלעטאַרישער פּראָטערנאַליזם — דער וועגווייזער

ווען מיר באַטראַכטן די גאַנצע סיסטעם פון די פּריוואַטע אינשורענס קאָמפּאַניעס מיט זייערע פאַרשיידענע פאָרמען פון אינשורענס, מוז מען טראַכטן וועגן דעם מעגלעכן אויסוועג, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון זייערע רויבערישע אַפּעטיטן.

די צוויי ברידער מאַרטין און אַלפרעד גילבערט קומען צום אויספיר אין זייער ווערטפולן בוך „לאַיף אינשורענס — אַ געזעצלעכער ראַקעט", אַז די פּאָליסי־אייגנטימער דאַרפן זיך אָרגאַניזירן. דער געדאַנק איז זייער אַ גוטער, אָבער נישט מער, ווי אַ געדאַנק. דער עלעמענט פון די פּאָליסי־אייגנטימער איז זייער אַ פאַרשיידנאַרטיקער און מען קען אים ניט אַזוי גרינג אָרגאַניזירן. פאַר די גילבערטס אַליין איז ניט קלאָר, ווער עס זאָלן זיין די אָרגאַניזירער. אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקע מאַסע אָרגאַניזירט זיך ניט פון זיך אַליין.

מיר זיינען איינשטימיק וועגן דער נויטווענדיקייט פון אָרגאַניזירונג. אָבער דאָס קען געטאָן ווערן פון אַ געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע או ניט פון קיין איינצעלנע. עס קאָן געטאָן ווערן פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס באַטראַכט אינשורענס, ווי אַ וויכטיקערן פאַקטאָר, איידער אַ צופעליקן פאַרלאַנג פון איינצעלנע זיך צו פאַרזיכערן.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן — דער טרעגער פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם — קען ווערן דער אָרגאַניזיר־פּונקט פון אַלע די, וועלכע זוכן אינשורענס צוליב דער ניט־זיכערקייט פון זייער מאָרגן. דער אָרדן, וואָס באַטראַכט אינשורענס, ווי אַ רעזולטאַט פון קלאַסן־קעגנזאַצן און במילא פון קלאַסן־קאַמף, קען זיך ניט באַציען צו אינשורענס, ווי צו עפּעס אַ פּריוואַטן ענין.

אינשורענס וואַקסט אַרויס פון אַ קלאַסן־צושטאַנד. אינשורענס שפּיגלט אָפּ קלאַסן־אינטערעסן. אינשורענס מוז דערפאַר אָפּשפּיגלען קלאַסן־קאַמף. בלויז די פאַרשטייער פון פּראָלעטאַרישן פּראָטערנאַליזם קענען ווערן די פירער פון אַזאַ קאַמף. בלויז זיי קענען אָנצייכענען דעם וועג, ווי דער קאַמף קען אָרגאַניזירט ווערן, ווי

אַזוי דער קאַמף קאָן דערפירט ווערן צו דער פולשטענדיקער לייזונג פון דער פּראָבלעם.

דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער אָרדן, וועמענס עקאָנאָמישע באַזע איז די סאָציאַלע ניט־זיכערקייט פון די מאַסן, דאַרף ווערן דער נאַטירלעכער פירער אין קאַמף פאַר פולער סאָציאַלער פאַרזי־כערונג. ער דאַרף ווערן דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַלע כוחות, וואָס ווערן דורך זייערע עקאָנאָמישע נויטן געצוואונגען צו זוכן שוץ אין אַלערליי פאָרמען פון אינשורענס. ער איז דער נאַטירלעכער אָרגאַ־ניזאַטאָר פאַר דעם באַלדיקן קאַמף, וואָס די אינשורטע דאַרפן פירן קעגן די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן אין די אינשורענס קאָמפּאַ־ניעס. ער דאַרף זיין דער אויפדעקער פון די קאַפּיטאַליסטישע טענ־דענצן אין די פּראָטערנאַלע פאָרמען פון פאַרזיכערונג. דער באַל־דיקער ציל פון אַזאַ אָרגאַניזירטקייט דאַרף זיין דער קאַמף פאַר ביליגערע צאָלונגען פאַר אינשורענס. דער קאַמף וועט בייַלעכווייַז זיך מוזן אויפבויען צו דער שטופע פון פאַרשטיין די וויכטיקייט פון דעם קאַמף פאַר דער ענדגילטיקער אָפּשאַפונג פון דער ניט־זיכערקייט פון די מאַסן.

וואָס איז דער כאַראַקטער פון די אינשורענס קאָמפּאַניעס? וואָס זיינען זייערע קלאַסן־אינטערעסן?

1) די אינשורענס קאָמפּאַניעס נוצן אויס די נויט פון די מאַסן צו שאַפן אַ קוואַל פון ריזיקע פּראָפיטן.

2) זיי נאַרן אָפּ די מאַסן דורך דער אילוזיע, אַז די מאַסן קאָנען באמת פאַרזיכערן זיך קעגן דער אומזיכערקייט, וואָס דער קאַפּיטאַליזם שאַפט.

3) די אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען אַליין געוואָרן אַן אינסט־רומענט, וואָס העלפט פאַרשאַפן די אומזיכערקייט פון די מאַסן.

4) די אינשורענס קאָמפּאַניעס זיינען באַקעמפער פון די פּראָ־טערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אַף וויפיל יענע ווילן העלפן און ווילן זיין נעענטער צו די מאַסן. זיי איבן אויס זייער גאַנצן איינפלוס און דרוק צו פאַרוואַנדלען די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין אַן ענלעכן אינסטרומענט פון ריינע אינשורענס אָרגאַניזאַציעס. און דורכדעם זאָלן זיי ווערן אַ רעזערוואואַר פון פּאָליסי־קויפער פאַר

די פריוואטע אינשורענס קאמפאניעס. דארטן, וואו זיי דערזעען די געפאר פון אמת'ן פראלעטארישן פראטערנאליזם, זוכן זיי אנצווענדן זייער גאנצע מאכט אזוינע ארגאניזאציעס צו אונטערדריקן, דער בעסטער ביישפיל איז דער פארגעשלאגענער געזעץ אין שטאט אילינאי, וואס זוכט צו פארבאטן יעדע פראטערנאלע ארגאניזאציע, וואס וועט פארמאגן קלענערע אפצאלונגען, איידער די פריוואטע אינשורענס קאמפאניעס. דאס זעען מיר אויך פון די געפארן, וועגן וועלכע באסקין האט גערעדט בא דער ארבעטער רינג קאנווענשאן.

אונטער'ן איינפלוס פון די אינשורענס קאמפאניעס, אונטער דעם איינפלוס פון די אינטערעסן פון דעם עקאנאמיש־הערשנדיקן קלאס, האבן אויך די פראטערנאלע ארגאניזאציעס זיך דערווייטערט פון זייער נאטירלעכער באזע פון די עקאנאמישע אינטערעסן פון דער מיטגלידערשאפט.

דער פראלעטארישער פראטערנאליזם דארף אט־די לאגע ענדערן. צוערשט דארף ער איינפלאנצן בא די מיטגלידער פון די פראטערנאלע ארגאניזאציעס אמת'ע ליבע און ברודערשאפט. ער דארף איינפירן דעם פראלעטארישן פרינציפ אין די צאלונגען. ער דארף אויסלערנען די מיטגלידער צו פארשטיין, אז די פראטערנאלע ארגאניזאציעס האט מען געשאפן צו לינדערן עקאנאמישע נויטן, און אז דעריבער דארפן זיי ווערן אינסטרומענטן פון קאמף פאר די באלדיקע נויטן פון זייער מיטגלידערשאפט. וועגן דעם פרינציפ פון די צאלונגען מוז קומען די אויסקריסטאליזירונג אין די ארגאניזאציעס גופא. סאציאלע פארזיכערונג איז דער קאמף פאר דער גאנצער ארגאניזאציע. סאציאלע פארזיכערונג איז דער צענטער פון קאמף אין דער איצטיקער סיטואציע, ווען עס גרופירן זיך איבער די געזעלשאפטלעכע כוחות אין אמעריקע. אזוי ארום קען געשאפן ווערן דער באדן פאר געאייניקטער אקציע, וואס מוז פירן צו אייניקייט אין דער פראטערנאלער באוועגונג. אייניקייט וועט פארשטענדלעך צוערשט קענען קומען צווישן די ארגאניזאציעס, וועלכע פילן, אז זיי פארמאגן א דירעקטע שייכות צו דעם ארבעטער קלאס. די וואס וועלן ארויסטרעטן קעגן אזא אייניקייט, שטעלן אוועק אונטער צווייפל זייער פארשטענדעניש פון די אינטערעסן פון דעם ארבעטער קלאס.

אזא גנאייניקטע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע קען ווערן דער פירער פון דער גאַנצער פראַטערנאַלער באַוועגונג. זי קען ווערן דער אָרגאַניזיר־פונקט פון די 25 מיליאָן מיטגלידער אין די פראַ־טערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. זי קען ווערן דער פירער פון די 6 מיליאָן אַרבעטער אין דער גרופּ־אינשורענס סיסטעם, פון די 50 מיליאָן פאַרזיכערטע דורך אינדאָסטריעל אינשורענס — פון אַלע 68 מיליאָן אינשורטע.

מיר ווייסן, אַז טיילן פון די אויסגערעכנטע גרופּן זיינען דופּלי־קירט. אָבער דאָס גיט צו שטאַרקייט. דאָס גיט צו פּערספּעקטיוו. יעדער אָרגאַניזירטער כוח פון איין גרופּע ווערט דער אָרגאַניזאַטאָר אין דער צווייטער גרופּע.

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן, די ערשטע פראַטער־נאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באַגריפן איר פּראָלעטאַרישן כאַראַק־טער קען ווערן דער אינסטרומענט פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אָט־דעם ריזיקן עקאָנאָמישן כוח. דאָס איז זיין פּערספּעקטיוו. דאָס איז זיין אָנגעצייכנטע היסטאָרישע ראָל. כאָטש דאָס מיינט אַ קאַמף אַ קאָמפּליצירטער, אַ שווערער, אַפילו זייער אַ געפערלעכער.

דער אָרדן מוז פאַר דעם צוועק האָבן אַ גענוי־אויסגעפּלאַנטן און גוט־צוגעגרייטן אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט. פאַר דעם צוועק מוז ער אויספאָרמירן די געהעריקע קאָמפּעטענטע קאַדרען. ציל־באַוואוסטקייט און אָרגאַניזיר־פייאיקייט מוז ווערן דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט פאַר דער אָרדן־פירערשאַפט. אָן דעם וועט ער ניט קענען דערפילן די גרויסע שליחות, וואָס די געשיכטע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, ווי דעם טרעגער פון פּראָלעטאַרישן פראַ־טערנאַליזם.

וועט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן דערפילן אָט־די וויכטיקע היסטאָרישע שליחות? צי קען דער אָרדן, זיך שטיצנדיק אויף דער מעכטיקער עקאָנאָמישער באַזע צווישן די צענדליקער מילי־אָנען פון דער האָרעפאַשנער מאַסע, ווערן דער כוח צו שפּילן אַזאַ וויכטיקע פּאָליטישע ראָל? וועט דער אָרדן דערפילן דעם מאַנדאַט פון פּראָלעטאַרישן פראַטערנאַליזם?

יאָ! לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, איז דער ענטפער אַ פּאָזיטיווער!

# אַנמערקונגען און ביבליאָגראַפיע

## ערשטער קאַפּיטל

1) ל. ק. פרײנקל, דריטער וויס־פּרעזידענט פון דער „מעטראָפּאָליטן לאַיף אינשורענס קאָמפּאַני" אין זיין בוך „דער הומאַניטאַרישער פאַקטאָר אין אינדוסטריע", 1920, זייט 310.

2) דאָרטן, זייטן 310 — 311. די און אַלע ווייטערדיקע אונטערשטרייכונגען זיינען פון דעם מחבר.

3) „לעבנס פאַרזיכערונג: עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרהעלטעּנישן". עדוואַרד א. וואודס. זייט 27.

4) פּראַטוירנאַל פילד", יוני, 1936, זייט 7.

5) פרײנקל, זייט 302.

6) דאָרטן, זייט 163.

7) „אינשורענס טעאָריע און פּראַקטיק". אַלבערט ה. מאָוברײ. 1930. זייט 451.

8) וואודס, זייטן 197 — 200.

9) „געשיכטע פון דעם אַרבעטער רינג". א. ש. זאַקס. זייט 9.

10) זע זייט 14.

11) דער פּאַרפאַסער פון באַרימטן ווערק „ראָבינסאָן קרוזאָ".

12) „די מאַלי מעגווייערס". אַנטאָני בימבאָ.

14) אינשורענס יאָר בוך, 1936 — 1937.

15) דאָרטן, זייט 437.

16) „פּרינציפּן פון לאַיף אינשורענס". וו. פּ. געפּהאַרט (פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיקס, וואַשינגטאָנער אוניווערזיטעט), ערשטער קאַפּיטל.

## צווייטער קאַפּיטל

1) קאָנסאָלידייטעד טשאַרט, 1937.

2) וואודס, זייט 22.

3) דאָרטן, זייט 51.

4) סטאַטיסטיק פּראַטוירנאַל סאָסייעטיס, 1937, זייט 96.

5) געפּהאַרט, זייטן 27 — 30.

6) אַלבערט ה. מאָובריי: „אינשורענס אין טעאָריע און פּראַק־טיק“, זייט 46.

7) געפּהאַרט, זייטן 43 — 44.

8) מאָובריי, זייט 28 — 29.

9) זע זייטן 38 — 39.

10) די אויסרעכענונג איז לויט דער טאַבעלע פון דער „אַמעריקען עקספּיריענס“ טאַבעלע פון סטאַטיסטיקס פּראָטוירנאַל סאָסייעטי, 1937, זייט 231.

12) דזשאָזעף ב. מעקליין: „לאַיף אינשורענס“. 1935. זייט 92.

13) עדוואַרד בערמאַן: „לאַיף אינשורענס — אַ קריטישער אַנאַ־ליז“. 1936. זייט 79.

14) סטאַטיסטיקס פּראַט. סאָסייעטיס, 1937, זייט 232.

## דריטער קאַפּיטל

1) זע זייטן 40, טאַבעלע 1, און 42, טאַבעלע 2, און זייט 46, טאַבעלע 4.

2) מעקליין, 1929, זייטן 2 — 9.

3) סטאַטיסטיקס פּראַטוירנאַל סאָסייעטיס, 1937, זייט 236.

4) סטאַטיסטיקס פּראַטוירנאַל סאָסייעטיס, 1937, זייט 230.

5) סטאַטיסטיקס פּראַטוירנאַל סאָסייעטיס, 1937, זייט 200.

6) מעקליין, 1929, זייט 10.

7) מאַרט און אַלבערט גילבערט, זייט 89.

8) מאָובריי, זייט 145.

9) „לאַיף אינשורענס — אַ טעקס בוך“. ס. ס. הובנער (פּראָפעסאָר פון פינאַנץ און קאָמערץ אין פּענסילווייניע אוניווערזיטעט), 1915, זייט 116.

10) הובנער, זייט 10.

11) דאָרטן, זייטן 316 — 317.

12) מאָובריי, זייט 145.

14) מאָובריי, זייט 145.

15) מעקליין, 1935, זייט 15.

# פערטער קאַפּיטל

1) זע זייט 52.

2) זע זייטן 51 — 65.

3) און 4) זע זייטן 60 — 62.

5) „פליטקרעפט קאָמפּענד“, 1937, זייט 684. דער קעש־ווערט איז פיל גרעסער, איידער מיר גיבן אָן אין קאָלום 31. דאָס איז צוליב 2 אורזאַכן: א) צוליב דעם, וואָס זיי גיבן אָן אַ נעט פּרעמיום פון $21.08, אָנשטאָט אונזערע $20.06 פאַר טויזנט דאָלאַר אינשורענס. פאַר 10 טויזנט דאָלאַר אינשורענס אין פאַרלויף פון 10 יאָר מיט קאָמפּאַונד אינטערעסט, וועט דאָס גרייכן זייער נאָענט צו דער סומע, וואָס מיר גיבן אָן. ב) אונ־זער אויסרעכענונג איז בכלל ניט געבויט אַף דעם קעש־ווערט, וואָס די אינשורענס קאָמפּאַניעס גיבן אָן, נאָר אַף דער ווירקלעכער אָפּשפּאָרונג אין דעם אונטערשייד צווישן צאָלונגען פון די 2 פּריינט אין אונזער ביישפּיל. אַזוי אַז די סומען אָנגעגעבן אין קאָלום 31 וועלן ניט אַלעמאָל שטימען מיט דער „קעש־וואַליו“. אויך צוליב דעם, וואָס מיר רעכענען בלויז 4½ פּראָצענט.

6) „פליטקרעפט קאָמפּענד“, 1937, זייט 594.

7) זע זייטן 48 — 65.

8) זע זייטן 48 — 80.

9) זע זייטן 77 — 80.

11) אינשורענס יאָר בוך, 1936 — 1937, זייט 438.

12) און 13) דאָרטן, זייט 440.

14) איבערזעצט לויט דער ציטאַטע, וואָס מאַרט און אַלבערט גיל־בערט ברייגנען אין זייער בוך „לאַיף אינשורענס אַ געזעצלעכער רעקעט“, זייט 18.

15) הובנער, זייטן 45 — 46.

אויך מעקליין שרייבט: עס קוקט ניט אויס פון גרויס וויכטיקייט, וועלכע פון די צוויי אידייען עס ווערן אָנגענומען. ביידע זיינען טעאָ־רעטיש ריכטיק... (1924, זייט 40).

16) מעקליין, 1935, זייט 72.

17) זע זייטן 40 — 47.

18) מעקליין, 1935, זייט 67.

19) הובנער, זייטן 39 — 40.

20) דאָרטן, זייט 107 — 108.

21) מאָוברײַ, זייט 454.

22) „לאַיף אינשורענס רעדט פאַר זיך אַליין". אַלבערט מ. לינטאָן, פרעזידענט פון דער אַקטשועריעל סאָסייעטי אין אַמעריקע. 1937. זייט 80.

23) דאָרטן, זייטן 47 — 48.

24) דאָרטן, זייט 25.

25) דאָרטן, זייטן 80 — 81.

26) דאָרטן, זייט 81.

27) דאָרטן, זייטן 51 — 58.

26) מעקליין, 1935, זייטן 44 — 45.

29) שניטמאַן: „ווי זיכער איז לאַיף אינשורענס?"

30) גילבערט, זייט 102.

## פינפטער קאַפּיטל

1) זע קאַפּיטלען 3 און 4.

2) זע זייטן 51 — 65.

3) זע זייטן 100 — 102.

4) זע זייטן 67 — 71.

5) קאָלום 73 איז פון סטאַטיסטיקס פראַט. סאָס., 1937, זייט 106.

6) אינשורענס יאָר בוך, 1936 — 1937, זייט 896.

7) זייט 272. לייען גוט דורך זייטן 267 — 287.

8) סטאַטיסטיקס פראַט. סאָס., 1937, זייט 103.

9) זע זייטן 58 — 61.

10) זע זייטן 51 — 65.

11) זע זייט 52.

12) סטאַטיסטיקס פראַט. סאָס., 1937, זייט 217. פאַרגלייכט מיט דער אָרדן שטערבלעכקייט דאָרטן, זייט 103.

13) זע זייטן 53 — 55.

14) זע זייט 52.

15) סטאַטיסטיקס פראַט. סאָס., 1937, זייט 217. צעטייל די גאַנצע סומע אינשורענס אין אַרבעטער רינג אַף דער גאַנצער צאָל מיגלידער.

16) דאָרטן, זייט 103. פיר דורך די זעלבע צעטיילונג.

17) „אידישער קעמפער", מאַי, 1937, זייט 16.

18) זע זייטן 108 — 110.

19) זע זייטן 51 — 65. 20) זע זייטן 92 — 148.

21) זע זייטן 108 — 113. 22) זע זייט 135.

23) זע זייטן 40 — 48.

24) אין די ספּעציעלע זייטן פאַר דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד אין „טאָג", 10טן, 17טן און 30טן יאַנואַר, 1937.

25) זע זייטן 120 — 122.

26) זע טאַבעלע 6, זייט 102.

27) זע זייטן 77 — 80.

28) פאַרבאַנד קאָנסטיטוציע, 1935, אַרטיקל 10, פּאַראַגראַף 1, זייט 15.

29) דאָרטן, זייטן 15 — 16.

30) סטאַטיסטיקס פראַט. סאָס., 1937, זייט 104.

31) „טאָג", מאָנטיק, דעם 3־טן מאַי, 1937.

32) סטאַטיסטיקס פראַט. סאָס., 1937, זייט 104.

33) דאָרטן, אַלגעמיינע סומע אינשורענס צעטיילט אויף אַלע מיט־גלידער.

34 דאָרטן לויט דעם אונטערשייד אין מיטגלידער און אינשו־רענס פון 1935 און 1936.

35) „פריינד", יוני־יולי, 1937, באַסקינ'ס באַריכט, זייט 61.

36) אָרדן קאָנסטיטוציע, 1935, אַרטיקל 21.

37) זע זייט 13.

38) „פריינד", יוני־יולי, 1937, באַסקינ'ס באַריכט, זייט 61.

39) זע זייטן 58 — 61.

40) „פריינד", יוני־יולי, 1937, זייט 55, קאָלום 2.

41) דאָרטן, זייט 79. 42) דאָרטן, זייט 62.

43) דאָרטן, זייט 60. 44) דאָרטן, זייט 36.

45) און 46) דאָרטן, זייט 59. 47) דאָרטן, זייט 58.

48) דאָרטן, זייט 68. 49) און 50), דאָרטן, זייט 57.

51) זע זייטן 110 — 113.

52) סטאַטיסטיקס פראַט. סאָסייעטיס, זייט 28.

53) זע טאַבעלע 2, קאָלום 11, און פאַרגלייך מיט טאַבעלע 4, קאָלום 15. און אויך טאַבעלע 21, קאָלום 4 און 6.

## זעקסטער קאַפּיטל

1) געפּהאַרט, זייט 34 — 35.

2) מעקליין, 1935, זייט 385.

3) „געזעלשאַפטלעכער קאָסט פון אינדוסטריעלע אינשורענס". דר. מאָרים טעילאָר.

4) אינשורענס יאָר בוך, 1936 — 1937, זייט 340.

5) מעקליין, 1935, זייט 385.

6) אינשורענס יאָר בוך, 1936 — 1937, זייט 436.

7) דאָרטן, זייט 437.

8) טעילאָר.

9) אינשורענס יאָר בוך, 1936 — 1937, זייט 437.

10) מעקליין, 1935, זייטן 390 — 391.

11) טעילאָר.

12) טעילאָר.

13) זע זייטן 16 — 18.

14) קאָנסאָלידייטעד טשאַרט, 1936, זייט 3.

16) פריינקל, זייט 299.

17) דאָרטנט, זייט 300.

18) דאָרטן, זייט 5.

19) דאָרטן, זייט 306.

20) וואודס, זייט 128.

21) דאָרטן, זייט 130.

22) דאָרטן, זייט 131.

23) זע זייטן 149— 164.

24) זע זייט 178.

25) מאָובריי, זייטן 452 — 453.

26) פריינקל, זייט 306.

27) דאָרטן, זייט 305.